STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01204

DI GESHIKHTE FUN YIDISHEN LEGYON

Vladimir Jabotinsky

Permanent preservation of this book was made possible by
by Diane Podell in memory of Louis H. & Muriel Zalkin Kopperman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וולי זשאבאָטינסקי

וול. זשאַבאָטינסקי.

די געשיכטע פון אידישען לעגיאָן

א בינטעל פערזענליכע זכרונות
פונ׳ם גרינדער און שאַפער פון
אידישען לעגיאָן.

פערלאַג „יהודיה" ווארשא
1929

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner,
Warszawa Nowolipki 6

די געשיכטע פון אידישען לעגיאָן

קאַפּיטעל איינס

שפּעט אין ווינטער פון יאָהר 1914, קומענדיג פון אַ איטאַליענישען פּאָרט, האָט מיין דאַמפּער געלאַנדעט אין אַלעקסאַנדריען (מצרים). בשעת דער ענגלישער פּאַס-בעאַמטער האָט געדרעהט אין די הענט מיין רוסישען פּאַס און געזוכט, צווישען אַ דרייסיג פרעמדע וויזעס, די ערלויבעניש אַריינצופאָהרען קיין עגיפּטען, האָט ער אין דערזעלבער צייט געשמועסט מיט אַ בעקאַנטען זיינעם, און איך האָב געהערט איהם זאָגען: „מיט עטליכע טעג צוריק האָט אַ שיף פון יפו געבראַכט כמעט אַ טויזענד ציוניסטען, וואָס די טערקען האָבען אַרויסגעטריבען פון ארץ-ישראל".

דער קריג האָט שוין דאַן אָנגעהאַלטען דעם פינפטען חודש, און מעהר ווי פיר חדשים בין איך שוין געוועזען נע-ונד אין פערשידענע לענדער. אַ צייטונג פון מאָסקווע, די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי", האָט מיך געשיקט שטודירען די לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן קריג. אין שוועדען האָב איך געדאַרפט אויספאָרשען, צי דער פערדאַכט פון בערימטען סווען-העדין, אַז רוסלאַנד וויל פון זיי אַוועקנעהמען אַ פּאָרט אויפ'ן וואַרעמען גאָלף-שטראָם, וואו דאָס וואַסער פרירט נישט אין ווינטער, איז באמת פערשפּרייט אין די פאָלקס-שיכטען, און צי ס'איז פאַרהאַן אַ סכנה, אַז צוליב דעם וועט זיך שוועדען פערבינדען מיט דייטשלאַנד און ערקלערען אונז קריג. אין ענגלאַנד איז מיין אויפגאַבע געוועזען צו דערוויסען זיך, אויף ווי ווייט איז דאַ אמת אין יענער

חכמה, וואָס אַ סך ליצנים האָבען דעמאָלט איבערגע׳חזר׳ט אין אַלע עקען אין רוסלאַנד—דאָס ענגלאַנד איז „גרייט צו שלאָגען זיך ביז צו דעם לעצטען רוסישען סאָלדאַט". אין פראַנקרייך איז נישט געווען וואָס „אויסצופאָרשען", ווייל וועגען דער שטימונג פון די פראַנצויזען איז נישט געווען קיין ספק; דאָרטען האָב איך געמוזט פשוט צוקוקען זיך צום פראָנט-לעבען. בעזוכען רהיימס, כדי צו בעריכטען, צי די דייטשען האָבען באמת צעשטערט די שענע קאַטעדראַלע, און אויך בעריכטען, צי פּאַריז איז אומעטיג אָדער האָפנונגספול. „פּאַריז" איז אָבער שוין געווען אַריבערגעפיהרט קיין באָרדאָ, ווייל די רעגירונג האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער בעדראָהטער הויפּט-שטאָט. איך בין אַלזאָ געפאָהרען קיין באָרדאָ; אין אַ רעגענדיגען מאָרגען, האָב איך געלעזען אין די צייטונגען אַ דעפּעשע, דאָס טערקיי האָט ערקלערט קריעג און אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע מחמדאַנישע פעלקער, אויפצושטעהן אין אַ הייליגער מלחמה געגען זייערע אייראָפּעאישע בעהערשער.

ביז יענעם מאָמענט האָב איך זיך געפיהלט אין באָרדאָ פשוט אַלס בעאָבאַכטער פון דער מלחמה, אָהן קיין טיפע סימפּאַטיעס צו איין זייט אָדער צו דער אַנדערער. דער טערקישער אַרויסטריט אָבער האָט דאָס אינגאַנצען פערענדערט. נאָך פון יאָר 1909, ווען איך האָב פערבראַכט אין יונג-טערקישען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, רעדאַגירענדיג הינטער די קוליסען פיער ציוניסטישע צייטונגען, האָב איך אַרויסגעטראָגען די פעסטע איבערצייגונג, אַז דאָרטען, וואו דער טערק הערשט, טאָר קיין זון נישט שיינען און קיין גראָז נישט וואַקסען, און אַז די איינציגע האָפענונג פון ציוניזם ליגט אין דער צעשטערונג פון דער טערקישער מלוכה, דאָרטען אין באָרדאָ, לייענענדיג יענע טעלעגראַמע, האָב איך זיך אויף אָרט און שטעל „בעקעהרט" און געוואָרען אַ הונדערט-פּראָצענטיגער אָנהענגער פון די פערבינדעטע. און ביז היינט קען איך נישט פערשטעהן, פאַרוואָס ביי פיעל אַנדערע ציוניסטען האָט דערזעהבער פּראָצעס געמוזט דויערען אַזאַ לאַנגע צייט. ס׳איז דאָך געווען קלאָר: וואָס עס וועט זיין מיט אידען אין רוסלאַנד, פּוילען, גאַליציען, איז הגם זעהר וויכטיג, אָבער דאָך אַ קלייניגקייט אין פערגלייך צו די מעגליכקייטען, וואָס ענטשטעהען פאַר אונז מיט דער צערשטיקלונג פון טערקיי.

וועגן דעם, אַז טערקיי, קוים האָט זי זיך אַריינגעמישט אין קריעג, וועט מוזען אונטערגעהן, איז ביי מיר נישט געווען קיין ספק. דאָס איז שוין נישט געווען קיין „געפיהל", נאָר אַ פּשוטער קאַלטער חשבון. איך האָב אַנ'אונגעהויערען גלויבען אין קאַלטע חשבונות. עסטרייך און טערקיי האָב איך זייט יאָהרען גוט געקענט—אין ביידע אָבגעלעבט אַ לאַנגע צייט, שטענדיג אַלס אַ קאָרעספּאָנדענט פון צייטונגען; און איך האַלט שטאַרק פון זשורנאַליסטישען בערוף און בין איבערצייגט, אַז אַנ'אָרענטליכער צייטונגס־מאַן ווייסט שטענדיג מעהר און בעסער, ווי אַ מיניסטער אָדער אַ פּראָפעסאָר. איך האָב געוואוסט, אַז עסטרייך בעשטעהט פון שטיקלעך, וואָס האַסען איינס דאָס אַנדערע; און איך האָב געוואוסט, אַז טערקיי איז נישט קיין מלוכה, נאָר אַ טרויעריגע מיספּערשטענדניש. צי דייטשלאַנד וועט בעזיגט ווערען, האָב איך נישט געוואוסט. — אַפילו אַ זשורנאַליסט קאָן אויך נישט זיין קיין נביא. אָבער אַז עסטרייך און טערקיי וועלען בעצאָהלען אַלע הוצאות פון דער מלחמה, וועגען דעם האָב איך אויף אַ מינוט נישט געצווייפעלט. שטיין און אייזען קאָנען אַריבערטראָגען אַ שרפה, אָבער אַ הילצערן הייזעל מוז פערברענט ווערען, אויב עס טרעפט נישט אַ נס — און דער צווייטער פעסטער גלויבען מיינער איז תמיד געווען אַט דער: נישטאָ קיין נסים.

געננוי, אין וועלכען מאָמענט ס'איז ביי מיר געבוירען געוואָרען דער לעגיאָן־געדאַנק, צי דאָרטען אין באָרדאָ, צי פריהער, צי שפּעטער,— ווייס איך נישט. איך האָב אָבער אַ סברא, אַז בכלל איז דאָ נישט געווען קיין מ אָ מ ע נ ט. די מעהרסטע ציוניסטען וועלען מודה־זיין, אַז זיי געדענקען נישט דעם מ אָ מ ע נ ט, ווען זיי זענען „געוואָרען" ציוניסטען. אַ איד, אויב ער האָט אַ נאָרמאַלען מח, ווערט שוין געבוירען מיט'ן ציוניסטישען מיקראָב אין זיין גייסט, כאָטש ער מעג וועגען דעם גאָרנישט טראַכטען ביז ער ווערט אַלט. איך גלויב, אַז ס'איז פאַר מיר געווען תמיד קלאָר, נאָך לאַנג פאַרן קריעג: אויב ס'וועט אַמאָל זיין אַ מלחמה צווישען ענגלאַנד און טערקיי, מוזען אידען שאַפען אַ גדוד און העלפען ערא־בערן ארץ־ישראל—כאָטש איך האָב וועגען דעם פריהער נישט געטראַכט. עס איז אַ נאָרמאַלער געדאַנק, און איך האָב אַ פּרעטענזיע צו זיין אַ נאָרמאַלער מענטש, — דאָס, וואָס די געעהרטע

געגנער מיינע רופען „אַ גויאישער קאָפּ״, — און אפשר זענען זיי גערעכט.

אין באָרדאָ האָב איך בעקומען אַ טעלעגראַמע פון מיין צייטונג: „בעזוכט מחמדאַנישע לענדער פון צפון-אַפריקא צו שטודירען דעם עפעקט פון דער טערקישער פראָקלאַמאַציע פון הייליגען קריעג״. האָב איך אַלזאָ בעשלאָסען צו פאָהרען קיין מאַראָקאָ, אַלזשיר און טוניס (דאָס זענען פראַנצויזישע בעזיצונגען, וואו די איינוואוינער זענען מוסולמענער), און אויך אין ענגלישען מצרים.

געפאָהרען בין איך נאָך מאַדריד. דאָרטען האָט דאַמאָלס געוואוינט מאַקס נאָרדוי, ווייל די פראַנצויזען זענען בעגאַנגען די אונגעלונגענע הכמה אַרויסצושיקען איהם אַלס אַנ׳„עסטרייכער״ פון פראַנקרייך, וואָס איז געווען זיין אמתע היימאַט. איך האָב איהם געשטעלט די פראַגע: „זאָלען מיר פרובען צו שאַפען אַ אידישע אַרמעע און פאָרשלאָגען ענגלאַנד צו בענוצען זיך מיט איהר אויפ׳ן נייעם פראָנט—ארץ-ישראל?״ ער איז געווען סקעפּטיש. דער געדאַנק איז אַ ריכטיגער—האָט ער געזאָגט—אָבער וואו געפינט מען אידישע סאָלדאַטען? ענגלישע און רוסישע אידען דינען אין זייערע אַרמעען; אין נייטראַלע לענדער איז כמעט נישטאָ קיין אידען; און דערצו נאָך די אַלטע, נאַרישע אידישע „שווערמעריי״ פאַר׳ן טערק, פאַר׳ן „פעטער ישמאל״, וואָס נאָרדוי אַליין האָט פון איהר געליטען. איהר געדענקט מיין רעדע אויפ׳ן האַמבורגער קאָנגרעס, אין 1909, וואו איך האָב זיך דערלויבט אויפצוהויבען אַ פּראָטעסט געגען דער אַסימילאַטאָרישער טענדענץ פון די יונג-טערקען? כ׳קען ביז היינט נישט פערגעסען די צרות, וואָס איך האָב נאָכדעם געהאַט פון אונזערע סענטימענטאַלע אידיאָטען. וואָס הייסט, טשעפען דעם פעטער ישמאל?״

— הער דאָקטאָר,—האָב איך געזאָגט, — ס׳איז דאָך אַ לעגענדע, ישמאל איז אונז נישט קיין פעטער. מיר געהערען, ברוך השם, צו אייראָפּאַ; צוויי טויזענד יאָהר האָבען מיר געהאָלפען שאַפען די וועסטליכע קולטור. מיט „מזרח״ האָבען מיר גאָרנישט וואָס צו טהון. פון אייך אַליין האָב איך געהערט, אין איינער פון אייערע קאָנגרעס-רעדעס, אָט די ווערטער: „וויר געהן נאָך פּאַלעסטינאַ, און די מאָראַלישע

גרעניצען אייראָפּאַס ביז נאָך דעם איפּראַטעס (פּרס) צו פּערשיעבען״. דער טערק איז אונזער גרעסטע סכנה.

אַ טיף וואָרט האָט דער אַלטער מייסטער דערויף געענטפערט, נאָר אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, ווי טיף עס איז געווען. ער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קלוגען קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס, מיין יונגער פריינד, איז לאָגיק. לאָגיק איז אָבער אַ גריכישע קונסט; אידען האָבען זי פיינד. דער איד לערנט, נישט פון שכל — ער לערנט פון קאַטאַסטראָפען. ער קויפט נישט קיין רעגען-שירעם, ווייל ס׳איז דאָ וואָלקענס אויפ׳ן הימעל; ער וואַרט, ביז ער ווערט נאַס און בעקומט אַ קאַטאַר — דעמאָלט דערמאָהנט ער זיך, אַז מען דאַרף קויפען אַ שירעם.

אין מאַראָקא, אין אַלזשיר, אין טוניס, האָב איך „געפּאָרשט״, צי דער טערקישער רוף האָט געמאַכט עפּעס אַנ׳איינדרוק, צי ס׳איז דאָ אַ סכנה פון אַ מחמדאַנישען אויפשטאַנד. אַנ׳עצה פאַר יונגע זשורנאַליסטען: אין אַזאַ פאַל מאַכט מען נישט קיין אינטערוויאו מיט קיין מחמדאַנער—דער מחמדאַנער איז בכלל אַ דיפּלאָמאַט, בעזונדערס ווען ער האָט פאַר עפּעס מורא — נאָר מען זוכט אויס קלוגע אידישע סוחרים, ספרדישע אידען, וואָס לעבען דאָרטען שוין דריי אָדער פיער הונדערט יאָהר. בשעת עס האַנדעלט זיך נישט וועגען זיינע אייגענע אידישע אינטערעסען, האָט דער איד יאָ אַ וויטען און אַ שאַרפען קוק. ער לעבט מיט די אַראַבער, פאַר איהם רעדען זיי זיך אַמאָל אויס גאַנץ אָפען; און אַפילו בשעת זיי דערצעהלען איהם ליגענס, איז פון זייער אַרט ליגען הערט ער דאָס, וואָס זיי דענקען בסוד. און אָט די אידען האָבען מיר אַלע פערזיכערט, פון טאַנזשיר ביז טוניס — און די געשיכטע האָט בעוויזען, אַז דאָס איז געווען אמת:

— רוף צו הייליגער מלחמה? וויסען ווייסען זיי פון דעם, אָבער ס׳אַרט זיי ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. נאָר ביי אייך, ביי נאַאיווע אייראָפּעער, גלויבט מען נאָך, אַז דער איסלאַם איז אַ פּאָליטישער כח, וואָס קאָן פעראייניגען פערשידענע פעלקער צו איין פּאָליטישער אויפגאַבע. דער טערק אַליין גלויבט אין דעם נישט; שוין אַ הונדערט יאָהר כסדר האַלט אייראָפּאַ אין איין קלאַפּען דעם טערק, אָבנעהמען ביי איהם די שענסטע שטיקער ערד, און קיין איינציגע מוסולמאַנישע אומה

האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, צו העלפען דעם סולטאַן, כאָטש ער הייסט „קאַליף פון אַלע מחמדאַנער". דער דייטש, וואָס איז פונקט אַזוי נאַאיוו, ווי אַלע אַנדערע אייראָפּעער, האָט איהם איינגערעדט, צו פּראָבירען נאָכאַמאָל. פוסטע דבורים. פאַר'ן טערק וועט זיך דאָ קיין איינציגע נשמה פון אָרט נישט ריהרען. איהר וועט נאָך זעהען מוסול-מאַנישע סאָלדאַטען, אַפילו פרייוויליגע, וואָס וועלען שיסען אויפ'ן סול-טאַנס אַרמעע און אויף זיינע פערבינדעטע.

און אַזוי איז דאָס געווען.

אין אַלעקסאַנדריען האָב איך אונערוואַרטעט געטראָפען אַ גאַנץ לעבעדיגע ציוניסטישע סביבה. עטליכע טויזענט פליכטלינגע האָט די שיף געבראַכט פון יפו. פּלוצלונג, אָהן אַ שום סבה, האָבען די טערקען געהייסען די אַראַבישע פּאָליציי צו כאַפּען אידען אינמ'טען דער גאַס און אַריינפּאַקען זיי אין שיפלעך. די פּאָליציי—פעטער ישמעאל—האָט דאָס אויסגעפיהרט מיט גרויס מסירות-נפש, פונאַנדערטיילענדיג פּעטש, ראַבירענדיג בעבעכעס און מזומנים. און אין ים, אַ הונדערט מעטער פון איטאַליענישען דאַמפּפער, פלעגט דער אַראַבישער בעל-הבית פון אַ שיפעלע אָוועקשטעלען זיין ספינה און פערלאַנגען אַ פונט פאַר יעדען „פּאַסאַזשיר", אַ נישט, וואַרפט ער זיי אין וואַסער... איך האָב זיך בעמיהט צו פערשטעהן, פאַרוואָס מ'האָט אַרויסגעטריבען דוקא אָט די אידען און נישט אַנדערע! עס זענען צווישען זיי געווען סוחרים, בעלי-מלאכות, ווייבער, קינדער, גימנאַזיסטען, דאָקטוירים. ביז היינט ווייס איך נישט, וואָס איז געווען דאָס „סיסטעם".

די ענגלישע רעגירונג האָט געגעבען באַראַקען און געלט; האָט געשאַפען אַ בעזונדערען דעפּאַרטאַמענט פאַר פליכטלינגס-ענינים מיט אַ פיינעם פריינדליכען ענגלענדער בראש—מר. האָרנבלאָער האָט ער געהייסען. איך געדענק נאָך זיין נאָמען; מרס. בראָדבענט האָט געהייסען די פרוי וועלכע האָט פערוואַלטעט מיט דעם גרעסטען פון די באַראַקען

„גאַבאַרי״, און וואָס די קינדער האָבן איהר גערופען „הגברת הלבנה״, עטליכע וואָכען האָב איך אויך געאַרבייט אין גאבארי: ס׳איז געווען אַ מחנה פון 1200 נפשות, פון זיי — דרייהונדערט ספרדים. מיר האָבן בעשאַפען צוויי קיכען, אַנ׳אשכנזישע און אַ ספרדישע (פריהער איז געווען נאָר איינע, אָבער די ספרדים האָבן געמאַכט אַנ׳אמת׳ן אויפשטאַנד און בעזונדערס האָבן זיי זיך בעקלאָגט אויפן „סופ״, וואָס זיי האָבן איהם פיינד ווי סם המות), אַ העברעאישע שולע, אַן אַפּטייק, און בכלל אַ גאַנצע זעלבסטפערוואַלטונג, אַפילו מיט אַ גדוד פון „נוטרים״ (וועכטער). אין דער מחנה האָט מען געקענט הערען אַ צוועלף שפּראַכען אַ חוץ העברעאיש; אַ גליק, וואָס אַלע קינדער, כמעט אַלע מענער און אַ טייל פון די ווייבער, האָבן געקענט העברעאיש — אַ נישט, ווייס איך נישט, ווי מען וואָלט געקאָנט אָרגאַניזירען אַזאַ קבוץ גליות, מיט אַ בוכאַרישען צימער, אַ מאַראָקאַנישען צימער, אַ גרוזינישען, עטליכע שפּאַניאָלישע — און אַ צימער פון די יפו׳ער גימנאַזיסטען, וועלכע האָבן נישט געוואָלט נעהמען קיין כיבין, אויב דער אַפּטייקער קען נישט קיין העברעאיש. איך דערמאָהן זיך דערביי, אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָבן אָט די גימנאַזיסטען אָרגאַניזירט אַ פוטבאָל-קלוב און געהאַט אַ זיעגרייכען מעטש מיט די אַלעקסאַנדריער סקויטען.

יעדען אינדערפריה פלעגט קומען אַ גרויסער אַרמעע-וואָגען, מיט אַנ׳אויסטראַלישען סאָלדאַט אויף דער קאָזלע, מיט צוויי ריזיגע אויסטראַלישע פערד — מיט׳ן איינציגען צוועק צו געבען אַ „שפּאַציר״ די קלענערע קינדער פון דער מחנה. די אויסטראַלישע סאָלדאַטען האָבן זיך אויסגעלערנט רופען אויף העברעאיש: „ילדים, הנה!״ — און אין אַ מינוט איז דער וואָגען געווען פול מיט פיצלעך קינדער. אַמאָל פלעגט צו אונז קומען איינער פון די אויסטראַלישע אָפיצירען — לייטענאַנט אליעזר מאַרגאָלין: געשטאַנען, געקוקט, נעפּלוידערט אויף געבראָכענעם גוי׳אישען אידיש, און מסתמא נישט גע׳חלומ׳ט, אַז אין עטליכע יאָהר אַרום וועט ער זיין אַ קאָמאַנדיר פון איינעם פון די אידישע באַטאַליאָנען, און אָט די זעלבע „נוטרים״ וועלען זיין צווישען זיינע סאָלדאַטען.

די ספרדישע קהלה פון אַלעקסאַנדריען האָט שען און כשר געצפענט איהר האַרץ און איהר קעשענע. דער רב הגדול רפאל דעלאַ

פערגאָלאָ, אַ פיין געבילדעטער פלאָרענטינער (ער איז שוין לײדער געשטאָרבן), זיין געהילף, חכם אברהם אביכזייר, דער באַנקיר עדגאַר סואַרעס, דער סוחר יוסף דע-פיטשאָטטאָ, האָבן געאַרבייט אין ביוראָ, געזאַמעלט געלד, קליידער, בעטציג, ביכער און פערטראָטען די פליכטלינגע פאַר דער רעגירונג. פון אשכנזישער זייט האָבן אויך נישט געפעהלט קיין כלל-טהוער: דער אַלטער לעוואָנטין, הויפט-דירעקטאָר פון אונזער באַנק אין ארץ-ישראל, האָט געקריגען קרעדיט ביי די עגיפּטישע בענק און האָט געטיילט געלד צו יענע פליכטלינגע, וואָס האָבן געהאַט דעפּאָזיטען אין יפו; גלוסקין, פּרעזידענט פון דעם ראשון-לציון'ער וויין-קעלער פלעגט יעדען טאָג אַרומפאָהרען אויף אינספּעקציע פון איין באַראַק אין אַנדערען; מאַרגאָליס אַ הויפּט-פערטרעטער פון נאָבעלס אייל-קאָמפּאַניע אין אָריענט, איז געווען דער קאַסירער. נישט-אידישע פּרייוויליגע מיטאַרבייטער זענען אויך דאָ געווען. בעזונדערס געדענק איך די שענע פראַנצויזין, די פרוי פון אידישען באַראָן פעליקס דע-מנשה; און איך מוז מודה זיין, בשעת זי פלעגט, ברענגען אויף „גאַבארי" אַ וואַגען מיט פריש ברויט, האָב איך זיך שטענדיג געוואונדערט, ווי קלוג זי איז אָנגעטהון: זעהר פּשוט און נאָך מיט „שיק". עס האָט אויסגעזעהן, אַז ס'איז דאָ ביי די פּאַריזער מאָדיסטען אַ ספּעציעלער מאָדעל. טואַלעטען פאַר בעזוכען אָרימעלייט...

אָט דאָ, אין „גאבארי", איז געבוירען געוואָרען דער אידישער גדוד. צוויי מענשען האָבן דערביי געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע: דער רוסישער קאָנסול פּעטראָוו און יוסף טרומפּעלדאָר.

קאַפּיטעל צוויי

קאָנסול פּעטראָוו איז געווען אַ הייסער רוסישער פּאַטריאָט. צי ער האָט פיינד געהאַט אידען צי נישט, בלייבט אַ ספק.—אַזוי ווי איך אַליין בין נישט קיין גרויסער „בעוואונדערער" פון גויים האַלט איך דאָס פּאַר אונגערעכט, נאָכצופאָרשען אָט דעם ווינקעל פון זייער נשמה. אָבער אַ פּאַטריאָט איז ער געווען, און דערצו אַ שטייפער, היצערנער ביוראָקראַט פון אַלטען קלאַסישען שטייגער. צווישן די יונגע לייט אין אונזערע מחנות זענען געווען עטליכע הונדערט רוסישע. לויט דעם אַלטען טראַקטאַט צווישען מצרים און רוסלאַנד („קאַפּיטולאַציעס" איז געווען דער נאָמען פון אָט דעם סיסטעם), האָט ער געהאַט עקסטעריטאָריאַלע רעכט איבער אַלע רוסישע אונטערטאַנען אין עגיפּטען. האָט ער פלוצלונג געשטעלט די פאָדערונג, אַז די יונגע לייט זאָלען פאָהרען דינען אין רוסלאַנד.

ס'איז געווען אַנ'אונאַנגענעהמע לאַגע. לויט די „קאַפּיטולאַציעס", איז די ענגלישע רעגירונג אין מצרים פערפליכטעט געווען אויסצופיהרען אַזאַ פאָדערונג מיט דער גאַנצער פּאָליציי-מאַכט.

אַ דעפּוטאַציע איז געגאַנגען צום ענגלישען גאָווערנער; און דאָ האָב איך, אַנ'אַלטער אָנהענגער פון ספרדישע אידען (דאָס זענען די פיינסטע אידען אין דער וועלט.), געזעהן נאָך איין מעלה זייערע, וואָס איך האָב פריהער נישט געוואוסט: ווי אַ ספרדישער איד רעדט מיט אַ גאָווערנער אין אַ מדינה מיט קריעגס-צושטאַנד.

דער הויפּט-רעדנער פון דער דעלעגאַציע איז געווען עדגאַר סוּאַרעס, אַ רייכער באַנקיר, אַ מאַן פון עטליכע און פופציג יאָהר,

אַ פּערביסענער אַסימילאַטאָר; מיט׳ן גאָווערנער פלעגט ער, מסתמא, יעדן אָוונד שפּילן פּאָקער אין קלוב—אָבער ס׳איז פּאָרט אַ גאָווערנער.

פרעגט ביי איהם סוּאַרעס:

— איהר געדענקט, עקסעלענץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען דאָ אין אַלעקסאַנדריען מיט צוויי יאָהר צוריק, בשעת דערזעלבער קאָנסול, פּעטראָוו, האָט געוואָלט אַרעסטירען דעם רוסישען אידען ר., וואָס איז געווען אַ „פּאָליטישער פערברעכער״ אין רוסלאַנד?

— כ׳געדענק, — זאָגט דער גאָווערנער, אַביסעל אומעטיג, ווייל ער האָט נישט פערגעסען די געוואַלדיגע מאַניפעסטאַציע פון צעהן טויזענד ספרדים אין די גאַסען, און ער ווייס, אַז אָט-דער סוּאַרעס איז דעמאָלט געגאַנגען בראש פון די דעמאָנסטראַנטען

— איהר געדענקט, — פרעגט ווייטער סוּאַרעס,—ווי איהר האָט געמוזט אַרויסרופען די פייערלעשער, כדי צו באַגיסען די מאַניפעסטאַנטען מיט וואַסער פון די פּאָמפּעס, — און דאָך האָט מען דעם אידען נישט אַרויסגעגעבען?

— צי איך געדענק! — זאָגט דער גאָווערנער מיט אַ שמייכעל, וואָרום סוף כל סוף איז ער אַ ספּאָרטסמען און האָט ליעב אַ קאָכעדיג שטיקעל „אַרבייט״—וואָס האָב איך געקאָנט טהון, אַז עפּעס אַ שייגעץ האָט איבערגעשניטען די פּאָמפּע.

— איך בין געווען יענער שייגעץ,—ענטפערט סוּאַרעס מיט גרויס שטאָלץ.

דער גאָווערנער צולאַכט זיך.

— זייט רוהיג, — זאָגט ער, — אייערע יונגע לייט וועלן מיר אויך נישט אַרויסגעבען; נאָר די זאַך בלייבט דאָך אַ „פערפלאָנטער-טע״ — אַן אָבמאַך, אַ קריעגס-צייט... אָבער וועגען אַרויסגעבען—איז קיין רייד נישט.

נאָך אָט דעם בעזוך בין איך געגאַנגען זיך בעקענען מיט טרומפּעלדאָר׳ן. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז געווען צווישען די אַרויסגעטריבענע, אָבער געזעהן האָב איך איהם נאָך נישט. ער האָט געוואוינט ערגעץ-וואו אין אַ פּריוואַטען צימער. קאָנסול פּעטראָוו מעג זיין וואָס ער איז, אָבער אַ קאָרעקטער מענש איז ער יאָ געווען. ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז צווישען די פליכטלינגע איז דאָ אַ

געוועזענער רוסישער אָפיציער, וואָס האָט פערלוירען זיין לינקע האַנד אין פּאָרט-אַרטור, האָט ער צו איהם געשיקט זיין סעקרעטאַר — איבער-צוגעבען איהם אַ גרוס און צו זאָגען, אַז די פּענסיע, אויף וועלכע טרומפּעלדאָר האָט געהאַט רעכט, קאָן ער יעדען חודש בעקומען פון היגען קאָנסולאַט. טרומפּעלדאָר האָט דעריבער נישט געדאַרפט קיין הילף — להיפוך, האָט נאָך אויסגעהאָלפען אַנדערע.

איך האָב וועגען טרומפּעלדאָר'ן נאָך געהערט אין רוסלאַנד. קורץ, בעשטעהט זיין געשיכטע פון פאָלגענדע פאַקטען:

געבוירען אין 1880, אין קאַווקאַז; זיין פאָטער איז געווען איינער פון יענע אייזערנע מענשען, וואָס זענען איבערגעקומען דעם גיהנום פון ניקאָלאַי דעם ערשטענס קאַזאַרמע — פינף-און-צוואַנציג יאָהר! — נישט פערלירענדיג נישט דאָס געזונד, נישט דאָס אידישקייט. אין אוניווערזיטעט האָט מען יוסף'ן נישט אויפגענומען, צוליעב דער פּראָצענט-נאָרמע, און ער איז געוואָרען אַ דענטיסט. דאַן איז געקומען מיליטער-דינסט און דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג. טרומפּעלדאָרס פּאָלק האָט מען געשיקט אין פּאָרט-אַרטור, און דאָרטען האָט ער אויסגע-האַלטען די שרעקליכע עלף חדשים פון בעלאַגערונג. דאָרטען האָט ער פערלוירען די לינקע האַנד, כמעט ביז צו דער פּלייצע; אָבער ווי ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער תיכף געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם שיקען צוריק אויפ'ן פראָנט. נאָכן פאַלען פון פּאָרט-אַרטור איז ער געגאַנגען מיט דער גאַנצער אַרמיי פון גענעראַל סטעסעל אין יאַפּאַ-נישער געפאַנגענשאַפט — און האָט דאָרטען געגרינדעט ציוניסטישע פעראיינען און געזאַמעלט אויף קרן-קימת. נאָכן קריעג האָט מען איהם גע-געבען אַ ראַנג פון אָפיציער, און ביז 1917 איז ער געווען, אַזוי ווייט ווי ס'איז מיר בעקאַנט, דער איינציגער איד אין רוסישען אָפיציערען-רעגיסטער. ער איז אַריין אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, האָט געענדיגט אַלס יוריסט, און איז תיכף אַוועקגעפאָרען קיין ארץ-ישראל.

דאָרט האָט ער געאַרבייט אין דגניה און אַנדערע אַרבייטער-גרופּען; אַלע זיינע חברים זענען מודה, אַז מיט זיין אייגן האַנד איז ער דאָך געווען דער שטאַרקסטער און דער בעסטער פון אַלע לאַנד-אַרבייטער.

כ'האָב איהם געפונען אין דער היים. ער האָט אויסגעזעהן אינגאַנצען ווי אַן'ענגלענדער אָדער אַ שוועד. ציעמליך הויך, שלאַנק, מיט קורץ-געשאָרענע האָר, גלאַט ראַזירט, מיט דינע ליפּען און אַ רוהיגען שמייכעל. גערעדט אַ פיינעם רוסיש, כאָטש אין ארץ-ישראל האָט ער זיך אויסגעלערנט אַביסעלע „זינגען" רעדענדיג. זיין העברעאיש איז געווען לאַנגזאַם, און וואָרט-אָרים, אָבער גענוי; זיין אידיש—שרעקליך. ער איז געווען גוט געבילדעט, שטאַרק בעלעזען אין רוסישער ליטעראַטור, און האָט אַפּנים אַסך געטראַכט וועגען יעדער געלעזענער שורה. ביז היינט ווייס איך נישט, צי ער איז געווען דאָס, וואָס ביי אונז אידען רופט מען „אַ קלוגער". איך גלויב, אַז ניין. אין אָט-דעם וואָרט שטעקט ביי אונז אַ געמיש פון בעגריפען — שאַרפקייט, שפּיציגקייט, איבערגעשפּיצטקייט, אַ פעהיגקייט צו פערדרעהען גאַנץ פּשוטע זאַכען, אַריינטיעפען זיך אין אַ ענין, וואָס איז גאָרנישט טיעף, חכמ'נען זיך וועגען יענעמס ערנסט, בכלל דערגרייכען דעם לינקען אויער מיט דער רעכטער האַנד הינטער'ן קאַרק. דאָס האָב איך ביי איהם, גליקליכערהייד, נישט געפונען. אָבער אַ קלאָרען, גלייכען מח האָט ער יאָ געהאַט; און אַ טיעפען, שטילען הומאָר, וואָס האָט איהם געהאָלפען תיכף ומיד צו אונטערשיידען, צי די זאַך איז וויכטיג אָדער נישט. און אויב אַפילו וויכטיג, האָט ער פון איהר אויך גערעדט אָהן פייערליכקייט, אָהן רעש און טאַראַראַם, קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז אין די גרעסטע ערנסטע געשעהענישען פון לעבען איז אויך דאָ אַ הומאָריסטישע זייט — און אַז דאָס איז אויך גוט און טאָר נישט פערגעסען ווערען. בכלל איז זיין געשפּרעך געווען ניכטער און געלאַסען, אָהן סענטימענטאַליטעט, אָהן פּאַטאָס, אָהן שטאַרקע אויסדריקען. דאָס לעצטע האָט איהם אַפילו די רוסישע קאַזאַרמע נישט אויסגעלערנט. איך מוז זיך מתודה-זיין, אַז איך אַליין, בשעת ס'קומט מיר אויס רעדען רוסיש און דערביי ווערען צוהיצט, נוץ איך אויס ביז'ן סוף יענעם חלק פון רוסישען וואָרט-אוצר, וואָס מעז טאָר איהם נישט דרוקען אויף פּאַפּיער;

אַ צוויי מאָל האָב איך אַפילו בעוויזן אָט-דעם מין צלאקווענץ אין טרומפּעלדאָרס געגענוואַרט. ס'האָט איהם נישט שאָקירט, ער האָט אַפילו געשמייכעלט און געזאָגט: „זדראַוואָ!" ווי אַנ'אומפּאַרטייאישער ליטע-ראַרישער קריטיקער, וואָס האָט אויסגעהערט אַ געדיכט; אָבער פון זיינע אייגענע ליפּען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט אַ שעלט-וואָרט, אַ חוץ אפשר „שעלמאַ", וואָס האָט כמעט די זעלבע מילדע בעדיי-טונג ווי „מזיק". אויף העברעאיש איז זיין בעליעבטער אויסדרוק געווען „אין דבר". און מען דערצעהלט, אַז מיט אָט-דעם וואָרט אויף די ליפּען איז ער געשטאָרבען, פינף יאָהר שפּעטער, אין תל-חי. אַ גאַנצע פילאָזאָפיע איז געווען אין דעם „אין דבר": איבערטרייב נישט, זעה נישט קיין סכנה, וואו ס'איז נישטאָ קיין סכנה, האַלט נישט פאַר קיין העלד אַ מענשען, וואָס טהוט זיין חוב — די געשיכטע איז גרויס, עם ישראל איז אייביג. אמת איז הייליג, אָבער אַלע אַנדערע, צרות און דאגות און שמערץ און טויט — „אין דבר".

זיין איין האַנד האָט איהם געדיענט בעסער ווי אַ סך פון אונז די ביידע הענד. מיט איהר האָט ער זיך געוואַשען, געגאָלט, אָנגעטהון; מיט איהר האָט ער געשניטען זיין ברויט און געפּוצט זיינע שטיוועל; מיט איהר האָט ער אין ארץ-ישראל, און שפּעטער אין גאַליפּאָלי, גע-האַלטען אין צוים זיינע פערד און געשאָסען פון זיין געוועהר. אין זיין צימער איז געווען אַ מערקווירדיגע אָרדנונג, זיינע קליידער ריין, געפּוצט, זיין האַלטונג איז געווען רוהיג און העפליך; און זייט לאַנגע יאָהרען איז ער געווען אַ וועגעטאַריאַנער, אַ סאָציאַליסט און אַ געגנער פון מלחמה — אָבער ער האָט נישט געהערט צו יענע פּאַציפיסטען, וואָס טהוען די הענט אריין אין קעשענע און לאָזען אַנדערע קעמפען און שטאַרבען פאַר אונזער גליק.

נישט לאַנג האָבען מיר גערעדט אין יענעם טאָג: מיט איהם האָט מען קיינמאָל נישט געדאַרפט לאַנג רעדען. זייענדיג נישט פון „די קלוגע", האָט ער דווקא צוליעב דעם געהאַט אַ פעהיגקייט תיכף צו בעגרייפען אַנ'ענין ביז צום תוך, און אין אַ פיערטעל שעה אַרום זאָגט ער דיר „יאָ" אָדער „ניין". — ער האָט געזאָגט „יאָ".

אין אַ וואָך אַרום האָבען מיר גערופען אַ פערזאַמלונג פון אונזערע יונגע לייט אין דעם באַראַק „מאַפּרוזא". עס זענען געקומען

אַ פּאָר הונדערט. אין פּרעזידיום זענען געזעסען דער רב הגדול דעלאַ פּערגאָלא, אַנדערע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט געזאָרגט פאַר די פליכטלינגע—צווישען זיי דער אַלטער גלוסקין—און טרומפּעלדאָר. מיר האָבען פאָרגעלעגט פאַר דער אסיפה אַ בעריכט איבער דער לאַגע: קאָנסול פּעטראָווס פאָדערונג וועלען די ענגלענדער נישט דערפילען; אָבער אייביג בלייבען דאָ זיצען אין די באַראַקען פּאַסט אויך נישט. פריהער אָדער שפּעטער וועט די ענגלישע אַרמעע מאַרשירען פון מצרים קיין ארץ-ישראל. פון יפו קומען יעדען טאָג נייע שלעכטע ידיעות: די טערקען האָבען פערבאָטען העברעאישע שילדען אין די גאַסען, האָבען אַרויסגעשיקט ד״ר רופּין, דעם פערטרעטער פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט—הגם ער איז אַ דייטשער בירגער—האָבען אַרעסטירט די פיהרענדיגע מענשען פון ישוב, און דערקלערען אַז קיין אידישע קאָלאָניזאַציע וועט מען נאָכן קריעג מעהר נישט דערלאָזען. אַלזאָ?...

דעם דאָקומענט, וואָס מען האָט אונטערגעשריבען אין יענעם האַלב-טונקעלען זאַל פון „מאפרוזא” אין יענער פריילינגס-נאַכט, וועל איך אַמאָל איבערגעבען דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק אונזערער אין ירושלים. ס'איז אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס ענטהאַלט אַ העברעאישע רעזאָלוציע: „שאַפען אַ אידישען גדוד און פאָרשלאָגען ענגלאַנד צו בענוצען איהם אין ארץ-ישראל” — און עפּעס אַ הונדערט אונטערשריפטען. די ערשטע חתימה האָט געשטעלט זאב גלוסקין.

— איך בין אַלט,—האָט ער געזאָגט, אַרויסרייסענדיג ביי מיר די פעדער, — אַלס סאָלדאַט טויג איך נישט, אָבער איך וויל טראָגען די פעראַנטוואָרטליכקייט.

אויף מאָרגען, קומענדיג קיין גאבארי, האָב איך דערזעהן אינמיטען הויף אַ גאַנצען פּאַראַד. דריי גרופּען יונגע לייט האָבען זיך געלערענט מאַרשירען; אינסטרוקטאָרען האָבען זיי געפונען צווישען זיך אַליין, פון די געוועזענע רוסישע סאָלדאַטען. אַ פּאָר מיידלעך, אין אַ ווינקעל, האָבען גענעהט אַ פאָהן; אַ קאָמיטעט פון גימנאַזיסטען איז שוין געווען בעשעפטיגט מיט איבערזעצען די מיליטערישע טערמינאָלאָגיע אויף העברעאיש. שפּעטער איז געקומען טרומפּעלדאָר, און די דריי גרופּען האָבען זיך איינגעאָרדענט אין איין קאָלאָנע און דורכגעמאַכט פאַר איהם

יוסף טרומפעלדאָר

אַ מין צערעמאָניאַלען מאַרש. ע׳ר האָט דאָס צוגעזעהן מיט אַ צופרי־דענעם שמייכעל.

— געוואלד, — זאָג איך צו איהם שטילערהייד, — זיי מאַרשירען ווי געננז. ענטפערט ער:

— „אין דבר״.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז אָרויסגעפאָהרען אַ דעלעגאַציע קיין קאַירא, וואו די עגיפּטישע רעגירונג רעזידירט אין די ווינטער־חדשים. ערשטענס, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער פון אינערליכע ענינים. ער האָט געהייסען מר. ראָנאַלד גרעהעם; הייִנט הייסט ער סער ראָנאַלד און איז ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים. אַ קאַלטער, שווייגזאַמער, אַ מענש, וואָס פרעגט ווייניג קשיות און טהוט אַ סך און שנעל. שפּעטער, אין 1916 און 1917, האָבען מיר איהם געטראָפען אין לאָנדאָן, אָן דער שפּיץ פון דעפּאַרטאַמענט פאַר די ענינים פון נאָהענטען מזרח—און ער איז געוועזען אפשר דער יעניגער, וואָס האָט ד״ר ווייצמאַן אַמייסטען געהאָלפען צו קריגען די באַל־פור־דעקלאַראַציע, און מיר—דורכצוקעמפען דעם פלאַן פון אידישען גדוד. און ווי שפּעטער, אַזוי אויך דעמאָלס, אין קאַירא, האָט ער אויסגע־הערט, צוגעשאָקעלט זיין הסכמה מיט׳ן קאָפּ, געפרעגט „אויף וויפיעל יונגע לייט ריכט איהר זיך?״ געשריבען עפּעס אויף אַ נאָטיץ־בוך און קורץ געזאָגט:

— ס׳העננגט נישט אָב פון מיר. אָבער איך וועל העלפען.

דער צווייטער בעזוך איז געווען ביי גענעראַל מאַקסוועל, וועל־כער האָט דאַמאָלס קאָמאַנדירט מיט דער קליינער ענגלישער אַרמעע אין מצרים. פאָרגעשטעלט האָט אונז קאַטאַוואי־פּאַשאַ, אַ ליעבער אַלטער ספרדי, איינער פון די אָנגעזעהענסטע בירגער אין גאַנץ־עגיפּטען. די אַנדערע דעלעגאַטען זענען געווען טרומפּעלדאָר, לעוואָנטין, גלוס־קין און מאַרגאָליס. דעם אָרימען טרומפּעלדאָר האָבען מיר געצוואונגען אָנצושפּילען זיינע פיער סאַנט־געאָרג קרייצען—צוויי בראָנזענע און צוויי גילדענע. דער גענעראַל האָט אויף איהם שאַרף געקוקט און קורץ געענטפערט אויף פראַנצויזיש:

— פּאָרט־אַרטור, האָב איך געהערט;

אָבער די אַנטוואָרט זיינע אויף אונזער פאָרשלאַג איז געווען אַ טיעפע ענטטוישונג.

— וועגען אַן אָפּענסיווע געגען ארץ־ישראל האָב איך גאָרנישט נישט געהערט, און איך צווייפעל, צי ס׳וועט זיין בכלל אַזאַ אָפּענסיווע און לויט׳ן געזעץ האָב איך ליידער נישט קיין רעכט אָנצונעהמען אין דער ענגלישער אַרמעע פרעמדע סאָלדאַטען. כ׳קאָן אייך נאָר פאָרשלאָגען איין זאַך: מאַכען פון אייערע יונגע לייט אַנ׳אָבטיילונג פאַר מיול־טראַנספּאָרט, און אויסנוצען זי אויף אַנ׳אַנדערען טערקישען פראָנט. מעהר קאָן איך נישט.

קאַפּיטעל דריי

די געשיכטע פון די זומער־חדשים פון יאָהר 1915 וויל איך דערצעהלען גאַנץ קורץ. ס'איז אַ געשיכטע פון ענטטוישונגען און מפלות. כ'קאָן נישט זאָגען, אַז איך האָב ליעב די ערינערונגען; אָבער פיינט האָב איך זיי אויך נישט. אָט דער נסיון האָט מיך אויסגעלערנט אַ וויכטיגען אמת: אין קהל'שע זאַכען, בפרט נאָך אין אַ קאַמף פון אידען, זיעגט מען דווקא דורך מפלות.

יעדער דורכפאַל איז אַ שריט צום נצחון. יעדער דורכפאַל ברענגט דיר אַ נייעם טוץ אָנהענגער — אַפילו פון צווישען יענע, וואָס ביז נעכטען זענען זיי געווען דיינע געגנער: ווייל פּלוצלינג ענטדעקען זיי, אַז כאָטש זיי האָבען געקעמפט געגען דיר, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען זיי בסודי־סודות געהאָפט, אַז דו וועסט דאָך זיעגען — און די מפלה דיינע האָט איבערגעלאָזט אין זייער נשמה עפּעס אַ פּוסטען פּלאַץ מיט אַ פּינטעלע בענקעניש... אָט די דאָזיגע מאָנאַטען האָבען מיך אויסגעלערנט די גרויסע חכמה פון געדולד. זי בעשטעהט אין דעם, אַז נאָך יעדען דורכפאַל זאָלסטו זיך ווידער פרעגען: „בין איך גערעכט?" אויב נישט, זאָג זיך אָב און דול יענעם נישט דעם קאָפּ. אויב אָבער יאָ גערעכט, דאַן איז דער דורכפאַל נאָר אַ כמאַרע אויפ'ן הימעל, וואָס וועט פערשווינדען אין אַ שעה. וואַרט אָב אַ שטונדע און הויב ווידער אָן צו אַרבייטען. „ניין", איז נישט קיין אַנטוואָרט, אויב די פאָדערונג איז אַ גערעכטע; הער זיך נישטצו צו אַ „ניין", ווי דו הערסט זיך נישט צו צו דעם ווינד, וואָס בלאָזט היינט אַזוי און מאָרגען אַנדערש. ווער נישט נתפעל אַפילו פון דעם

שטאַרקסטען געגנער: אויב דו ביסט גערעכט, וועט ער נישט לאַנג בלייבען שטאַרק. די גאַנצע פראַגע איז נאָר, צי דו ביסט גערעכט — און צי דו ווילסט. אויב יאָ, טאָ וועסטו זיין שטאַרקער ווי אַלע מיניסטאָרען, אַלע גבירים, אפילו אַלע מאַסען.

און ריין פראַקטיש — האָב איך פון יענע ענטטוישונגען גע־לערנט איין פאַקט, וואָס האָט ענדגילטיג פערשטאַרקט מיין בעשלוס: איך האָב געזעהן, אַז — אַ חוץ פון לעגיאָן-געדאַנק — איז נישטאָ קיין אַנדער מיטעל, אַרויסצורוקען דעם ציוניזם אין דער רייע פון יענע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס׳קאָן זיך אינטערעסירען די וועלט אין אַזאַ צייט.

כ׳געדענק אַנ׳אַנעקדאָט, וואָס איך האָב איהם געהערט פון נחום סאָקאָלאָוו נאָך לאַנג פאַר׳ן קריעג. נאָכ׳ן לאָנדאָנער ציוניסטען-קאָנגרעס (1901) איז סאָקאָלאָוו געפאָהרען אָבצורוהען זיך אין אַ שווייצאַרישען קוראָרט, האָט ער זיך דאָרטען בעקאַנט מיט אַנ׳ענגלישען לאָרד, און האָט איהם דערצעהלט, פון וואַנען ער קומט.

— אהאַ! — זאָגט דער לאָרד, — אַ ציוניסטישער קאָנגרעס? האַו וועריִ אינטערעסטינג, (זעהר אינטערעסאַנט!) איך גלויב, אַז אַ ברודער מיינער געהערט אויך צו דערזעלבער בעוועגונג אָדער צו אַ עהנליכער.

סאָקאָלאָוו איז געוואָרען ערשטוינט: דער לאָרד איז געווען, נישט פאַר אונז געדאַכט, אַ קאַטאָליק, זיין ברודער אַ פּנים אויך. ווי־זשע קומט דער ברודער צום ציוניזם? — האָט ער אָנגעהויבען אויסצו־פרעגען — און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דעם לאָרדס ברודער איז — אַוועגעטאַריאַנער. פאַר׳ן לאָרד איז אין יאָהר 1901 דאָס געווען די זעלבע זאַך, אָדער לכל הפחות אַ „עהנליכע".

און אַזוי איז דאָס געבליבען אויך אין יאָהר 1914 און 1915, פאַר די מעהרסטע אייראָפּעאישע שטאַאַטסלייט. אין איטאַליען, אין פראַנקרייך, אָפט אַפילו אין ענגלאַנד האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט ביי מיר דערזעלבער איינדרוק. ציוניזם אַלס אַזעלכער עקזיסטירט פאַר זיי נישט און נאָר דער לעגיאָן-געדאַנק איז אימשטאַנד צו מאַכען ציוניזם „אַקטועל" אין קריעגס-צייט. הויבסט דו אָן צו רעדען מיט אַ מענשען וועגען ציוניזם — קוקט ער דיך אָן מיט עפּעס אַ העפליכען ערשטוי־

נען. ער האָט יאָ געהערט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ מין בעוועגונג, ער האָט מיט איהר אַפילו סימפּאַטיזירט, פּונקט אַזוי, ווי ער סימפּאַטיזירט מיט וועגעטאריאַניזם אָדער פרויענרעכטלעריי — אָבער ווי קאָן מען וועגען דעם רעדען אינמיטען אַזאַ מלחמה? דערמאָנסטו אָבער דעם גדוד־פּראָיעקט—ענדערט זיך דער אויסדרוק פון זיין פּנים: דאָ ביזטו „אַריין אין זיין היינטיגען געזיכטס־קרייז״.

איצט הויב איך אָן, גאַנץ קורץ, די לאַנגע געשיכטע פון מיינע מפּלות; אָבער קודם־כל קומט א פּרט, וואָס איז פאַר מיר געווען נישט קיין מפּלה, נאָר אַ שמחה און אַ דערמונטערונג: מיין בעגעגעניש מיט פּנחס רוטענבערג אין ברינדיזי.

פּנחס רוטענבערגן האָב איך געפונען אין אַ האָטעל אין ברינדיזי. איהם האָב איך פריהער נישט געקענט און נישט געזעהן. אַ הויכער, ברייט־פּלייציגער, שטאַרק געבויטער מאַן; אַן׳איינדרוק פון ווילענס־קראַפט אין זיין יעדער בעוועגונג און יעדען וואָרט; איך האָב אַ השד, אַז ער ווייס דאָס און פּאַסט טאַקע אויף, אַז אַנדערע זאָלען וועגען דעם, חלילה, נישט פערגעסען—און אפשר איז ער גערעכט, ווייל אַ כלל־טוער שטעהט תמיד ווי אויף אַ מין בינע און טאָר נישט אַראָבנעמען זיין מאַסקע; נישט, חס ושלום, אַ פאַלשע מאַסקע מיין איך — כ׳מיין אַ מאַסקע, וואָס ענטשפּרעכט באמת דעם תמצית פון זיין נאַטור; אָבער פאָרט אַ מאַסקע. נאָר קיין שום מאַסקע קאָן נישט פערבעהאַלטען דעם פאַקט, אַז אַ מענש האָט גוטמוטיגע אויגען און אַ קינדערישען שמייכעל. איך פאַרשטעה, פאַרוואָס רוטענבערגס בעקאַמטע און אַרבייטער אין ארץ־ישראל פערעהרען איהם ווי אַ מלך— און האָבען איהם ליב ווי אַ טאַטען.

אין די ערשטע צעהן מינוטען פון אונזער געשפּרעך האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז כאָטש מיר האָבען זיך קיינמאָל נישט געזעהן און אַפילו נישט קאָרעספּאָנדירט צווישען זיך, האָבען מירביידע געטראַכט וועגען דערזעלבער זאַך. נישט נאָר דאָס, אָבער נאָכמעהר: כאָטש קיין איינציג וואָרט איז נאָכנישט געווען אין דער פּרעסע וועגען דעם לעגיאָן־געדאַנק אָדער וועגען די פערהאַנדלונגען אין אַלעקסאַנדריען, איז ער געווען זיכער, אַז איך אַרבייט דוקא פאַר אָט דעם צוועק; און אויך איך, כאָטש אַמפּיטעאַטראָוו אין רוים האָט מיר נישט גע־

קאָנט זאָגען, אין וואָס עס בעשטעהען רוטענבערג׳ס פּלענער, האָב איך דאָך תיכף ומיד פערשטאַנען פון זיין קורצען טעלעגראַם, וועגען וואָס ער וויל זיך מיט מיר זעהען.

מערקווירדיג, ווי ס׳ענטשטעהט אַמאָל אַ דראָהטלאָזע טעלעגראַפיע צווישען מענשען, וואָס האָבען נאָך קיינמאָל נישט געזעהן איינער דעם אַנדערען. איך געדענק, אַז פיל שפּעטער האָב איך געמאַכט אָט די בעמערקונג פאַר אַ פריינד מיינעם, וועלכער איז געווען אַ ביטערער געגנער פון לעגיאָן — אַ געריבענער „ליטוואַק״, אָנגעזאַפּט מיט חדר־לערנען און „אידישקייט״ און מיט יענעם אַרט סקעפּטיציזם, וואָס האָט איין תשובה אויף יעדען אונגעוועהנליכען פּלאַן — „פּע!״ — און אָט דער פריינד האָט מיר געגעבען זיין פּירוש פון דער „דראָהטלאָזער טעלעגראַפיע״:

— ס׳איז פּשוט: רוטענבערג איז פּונקט אַזאַ גויאישער מח, ווי דו אפשר.

כ׳האָב באמת בעמערקט אין פערלויף פון אַלע מיינע בעמיהונגען אַרום דעם לעגיאָן, אַז די ערגסטע געגנער פון אונזער געדאַנק זענען שטענדיג געווען אידען, די בעסטע פריינד כמעט תמיד „גויים״. און אַפילו אַלס געגנער זענען די גויאישע געווען פון אַנ׳אַנדער מין געגנער. זיי האָבען נישט געזוכט אויסצולאַכען דעם געדאַנק, נישט זאָגען וועגען דעם: „חלומות״, „אונמעגליך״, „בוצלאָז״, ווי אידען פלעגען אונז שרייען אויף יעדען שריט און טריט. גויאישע געגנער זענען געווען געגען, ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אַז אַ אידישער גדוד וועט שאַפען אַ אידישע פּרעטענזיע אויף ארץ־ישראל, מיט וועלכער מ׳וועט זיך דאַן מוזען רעכענען—און, זייענדיג געגנער פון ציוניזם, האָבען זיי דאָס נישט געוואָלט. אָבער די זאַך אַליין האָבען זיי אַלע געהאַלטען אי פאַר מעגליך, אי פאַר וויכטיג — אַפילו צו וויכטיג לויט זייער געשמאַק. זינט יענער צייט איז דאָס ביי מיר אַ גרויסע קשיא: צי דער „בעריהמטער אידישער מח״ אונזערער איז ווירקליך אַזאַ אמתע ברכה, ווי מיר דענקען...

אין ברינדיזי זענען מיר געקומען צו דריי בעשלוסען:

ערשטענס: דער גדוד קאָן יאָ געשאַפען ווערען. מענשען־מאַטע־ריאַל איז דאָ. אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אין נייטראַלע לענדער זענען

נאָך דאָ צעהנדליגער טויזענדער אידישע יונגע לייט, מעהרסטענטיילס רוסישע, וואָס זענען פריי פון דיענסט, און ס׳איז אויך דאָ אַמעריקאַ.

צווייטענס: דער בעסטער שותף פאַר אונז איז ענגלאַנד — אָבער נישט דער איינציגער; גאַנץ איטאַליען קאָכט מיט קריעגס-לוסט, און באַלד וועט איטאַליען אַריינטרעטען אין קריעג; און איטאַליען האָט שוין דאַמאָלס געהאַט, לאַנג פאַר מוסאָליני׳ס צייט, נאָך אינסטינקטיווע, נישט קיין אויסגעשפּראָכענע אבזיכטען אויפ׳ן מיטעללענדישען ים. פראַנקרייך חלומט וועגען ארץ-ישראל און סיריען זינט עטליכע יאָהרהונדערטען. איך דערמאָהן אָט דעם געדאַנק מיט אַ כוונה, כאָטש קיין פּראַקטישען רעזולטאַט האָט ער דאַמאָלס נישט געהאַט. ער איז אָבער אמת און איז געבליבען אמת. ענגלאַנד איז פאַר אונז די בעסטע קאָמבינאַציע: זי איז אָבער נישט די איינציגע, וואָס איז מעגליך. דאָס טאָרען מיר קיינמאָל נישט פערגעסען. מיט רוטענבערגן האָבען מיר בעשלאָסען, צו האָבען אין זינען אי לאָנדאָן, אי פּאַריז, אי רוים, און איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז די בעסטע פּאָליטיק פאַר׳ן ציוניזם אויך הייגט, און אויך אין דער צוקונפט.

דריטענס: אין רוים וועלען מיר אַרבייטען צוזאַמען; דאַן מוז איך פאָהרען קיין פּאַריז און לאָנדאָן, און רוטענבערג וועט בעזוכען אַמעריקאַ.

איך האָב איהם געוויזען טרומפּעלדאָרס דעפּעשע וועגען אָננעהמען מאַקסוועלס פאָרשלאַג, און דערצעהלט וועגען דעם גאַנצען ענין. זיין שטעלונג איז געווען אַ קורצע און פּראַקטישע — לכתחילה בין איך מסכים מיט אייך: בעסער נישט אָננעהמען אַזאַ פאָרשלאַג. בדיעבד איז טרומפּעלדאָר גערעכט: ס׳וועט זיין נוצליך.

איטאַליען אליין איז אָבער פאַר אונז געווען אַ דורכפאַל. סוף-כל-סוף האָבען אַפילו די מיניסטאָרען, פאַר וועלכע רוטענבערג האָט מיך פאָרגעשטעלט, דאַמאָלס — אין אַפּריל 1915 — נאָך נישט געוואוסט, צי איטאַליען וועט יאָ אָדער נישט אַריינמישען זיך אין דער

מלחמה. פון קאָלאָניאַל־מיניסטער מאסקא ביז'ן דעפוטאַט לעאָנידא ביסאָלאַט—ער איז געווען דער פיהרער פון די סאָציאַליסטען און אַ גרויסער אָנהענגער פון קריעג – ביי אַלע איז געווען די זעלבע אַנטוואָרט:

— אויב מיר וועלען נעהמען אַנ'אָנטייל אין דער מלחמה, — איז דער געדאַנק אַ גלענצענדער; קומט ווידער, און מיר וועלען איהם בעשפרעכען פראַקטיש, אָבער היינט...

איין איינציגען סקעפּטיקער האָבען מיר געפונען אין רוים — נאַטירליך אַ אידען: לואידזשי לוצאַטי. די זעלבע ספיקות, די זעלבע תירוצים... אַ „אידישער מח"!—צוליעב גערעכטיגקייט אָבער מוז איך דער־מאהנען, אַז איין איד, לכל הפחות, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס אונזערער אַנ'אָנהענגער, — אַנדזשעלא סערעני, דער פרעזידענט פון דער אידישער קהלה אין רוים.

אָבער דער עיקר איז געווען, וואָס איטאַליען איז נאָך דאַמאָלס געשטאַנען אונענטשלאָסען, על פרשת־הדרכים, און וואַרטען האָבען מיר נישט געקאָנט. אַ סך שפּעטער, שוין אין ארץ־ישראל, האָט מיר גע־זאָגט דער איטאַליענישער קריעגס־שיף־קאָמענדאַנט לוי־ביאנקיני, וואָס די איטאַליענישע רעגירונג האָט איהם דאַמאָלס דעלעגירט אין דער ערשטער „ציוניסטישער קאָמיסיאָן"—אַנ'אינטערעסאַנטע און טראַגישע פיגור, וועגען וועלכער איך וועל נאָך מוזען רעדען:

— ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס איהר זענט דאַמאָלס נישט געבליבען וואַרטען דווקא אין רוים.

אפשר איז ער געווען גערעכט.

פּאַריז: ווידער אַ דורכפאַל.

כ'האָב דאָרטען געפונען אַ גרויסען פריינד פון ציוניזם — גוסטאַוו הערווע. דער עלטערער לעזער געדענקט נאָך אפשר זיין געשיכטע. פאַר'ן קריעג איז ער געווען אַ ביטערער אַנטי־מילי־טאַריסט. פאַר זיין „אונפּאַטריאָטישע" האַלטונג האָט מען איהם אפילו

פערטריבען פון זיין לעהרער-שטעלע. דאַן האָט ער געגרינדעט אַ צייטונג אין פּאַריז: „די סאָציאַלע מלחמה". אָבער ווי דער קריעג איז אויסגעבראָכען, האָט ער געענדערט דעם נאָמען פון דער צייטונג אויף „לאַ וויקטואר" („דער נצחון") און האָט געגעבען די שטאַרקסטע שטיצע דער רעגירונג. ער איז איינער פון די גלענצענדסטע פּובליציסטען אין פראַנקרייך. פערשטעהט זיך, די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיין היקף גאַנץ בעזונדער געשעצט און בעהאַנדעלט איהם ווי אַ בן-יחיד. און ער איז געווען איינער פון די וועניגע, וואָס האָבען שוין דאַמאָלס פערשטאַנען, וואָס ציוניזם בעדייט אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר יענער מדינה, וואָס האָט אבזיכטען אויף ארץ-ישראל.

ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם דאַמאָלסדיגען אויסערן-מיניסטער דעלקאַסע. איצט איז דעלקאַסע שוין געשטאָרבען; זאָל זיין שאָטען מיר מוחל זיין, אָבער איך מוז זאָגען: מיין געשפּרעך מיט איהם האָט מיר צום ערשטען מאָל ערקלערט אַ סוד, וואָס די שפּעטערדיגע ערפאַהרונגען האָבען איהם אָפּט בעשטעטיגט: ביי די גוים דאַרף מען גאָר נישט זיין קיין גרויסער מענש, כדי צו זיין אַ גרויסער שטאַאַטס-מאַן.

ביי אונז ציוניסטען איז דאָס פיעל שווערער. מיר האָבען נישט קיין מלוכה, קיין פּאַקטישע מאַכט צו הייסען און צו בעשטראָפען: מיר קאָנען נאָר איבערצייגען, נאָר בעאיינפלוסען—מיר מוזען „שאַפען" יעדען טאָג, און אויף מאָרגען ווידער אָנהויבען צו שאַפען. ביי אונז קאָן מען נאָר ווערען גרויס, אויב מ'איז באמת געמאַכט פון אַ בעזונדערען לייהם. ביי די גליקליכע אומות-העולם איז אַלצדינג צוגעגרייט. אַ דורכשניטליכער מענש מיט אַ מאָס פון „קאָמאָן סענס" („געוועהנליכער פערשטאַנד") קאָן, מיט אַ ביסעל גליק, דערגרייכען אַ וועלט-רעפּוטאַציע. אונזערע ציוניסטישע קאָנגרעסען זענען פול מיט אַזעלכע דעלקאַסעס — און מיר וועלען דאָס קיינמאָל נישט „ענטדעקען" און נישט אויסנוצען...

דערצו האָט נאָך דעלקאַסע געהערט צו דער קלאַסישער אַלטער שולע פון דיפּלאָמאַטען — צו יענע סוד-בעהאַלטער, וואָס זייער שטאַאַטס-חכמה איז בעשטאַנען אין טיילעראַנ'ס בעריהמטען שפּרוך: „די שפּראַך איז אַ מיטעל צו פערדעקען דעם געדאַנק". אפשר איז דאָס

געוועז אַ חכמה מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק: היינט איז דאָס אַ קינדישע תחבולה, שוין לאַנג פערוואָרפען ביי אַלע מאָדערנע דיפּלאָמאַטען. אָבער אין פראַנקרייך שפּילט מען נאָך אין די בעסטע טעאַטערען ראַסין און קאָרנעלס טראַגעדיעס, און מען גלויבט נאָך אין קלאַסיציזם.

אין יענעם מאָרגען האָט דעלקאַסע אַסך פערשפּילט אויף פראַנקרייכס חשבון: נישט נאָר אַ אידישען גדוד, נאָר פיל מער. איך בין צו איהם געגאַנגען נישט נאָר אויף מיין אייגענעם בעשלוס. דער בעזוך איז געווען אַ רעזולטאַט פון מיינע בעראַטונגען מיט ד״ר ווייצמאַן. מיט אייניגע טעג פריהער איז ער געווען אין פּאַריז. ער האָט שוין דאַמאָלס אָנגעפאַנגען וויכטיגע פערהאַנדלונגען מיט ענגלישע שטאַאַטס-לייט; אין זייער סימפּאַטיע איז ער געווען זיכער; נאָר איין זאַך האָט נאָך געשטערט — די ענגלענדער האָבען מורא געהאַט צו בעליידיגען פראַנקרייך, אויב זיי זאָלען אליין אונטערנעמען אַ וועלכען-עס-איז פּאָליטישען שריט בנוגע דער צוקונפט פון ארץ-ישראל. ס׳איז דאָך געווען אַ בעקאַנטע, דורות-אַלטע אינטערנאַציאָנאַלע טראַדיציע, אַז פראַנקרייך בעטראַכט סיריען און ארץ-ישראל ווי איהר אייגענע אינטערעסען-ספערע. שוין דאַמאָלס האָט מען פערשטאַנען אין אַלע קאָמפּעטענטע קרייזען, אַז אַנדערע מלוכות וועלען נישט דערלאָזען פראַנקרייך צו בעהערשען ארץ-ישראל אליין; אָבער מ׳האָט געטראַכט וועגען אַ שותפות. אויף יעדען פאַל איז דאָס געווען זעהר וויכטיג פאַר דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע צו וויסען, אויב עס איז דאָ ביי דער פראַנצויזישער רעגירונג עפּעס אַנ׳אַקטיווע בערייטשאַפט צו בעגינסטיגען דעם ציוניזם. אויב יאָ, וועט מען מוזען אַרבייטען אויף צוויי פראָנטען; אויב נישט, קאָן מען זיך קאָנצענטרירען אינגאַנצען אויף ענגלאַנד: שאַפען אַ גינסטיגע שטימונג פאַר׳ן ציוניזם. און, אפשר נאָך וויכטיגער, צו דערוועקען אין ענגלאַנד אַ נייעם אַפּעטיט, אַ בעגייסטערונג פאַר׳ן געדאַנק פון אַ „בריטיש פּאַלעסטיין״. דאָס איז געווען ווייצמאַנס שטימונג; און כאָטש איך האָב נישט אינגאַנצען געטיילט זיין מיינונג וועגען קאָנצענטרירען אַלע האָפנונגען אויף איין לאַנד, האָב איך דאָך פערשטאַנען, ווי וויכטיג דאָס איז פאַר איהם צו וויסען גענוי, אויב פראַנקרייך האָט שוין עפּעס אַ שטאַנדפּונקט בנוגע צו די אידישע

האָפּנונגען. אַליין צו רעדן מיט דעלקאַסע איז פאַר איהם געווען אונבעקוועם, ווייל ער איז אַן׳ענגלישער בירגער. ער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אין לאָנדאָן אויפ׳ן אויסגאַנג פון מיין געשפּרעך.

איך האָב דעם מיניסטער געשטעלט די פראַגע אַזוי:

— אין פאַל, ווען ארץ-ישראל זאָל קומען נאָכ׳ן קריעג אונטער פראַנקרייכס איינפלוס, — צי קאָנען מיר, ציוניסטען, האָפען, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג וועט נעמען אין בעטראַכט אונזערע בעשטרעבונגען?

ער האָט תיכף געענטפערט, אַפילו מיט אַ געוויסען פּערדרוס, ווי אויף אַ פראַגע, וואָס האָט איהם שוין געקאָסט אַ סך גרינע גאַל:

— איך גלויב נישט, אַז ארץ-ישראל וועט קאָנען געהערען צו וועלכער ס׳איז פון די גרויסע מלוכות. די איבעריגע מלוכות וועלען דאָס נישט דערלאָזען.

זאָג איך:

— איך פערשטעה. דאָס הייסט אָבער אַ שותפות; און צווישען די שותפים וועט פראַנקרייך, נאַטירליך, שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע. טאָ ערלויבט מיר ווידער צו שטעלען די פראַגע: וועט דאַמאָלס דער פראַנצויזישער איינפלוס זיין גינסטיג פאַר׳ן ציוניזם?

דאָ שווימט אַרויס דער „קלאַסישער" דיפּלאָמאַט, וואָס אין זיין וואָרט-אוצר איז נישטאָ קיין „יאָ" אָדער „ניין". ממש ווי אַ איד ענטפערט ער מיט אַ פראַגע:

— האָט דען פראַנקרייך נישט גענוג טובות דערוויזען די אידען? אונזער רעוואָלוציע האָט זיי געגעבען גלייכבערעכטיגונג.

— דערפאַר זענען מיר אייביג דאַנקבאַר, הער מיניסטער, — זאָג איך, — אָבער איך קום פון רוסלאַנד און אוקראַאינא, וואו מיליאָנען אידען האַלטען איצט אין איין קלערען: וואָס וועט זיין מיט ארץ-ישראל?

ער שווייגט אַ מאָמענט, און דאַן פרעגט ער, איבערגעהענדיג אויף אַן׳אַנדער ענין: — ווי איז איצט די לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד?

— נאָך ערגער, ווי פריהער, — זאָג איך קורץ און קלאָר, ווייל איך האַלט נישט פון דער קלאַסישער שולע, און מיין אַנטוואָרט האָב איך שוין בעקומען.

גוסטאַוו הערווע, אַ גוטע נשמה, וויל נאָך פּרובירען צו העל־פען. ער דערצעהלט דעם מיניסטער, אַז אין מצרים האָט מען גע־גרינדעט אַ אידישען לעגיאָן...

— דאָס ווייס איך, — זאָגט דעלקאַסע, — פאַר נאַליפּאָלי.

— יאָ, אָבער זיי ווילען איצט שאַפען אַנ׳אַנדער קאָרפּוס פאַר ארץ־ישראל, און זיי וואָלטען זיך געהאַלטען פאַר גליקליך, אויב דער נייער גדוד וואָלט געקאָנט זיין אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אַרמעע...

— דאָס הייסט — פערריכט איך, — אויב די פראַנצויזישע רעגירונג האָט ציוניסטישע סימפּאַטיעס.

דעלקאַסע שליסט דאָס געשפּרעך, נאָכאַמאָל ווי אַ איד, מיט אַ „תיקו״:

— מ׳ווייסט דאָך נישט, צי ס׳וועט בכלל זיין אַ שלאַכט אין ארץ־ישראל, און ווען, און ווער...

דעמזעלבען טאָג האָב איך געשיקט אַ בעריכט צו ד״ר ווייצמאַן: א) פראַנקרייך האָפט נישט צו ווערען אַליין דער בעל־הבית פון ארץ־ישראל; ב) קיין אינטערעס פאַר׳ן ציוניזם איז ביי דער רעגירונג דערוויילע נישטאָ.

פאַראַיאָהרען, פונקט צעהן יאָהר נאָך אָט דעם געשפּרעך, האָב איך דערצעהלט מיין דעלקאַסע־בעגעגניש אַ פראַנצויזישען סענאַטאָר; ער פערשטעהט און שעצט דעם ציוניזם, און געהערט צו יענער, זעהר צאָהלרייכער קאַטעגאָריע פון פראַנצויזישע שטאַאַטסלייט, וואָס בעדויערען טיף און ביטער דעם פערלוסט פון ארץ־ישראל פאַר פראַנקרייך. דערביי איז ער אַ וויכטיגער מענש אין לאַנד, און שוין עטליכע מאָל געוועזען מיניסטער. ער האָט טרויעריג געשאָקעלט מיטן קאָפּ:

— די ערגסטע קראַנקהייט פון אַ שטאַאַטסמאַן איז, ווען עס פעהלט איהם דער כח־הדמיון. אָט די דיפּלאָמאַטען פון מלך פיפיניוס צייטען האָבען אונז פערשפּיעלט ירושלים, ווייל זיי האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז אַ טרוים, וואָס עס טרוימען איהם מיליאָנען, איז אַליין אַ גרויסמאַכט, פונקט אַזוי שטאַרק ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

איך ווייס איצט, אַז שפּעטער, נאָך דער גרינדונג פון אידישען

לעגיאָן און נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע, האָט דעלקאַסע זיך אַליין מתודה געווען פאַר פּאול קאמבענען, דעם פראַנצויזישען באָטשאַפטער אין לאָנדאָן, אַז ער האָט חרטה אויף זיין האַלטונג בעת יענעם געשפרעך. איצט איז דאָס פאַר מיר אַ נחמה: ס'איז אַנגענעהם צו וויסען, אַז נישט דו אַליין ביזט דורכגעפאַלען, אָבער יענער אויך און אַ שטאַרקערער פאַר דיר. אָבער דאַמאָלס איז דאָס געשפרעך געווען פאַר מיר אַ גרויסע ענטטוישונג.

עטליכע גינסטיגע איינדרוקען האָב איך דאָך אַרויסגעטראָגען פון פּאַריז. ד"ר ווייצמאַן האָט מיר פערשפּראָכען זיין הילף אין מיינע לעגיאָן-בעשטרעבונגען, און ס'איז געקומען אַ צייט, ווען ער האָט געהאַלטען זיין וואָרט.

דער אַלטער באַראָן ראָטשילד האָט זיך בעגייסטערט, הערענדיג פון ציון-מיול-קאָרפּוס, און האָט מיר געזאָגט:

— איהר מוזט אונבעדינגט זעהן צו פערגרעסערען אָט דעם אָנפאַנג, מאַכען פון איהם אַ שטאַרקע זאַך, ביז עס קומט די צייט פון די שלאַכטען אין ארץ-ישראל!" — און כאָטש אין מיין נשמה האָט זיך דערביי דערוועקט די שטילע פראַגע: „פאַרוואָס איך? פאַרוואָס נישט דו? דיר איז דאָך גרינגער!" — אָבער איך בין איהם געווען דאַנקבאַר פאַר אַ גוט וואָרט. זיין זוהן דזשעמס, דעמאָלס נאָך אַ סערזשאַנט אין דער פראַנצויזישער אַרמעע, וואָס איז געלעגען פערוואונדעט אין זיין פאָטערס שפּיטאָל, האָט מיך אויסגעפרעגט וועגען לעגיאָן-געדאַנק, האַלב צושטימענדיג און האַלב איראָניש, ווי זיין מנהג איז; שפּעטער אָבער, אין ענגלאַנד, האָט ער מיר אָפט געהאָלפען מיט זיינע אונגעהויערע פערבינדונגען און האָט זיך איינגעשלאָסען אין אידישען רעגימענט און דורכגעפיהרט די רעקרוטירונג-קאַמפּיין פאַר'ן גדוד אין ארץ-ישראל.

אָבער דאָס וויכטיגסטע איז געווען נאָר אַ קליינע זאַך — אַ שטיקעל פּאַפּיער. סעניאָבאָס, דער בעריהמטער היסטאָריקער, אַן אַלטער פריינד פון אונטערדריקטע ראַסען, האָט מיר אָנגעשריבען אויף זיין וויזיט-קאַרטע אַ קורצע עמפּפעהלונג צו אַ לאָנדאָנער זשורנאַליסט מר. הענרי וויקהעם סטיד, דעם רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „טיימס". פון אַלע הילפען, וואָס איך האָב געפונען אין יענע שווערע יאָהרען, האָט

זיך אָט די קמיע׳לע דערוויזען אַלס די מעכטיגסטע: ווייל זי האָט מיר געעפענט די טהיר צו אַ זשורנאַליסט. פון מיין יוגענד אָן בין איך אַ זשורנאַליסט, בין שטאָלץ אויף מיין בערוף, און האַלט אין פולען ערנסט, אַז מיר, צייטונגס-שרייבער, זענען, און מוזען זיין, און שטענדיג זיין די רעגירענדע קאַסטע פון דער וועלט... אָבער אָט דעם שטיקעל פאַפּיער האָב איך ערשט פיעל שפּעטער אויסגענוצט.

ל אָ נ ד אָ ן. ווייטער אַ דורכפאַל.

אין קריעגס-מיניסטעריום האָט מען מיר געזאָגט, אַז לאָרד קיטשענער איז אַ געגנער אי פון אַלערליי „פענסי-רעגימענטען", אי פון וועלכער ס׳איז אָפענסיווע אויף ווייטע מזרח-פראָנטען. האָב איך אָנגעפאַנגען זוכען אַ צוגאַנג צו הערבערט סעמיועל, וועלכער איז געוועזען מיניסטער אין אַסקוויטס קאַבינעט, און וועלכער איז שוין צו יענער צייט געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט ציוניסטען; ווייצמאַן האָט מיך געוואָלט פאָרשטעלען, אָבער סאָקאָלאָוו און טשלענאָוו האָבען עס איהם פערבאָטען און זיי, נישט ער, זענען דאַמאָלס געווען מיטגליעדער פון ענגערען אַקציאָנס-קאָמיטעט. סעמיועל האָט אָבער געלעזען אין „דזשואיש קראָניקל" אַ לאַנגען בעריכט פון מצרים וועגען ציון-מיול-קאָרפּוס און האָט ביי זיי געפרעגט, ווער און וואָס איך בין. ד״ר גאַסטער, דער טשיף-רבי פון די לאָנדאָנער ספרדים און סעמיועלס אַ קרוב, האָט איהם ערקלערט: „אָ, הי איז דזשאַסט אַ טאָלקער" (ער קאָן בלויז רעדען). סאָקאָלאָוו און טשלענאָוו האָבען נישט פּראָטעסטירט.

כ׳האָב זיך געטראָפען מיט׳ן יונגערען דור פון ענגלישע ציוניסטען. זייער אָבגאָט איז געווען אַ ח ד ה ע ם. מיין געדאַנק האָבען זיי אויסגעלאַכט. אייניגע העפליך, אַנדערע גראָב.

קאַפּיטעל פיער

קאָפּענהאַגען. אי אַ דורכפאַל אי אַ ברוך — מיט די ציוניסטען.

אין זומער 1915 האָט זיך דאָרט פערזאַמעלט אַ זיצונג פון גרויסען אַקציאָנס-קאָמיטעט. ס׳זענען געקומען מיטגליעדער פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, ענגלאַנד, האָלאַנד. איך בין דאַמאָלס געווען אין שטאָקהאָלם; נישט זייענדיג קיין מיטגליעד פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, האָב איך נישט געהאַט קיין רעכט צו בעטייליגען זיך אין דער זיצונג.

אָבער טשלענאָוו און יעקבסאָן האָבען מיר דעפּעשירט צו קומען; און אויף אַ פּריוואַט-פערזאַמלונג אין אַ האָטעל האָבען זיי צוזאַמען מיט האַנטקען דריי שטונדען כסדר געזוכט מיר צו בעווייזען, אַז די גרינדונג פון ציון-מיול-קאָרפּוס איז געווען אַן עוולה, און דאָס ווייטערע פאָרטזעצען די לעגיאָן-אַגיטאַציע קאָן נאָר מחריב זיין דעם ציוניזם. אין מיין נאָטיץ-בוך זענען פערצייכענט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שטריכען פון יענער זיצונג. עטליכע פון זיי קלינגען גאַנץ קאָמיש.

ד״ר האַנטקע האָט מיר בעוויזען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז דייטשלאַנד וועט זיעגען (און באמת — צו יענער צייט האָט מען צוקלאַפּט די רוסען אין גאַליציען). ד״ר יעקבסאָן האָט מיר בעוויזען היסטאָריש, סטאַטיסטיש און עקאָנאָמיש, אַז טערקיי וועט קיינמאָל נישט אָבטרעטען ארץ-ישראל; להיפך, ס׳וועט באַלד זיין אַן׳אויפשטאַנד אין מצרים, אין אלזשיר און מאַראָקאָ.

— רבותי — האָב איך געענטפערט, — דער וכוח איז נוצלאָז. איהר קומט פון דייטשלאַנד אָדער פון קראַנקען רוסלאַנד; און איך

האָב געזעהן ענגלאַנד, דעם פראַנצויזישען פראָנט, מצרים, אלזשיר און מאַראָקאָ. איהר האָט אַ טעות פון א׳ ביז ת׳: דייטשלאַנד וועט נישט זיעגען, און די טערקיי וועט מען פערטרייבען קיין אַנאטאָליען. אָבער צו וואָס זאָלען מיר דיספוטירען? איך שלאָג אייך פאָר אַ קאָמפּראָמיס: איהר קאָנט ערקלערען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז נייטראַל און טרייסעלט זיך אָב פון אַלע לעגיאָן-פּלענער; איך וועל אָפיציעל אַרויסטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פיהרען מיין אַרבייט פּשוט אַלס אַ מענש אָהן אַ פּאַרטיי; איך וועל אייך נישט שטערען, שטערט מיר אויך נישט.

זיי האָבען אָבער בעשלאָסען, יאָ צו שטערען. דער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט אַרויסגעטראָגען אַ רעזאָלוציע, אַז אַלע ציוניסטען מוזען אומעטום בעקעמפען די לעגיאָן-פּראָפּאַגאַנדע; און איך האָב זיך פּלוצלונג געפונען אין אַ קריעגס-צושטאַנד. געגען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע כמעט איינער אַליין.

„כ מ ע ט", אָבער נישט אינגאַנצען אַליין. קיינמאָל אין מיין לעבען וועל איך נישט פערגעסען, אַז אין דערזעלבער שטאָדט קאָפּענהאַגען, אין דיזעלבע טעג פון אָט-דעם פּיינליכען ברוך, האָב איך געפונען יענעם פערבינדעטען, וואָס נאָר זיין הילף — אין געוויסע מאָמענטען אַ הערא‌אישע הילף—האָט אונז מעגליך געמאַכט אויסצושטעהן דעם גיהנום פון די צוויי פאָלגענדע יאָהרען. מאיר גראָסמאַן, היינט דער דירעקטאָר פון „איטאַ", האָט דאַמאָלס געלעבט אין קאָפּענהאַגען אַלס קאָרעספּאָנדענט פון אַ פּעטערבורגער צייטונג. איך וועל נאָך אָפט מוזען רעדען וועגען אונזער געמיינזאַמען קאַמף.

צום שלוס פון אומעטיגען קאַפּיטעל: רוסלאַנד אין זומער 1915. דאָס איז געוועזען מיין לעצטער בעזוך אין מיין געבורטס-לאַנד: נאָר דריי חדשים האָב איך דאָרט פערבראַכט, אין פּעטערבורג, מאָסקווא, קיעוו און אָדעס. ס׳האָט שוין געשמעקט מיט טויט. די


אלכסנדריה א' מצרים, יום ח' אדר התרע"ה.
א) נוסד באלכסנדריה גדוד של מתנדבים עבריים [illegible]
ברשות ממשלת אנגליה [illegible] בכדי להשתתף בשחרור ארץ [illegible]
ב) בראש הגדוד יעמוד [illegible] [illegible] את הערך המוסף, והמתנדבים [illegible]
[illegible] להשתתף [illegible]
ג) כל מתנדב ישבע להקריב את כחו ואת חייו לשחרור ארץ-ישראל, להכנע
[illegible] ולבלי לעזוב את הגדוד עד קץ פעולתו.
ד) כל מתנדב יקבל [illegible] [illegible]
[illegible]
זאב ז'בוטינסקי
יוסף טרומפלדור
[illegible] 35
Rue Colom Pompei
N 67
[illegible] 18 [illegible]
[illegible] 22 [illegible]
[illegible] 23
[illegible] 19 [illegible]
[illegible] Metropole [illegible] 19
[illegible] 21 [illegible]
[illegible] 18 [illegible]
[illegible] 23 Исаак Маршинавский
[illegible] 22 Hotel Metropole [illegible]
Hotel „Metropole" [illegible] 18 [illegible]
[illegible] 19 [illegible]
[illegible] 19 [illegible]
[illegible] 33 [illegible]
15XI3

דער כתב וועגן שאַפן דעם יודישן לעגיאָן

אַרמעע איז פֿערטריבן געוואָרן פֿון גאַליציען; די דייטשן האָבן איינגענומען וואַרשע, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום — ריגאַ. אָבער נישט אין דעם איז געווען דער קבר-גערוך. ער האָט געשטעקט אין דעם, וואָס קיינעם האָט דאָס נישט געאַרט. בייטאָג לייענסטו: „ביאַליסטאָק איז געפֿאַלן” — אין אָוונט זעהסטו פּייערליכע, לאַכענדע אָפֿיצירן מיט זייערע בריליאַנטן-בעדעקטע דאַמען אין „מעדוועד”, אין ווילאַ „ראָדע”, אין מאָסקווער „יאַר”, היגטער אַ וואַלד פֿון פֿערשטויבטע פֿלאַשן. אַ לוקסוס, וואָס רוסלאַנד האָט ביז דאַמאָלס נאָך נישט געזעהן; און אָנ'אָפּענע, בקול-רמ'יגע פֿלאַפֿלערייַ וועגן די גוטע גליקן פֿון דעם אָדער יענעם אשת-איש'ניק, אַ קויט-באָד פֿון בעקאַנטע נעמען, מענער און ווייבער פֿון פּאַלאַסט-קרייזן, פֿון „באָמאָנד”, פֿון באַנק-וועלט, ליטעראַטור-וועלט, פֿון אַלע וועלטען.

איבער דעם צאַרס פּאַלאַץ האָט געהערשט ראַספּוטין, בעשטימענדיג, ווער ס'זאָל זיין גובערנאַטאָר אין טאָמסק, ווער ס'זאָל קאָמאַנדירען מיט דער דרום-אַרמעע, ווער ס'זאָל קורירען אונטער זיין אייגענער טעגליכער אויפֿזיכט — דעם קראַנקען יורשי אַלעקסיי; און אין פּאַלאַץ גופֿא — אַנ'איינזאַמע, טראַגישע משפּחה, אַ קליינער, שלעכטער, סימפּאַטיש-אומעטיגער אידיאָט פֿון געמישטען בלוט, דריי פֿערטעל דייטש, איין פֿראָצענט רוסיש, אַ דייטשע ווייב מיט אַ נשמה אויסגעוועבט פֿון פּרייסישער עקשנות און רוסישער היסטעריע, פֿיער מיאוסע טעכטער און אַ געפֿעהרליך קראַנקער, ציטערדיגער בן-יחיד. אַנאיינזאַמע משפּחה, פֿערלאָזען און פֿעראַכטעט פֿון אַלע גרויספֿירשטליכע ברידער און קרובים, בלינד פֿערליבט צווישען זיך, בלינד צו דער אויסענוועלט, טויב צו דעם בת-קול פֿון נאָענטען חורבן, שטאָלץ און צופֿרידען מיט זייער בלינדקייט און טויבקייט. אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע — רעאַקציאָנערען, וואָס נאָך יעדער מפּלה שטעלען זיי אַרויס די ברוסט און זאָגען מונטער די אַלטע רוסישע תּפֿילה: „ניטשעוואָ”, און לינקע, לינקע פֿון אַלע שאַטירונגען, אפֿשר די איינציגע אמתע פּאַטריאָטען, וואָס זיי האָט פֿון האַרץ בלוט געגאָסען, אָבער זיי האָבען זיך אויך געטרייסט מיט דער אייביגער גרויסער נחמה פֿאַר קליינע מענשען, מיט דער מעגליכקייט נאָכאַמאָל צו זאָגען: „איך האָב עס דאָך פֿאָרגעזאָגט!”

און ביי אידען, ווי שטענדיג אין אזא צייט, א מיש-מאַש פון צער און האָפנונגען און היסטערישער אויפרעגונג. אויפ'ן פראָנט האָט געווילדעוועט דער גיפטיגער יאַנושקעוויטש, הענגענדיג צעהנדליגער אידישע „שפיאָנען", פערטרייבענדיג גאַנצע קהלות פון שטעדט און שטעדטלעך; הונגעריגע פליכטלינגע, אָבגעריסען, באָרוועס, אויף יעדער אייזענבאַן-סטאַציע, אומגלויבליכעביישפילען פון זעלבסט-אָפּפערונג, אַלטע רבנים, וואָס זאָגען זיך אָב פון וואַגאָן און געהן צופוס א טויזענד וויאָרסט, מיט זייערע פערטריבענע ברידער און שוועסטער— יונגע מיידלעך, וואָס וואַרטען א לאַנגע נאַכט אויף דער סטאַציע מיט פעקלעך עסען און קליידער, ווייל מ'האָט געהערט, אַז ס'קומט אַ צוג מיט פליכטלינגע, מ'ווייסט נישט פון וואַנען, מ'ווייסט נישט פון ווען,— מיליאָנען רוסישע רובל אויף הילף און צדקה, געגעבען מיט דער פיינער, ברייטער האַנד, וואָס איז געווען דער אַמאָליגער שטאָלץ פון רוסישען אידען. און מיליאָנען פערדינטע פון קריעגס-פּראָפיטעריי, מיליאָנען אַרויסגעוואָרפען אויף דעם ווייבס בריליאַנטען און אויף יענעמס ווייבס אויערינגלעך; און א טאָג-טעגליך וואַרטען אויף עפּעס, וואָס מוז אָט-אָט געשעהן — אַ ערדציטערניש פון גליק, אַ גרויסע גאולה, און אַ געוואַלדיג אויפפלאַקערען, כמעט אַ מעסיאַנישעס, פון ציוניסטישע טרוימערייען; און משומדים, און געמישטע חתונות, און העברעאיש אין יעדען אייזענבאַן-וואַגאָן, און אומעטום א שושקען זיך וועגען דעם, אַז ס'איז שוין לאַנג צייט צו אָרגאַניזירען א זעלבסטשוץ...

איך האָב דאָס אַלץ נאָר געזעהן פון דער ווייטענס. די גוים אין מיין רוסישער צייטונג האָבען מיך אָנגענומען ווי אַנ'אייגענעם; אין דער רעדאַקציע פון „ראַזסוויעט" האָב איך געזעהן פערשלאָפענע פנימער; ביי די ציוניסטישע פיהרער—נאָר דעם רוקען: אַ חרם. נאָך צוועקף יאָהר נאַציאָנאַלער אַרבייט האָב איך זיך פלוצלונג געפונען פערשטויסען, ערקלערט פאַר אַ נאַציאָנאַלען פעררעטער. אין אָדעס, מיין היימאַט-שטאָדט, האָט מען מיך ביים דאַווענען כמעט פערשאָלטען אין דער ציוניסטישער שול „יבנה", און צו מיין אַלטער מאַמע האָט איינער פון די אָנגעזעהענע ציוניסטישע פיהרער געזאָגט: „דערשיסען מוז מען אייער זוהן — ער איז א בוגד, ערגער פון אַלע משומדים". ס'האָט איהר שטאַרק און טיף געטראָפען. איך האָב איהר געפרעגט:

— גיב מיר אַן עצה, מאַמע: וואָס זאָל איך טון?

שטאָלץ ווי אויף אַן׳איידעלקייט-פּאַטענט בין איך אויף איר ענטפער:

— אויב דו גלויבסט, אַז דו ביסט גערעכט — טאָרסטו נישט באַכגעבען.

לאַנג לעבען זאָלען די גויים! פּראָפעסאָר מאַנואילאָוו, הויפּט-רעדאַקטאָר פון „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי", יענע מאָסקווער צייטונג, וואָס האָט מיך געשיקט קיין אויסלאַנד — איז געווען ערשט געגען אַ צווייטער רייזע.

— בלייבט אַרבייטען דאָ אין רעדאַקציע, — האָט ער געזאָגט. — אויף וואָס דאַרפט איהר ווידער אַוועקפאָהרען?

— לעגיאָן! — האָב איך געענטפערט.

— פאָהרט געזונטערהייד, — האָט ער געענטפערט—און אין פער-לויף פון צוויי יאָהר כסדר, ביז די באָלשעוויקעס האָבען איהר פער-מאַכט, האָט מיר אָט-די אַלטע, בכבודע ליבעראַלע צייטונג, דער הויפּט-שטאָלץ פון דער רוסישער פּרעסע, געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען אין לאָנדאָן, אויסצוהאַלטען מיין משפחה אין פּעטערבורג, שריי-בען אַן׳אַרטיקעל אַ וואָך און דאָס איבעריגע וואָס איך וויל, — כאָטש זי האָט שוין געהאַט אַ שטענדיגען קאָרעספּאָנדענט אין לאָנדאָן, דעם אָנגעזעהענעם פּובליציסט שקלאָווסקי-דיאָנעאָ.

אויפ׳ן וועג צוריק קיין לאָנדאָן האָב איך זיך ווידער אָבגע-שטעלט אין קאָפּענהאַגען, צו זעהן זיך מיט גראָסמאַנען. קיין שמחות האָט ער מיר נישט געקאָנט דערצעהלען. די ציוניסטען האָבען גע-גרינדעט אַ צענטראַל-ביוראָ אין קאָפּענהאַגען, און דאָס ביוראָ האָט שוין צושיקט אומעטום צירקולאַרען, אַז מען זאָל שטערען יעדע לעגיאָ-ניסטישע אַגיטאַציע און בויקאָטירען די איניציאַטאָרען. אַלס רעזולטאַט דערפון האָבען אייניגע סטודענטען-גרופּען אין דער שווייץ שוין אָנגע-נומען „העראָישע" רעזאָלוציעס געגען דעם לעגיאָן. קיין נייע אָנהענ-גער זענען צו אונז נישט צוגעקומען — חוץ איינעם: אין האַאַג, אין דער הויפּט-שטאָדט פון האָלאַנד, האָט זיך אָבגערופען אַ יונגערמאַן, יעקב לאַנדוי. ער רעדט וועגען גרינדען אַ אידישע פּרעסע-אַגענטור, וואָס וועט פּראָפּאַגירען דעם לעגיאָן-געדאַנק, און האָט שוין אָנגעהויבען

אָבצודרוקען קליינע אַרטיקלען און ידיעות אין אָט-דעם גייסט אין די האָלענדישע צייטונגען — און די דאָרטיגע ציוניסטען, מיט הערן נחמיה דע-ליעמא בראש, האָבען איהם שוין אויסגעשלאָסען פון זייער אָרגאַניזאַציע און דראָהען צו פועלן ביי דער האָלענדישער פּאָליציי, אַז מען זאָל איהם אַרויסטרייבען פון לאַנד, אַלס אַנ׳אויסלענדער, וואָס פערלעצט די נייטראַליטעט. דער יונגערמאַן האָט זיך נישט דערשראָקען (ס׳איז דערזעלבער יעקב לאַנדוי, וואָס שטעהט היינט אין דער שפּיץ פון „איטאַ" אין ניו-יאָרק און גיט אַרויס דעם „דזשואיש דעילי ביולעטין"). און ביז צום סוף פון דער לעגיאָן-קאַמפּיין האָט ער געטריבען זיין אַגיטאַציע אין די נייטראַלע צייטונגען, וועלכע האָבען אין יענע קריעגס-יאָהרען, נאַטירליך, געשפּיעלט אַנ׳אויסעראָרדענטליכע ראָלע אין גאַנץ מיטעל-אייראָפּאַ.

מיט גראָסמאַנען האָבען מיר בעשלאָסען צו גרינדען אַ זשורנאַל— „די אידישע טריבונע". אין די לעצטע יאָהרען, אַרומפאָהרענדיג אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניען, האָב איך געפונען מענשען, וואָס ביז היינט שטעהט אין זייער ביכער-שאַנק אַ זאַמלונג פון יענע גרינע ביכלעך, וואָס מאיר גראָסמאַן האָט אַרויסגעגעבען אין קאָפּענהאַגען פון 1915 ביז 1917. און אָט די מענשען האָבען מיר דערצעהלט, אַז דאָס איז געווען „דאָס איינציגע עהרליכע וואָרט", וואָס אַ ציוניסט אין מיטעל-אייראָפּא האָט געקאָנט דערהערען אין יענער צייט, כדי צו דערוויסען זיך אַביסעלע אמת וועגען דער לאַגע אין ארץ-ישראל, וועגען דער בעציהונג פון טערקיי צום ציוניזם, וועגען דער קריעגס-אָריענטאַציע, וואָס די ציוניסטישע בעוועגונג וואָלט געדאַרפט פיהרען. ווי אַזוי ס׳איז גראָסמאַנען געלונגען אויסצוהאַלטען דעם געזשורנאַל — איז פאַר מיר ביז היינט אַ סוד. עס איז געווען אַ „נס". איך פון לאָנדאָן האָב נאָר זעלטען געקאָנט איהם העלפען. אין ענגלאַנד האָט מען די „טריבונע" פערבאָטען צוליב דעם, וואָס — כאָטש פראָ-ענגליש—האָט זי אַטאַקירט די רוסישע רעגירונג! בשעת אַנ׳ענגלישער ביוראָקראַט נעמט זיך אָן צו זיין אַ שוטה, דערגרייכט ער זיין ציל מיט גלאַנץ... גראָסמאַנס „נס" האָט אָבער געהאַט אַ זעהר פשוטע ערקלערונג: ער האָט געצאָהלט דעם דרוקער פון זיין אייגענעם קאָרעספּאָנדענטען-געהאַלט.

אין מיטען אויגוסט 1915 בין איך ווידער געקומען קיין לאָנדאָן. ב'האָב זיך אַרומגעקוקט. די לאַגע, וואָס איך האָב געפונען, איז געווען דורך און דורך אונגינסטיג פאַר מיין פּלאַן.

ערשטענס — קיטשענערס פּאָליטיק. זיין תורה איז געווען פּשוט: אַלע אָנשטרענגונגען נאָר אויפ'ן מערב-פראָנט; דער מזרח איז נישט וויכטיג. די ענגלענדער האַלטען איהם פאַר אַ גרויסען סטראַטעג — כאָטש איך האָב געהערט, נאָך בשעת ער האָט געלעבט, גאַנץ אַנדערע מיינונגען, זעהר שאַרף און ביטער אויסגעדרוקט, און דוקא פון גרויסע ספּעציאַליסטען. איך אַליין מוז דאָ איבער'חזר'ן דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט וועגען דעלקאַסע: נישט יעדערער, וואָס איז גרויס ביי די גוים, איז ווירקליך גרויס. קיטשענער איז געווען אַנ'ערשט-קלאַסיגער סאָלדאַט און אַנ'אויסגעצייכענטער אָרגאַניזאַטאָר; אַ „סטראַטעג" איז אָבער אַנ'אַנדער זאַך. „סטראַטעגיע" איז די חכמה, וואָס קאָן געפינען אויף אַ גרויסען און ווייט-צעוואָרפענעם פראָנט דעם שוואַכסטען פונקט פון שונא. דערצו מוז מען האָבען אַנ'אייגענשאַפט, וואָס אויף ענגליש הייסט זי „אימאַזשינײשאָן", (פאַנטאַזיע) און אָט-דעם טאַלענט האָט קיטשנער נישט פערמאָגט. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ פיינער אַרטילעריסט: אָט דאָרט שטעהט דעם שונא'ס פעסטונג, אָט דאָס איז די דיסטאַנץ — טאָ ברענג דיינע האַרמאַטען, אָדער מאַך נייע האַרמאַטען, אויב דיינע זענען צו שוואַך, און שיס! דערצו מוז מען אויך האָבען טאַלענט און מח. אָבער אַ סטראַטעגס מח מוז געהערען צו אַנ'אַנדערער קאַטעגאָריע: אַ שאַך-שפּילער-מח. ס'איז געקומען אַ צייט—פיל שפּעטער—ווען אפילו אין ענגלישען קריעגס-מיניס-טעריום האָט מען דערזעהן, אַז קיטשענער'ס סטראַטעגיע איז אַ בלינדע. קורץ פאַר זיין טויט האָט זיך אין אַרמעע-שטאַב, אין פּאַרלאַמענט און אין דער פּרעסע, געבילדעט אַ שטאַרקע ריכטונג צום גונסטען פון דעם פראָנט אויפ'ן מזרח. זי האָט געזוכט צו בעווייזען, אַז דאָ ליגט דער שוואַכסטער פונקט פון שונא, אַז די טערקיי קאָן מען חרוב מאַכען מיט אַ קליינער אָנשטרענגונג און דאַן קריגט דייטשלאַנד אַ שטאָך אין האַרצען, ווייל דער גאַנצער זין פון דער מלחמה איז פאַר איהר צו בעהערשען דעם מזרח. לאָיד-דזשאָרזש אַליין האָט געהערט צו אָט דער ריכטונג. אָבער קיטשענער האָט נישט געוואָלט

און נישט געקאָנט נאָכגעבען. וואָלט ער נישט געשטאָרבען אַזוי טראַגיש — בין איך זיכער, — אַז לאַיד־דזשאָרדזש וואָלט איהם, מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, געצוואונגען צו דעמיסיאָנירען.

אָבער אין הערבסט 1915 איז קיטשענער נאָך געווען ביי זיי אַ גאָט. דער געדאַנק פון אַ מזרח־אָפענסיווע איז געווען קאָמפּראָמיטירט דורך די מפּלות אין די דאַרדאַנעלען—אַ קינדישע, אַנ׳אידיאָטישע אַוואַנטורע, אויסגעטראַכט און דורכגעפיהרט—געגען קיטשענער׳ס עצה — פון דעם טאַלאַנטפולען קונדס, גלענצענד אין אינטואיציע אָבער שוואַך אין אַריטמעטיק, פון ווינסטאָן טשוירטשיל.

— אַ גדוד פאַר ארץ־ישראל? — האָב איך געהערט פון אַלע זייטען. — ווער דענקט וועגען אַנ׳אָפענסיווע אין ארץ־ישראל? מ׳דאַרף עס נישט!

צווייטענס, די ציוניסטען. די אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד איז דאַמאָלס געווען נאָך קלענער און בלוט־אָרימער, ווי היינט. אָבער דער קריעג האָט איהר געשענקט צוויי ערשטקלאַסיגע דיריגענטען פון אויסלאַנד — טשלענאָוו און סאָקאָלאָוו. ביידע זענען געווען געגנער פון לעגיאָן־געדאַנק, און דאָס האָט בעשטימט די אַלגעמיינע בעציהונג נאָך איידער דער וכוח האָט זיך אָנגעהויבען. דער איינציגער גייסטיגער איינפלוס, וועלכען מ׳האָט געקאָנט דערשפּירען אין אָט־דער ציוניסטישער גאַס, איז אויך געווען אַנ׳אונגינסטיגער: אחד־העם האָט דאַמאָלס געלעבט אין לאָנדאָן, און אַרום איהם האָט זיך געבילדעט אַ קליינער קרייז פון אָנהענגער, וואָס עטליכע פון זיי פּרעדיגען ביז היינט, אַז קיין אידישע מעהרהייט אין ארץ־ישראל דאַרפען מיר נישט, און מיר וועלען איהר קיינמאָל נישט דערגרייכען.

כ׳האָב געפונען נאָר זעהר ווייניגע אויסנאַהמען. דזשאזעף קאָווען און ד״ר אידער האָבען מיך אונטערגעשטיצט פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף. אייגענטליך, זיי געהערט דער געדאַנק פון אַ אידישען באַטאַליאָן: זיי האָבען דערפאַר אַגיטירט נאָך אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה — נישט פאַר ארץ־ישראל, נור בכלל. נאַטירליך, דורכגעפאַלען; און, נאַטירליך, איז זייער אויטאָריטעט געווען שוואַך אין פערגלייך צו סאָקאָלאָוו׳ס, טשלענאָוו׳ס און אחד־העם׳ס.

אין דער אמת׳ער אידישער גאַס, אין ווייטשעפּעל, האָב איך

דאַמאָלס געפונען נאָר איין אָנהענגער: אַ. ביילין—אַ גוטער שרייבער, אָבער אַ מאַן אָהן איינפלוס.

אַ בעזונדער קאַפּיטעל איז געווען ד״ר ווייצמאַן. נאָך אין פּאַריז האָט ער זיך ערקלערט אַלס אָנהענגער פון גדוד. אין לאָנדאָן האָבען מיר זיך נאָכמעהר דערנעהנטערט. דריי חדשים האָבען מיר אַפילו געלעבט צוזאַמען אין אַ קליינער דירה, ערגיץ־וואו אין אַ זייטיגען געסעל פון טשעלדזי, צוויי שריט פון דער טעמזע. ס'איז געווען די ערשטע צייט פון זיין אַרבייט אין רעגירונגס־לאַבאָראַטאָריע, צו ענטוויקלען זיין בעקאַנטע כעמישע ענטדעקונג, וואָס האָט שפּעטער געשפּיעלט אַזאַ ראָלע אין פערבייליגען די פּראָדוקציע פון מוניציאָן, און וואָס האָט איהם געשטעלט אין פערבינדונג מיט'ן דאַמאָלסדיגען מוניציאָנס־מיניסטער לאָיד־דזשאָרדזש. און אַרבייטענדיג אַכט און צעהן און צוועלף שעה אַ טאָג אין לאַבאָראַטאָריע, האָט ער נאָך געפונען צייט — יעדען טאָג צו מאַכען אַ נייעם שריט אין זיין פּאָליטישער אַרבייט, געפינענדיג נייע פערבינדונגען, בעקעהרענדיג נייע מעכטיגע העלפער. אין יענע חדשים זענען מיר געוואָרען הערצליכע פריינד; און איך האָף, אַז דאָס וועלען מיר שטענדיג בלייבען — כאָטש דער פּאָליטישער קאַמף האָט אונז פערטריבען ווייט איינעם פון צווייטען און וועט אונז שוין מסתמא קיינמאָל נישט ברענגען צוזאַמען.

קאַפּיטעל פינעף.

עס וואָלט געווען לאַנג און לאַנגווייליג צו געבען דאָ אַ טאָג־בוך פון יענע צוויי יאָהרען — ביז צו דעם טאָג אין זומער 1917, ווען עס איז ערשינען אין דער אָפיציעלער „לאָנדאָן־גאַזעט" דער בעפעהל צו גרינדען אַ אידישען רעגימענט.

איך וועל נאָר דערמאָהנען עטליכע עפּיזאָדען. אייניגע פון זיי אַלס עטאַפּען פון אַדורכגעגאַנגענעם שטיק וועג, אַנדערע — צוליעב די פיגורען, וואָס ערשיינען אין זיי, פיגורען, וואָס מאַנכע פון זיי האָבען שפּעטער געשפּיעלט אַ ראָלע אין דער וועלט, אָדער אין אונזער וועלט. בכלל אָבער האַלט איך אָט די סעריע פון עפּיזאָדען פאַר אַנ'אילוסטרירטע אַנטוואָרט אויף יענער פראַגע, וואָס הייגט הערט מען זי אַזוי אָפט אויף ציוניסטישע פערזאַמלונגען: ווי קאָן מען „צווינגען" אַ רעגירונג, וואָס וויל נישט? מיט סטראַשונקעס? מיט קלאַפּען מיט'ן פויסט אין טיש? מיט „דערהויבענעם" טאָן? — ניין, רבותי, בשעת אַ רעגירונג „וויל נישט" — בלייבט מען רוהיג און העפליך, אָבער הערען הערט מען איהר, ווי דעם דב אין טראָק, און מען שאַפט זיך נייע פערבינדעטע, פון די אונטערשטע און אויבערשטע שטאַפּלען אויפ'ן סאָציאַלען לייטער — ביז די רעגירונג איז „געצוואונגען", און אַפילו צופריעדען מיט דעם, וואָס מ'האָט זי „געצוואונגען".

אין אַ ווינטער-אָווענד, האַלב-רעגען, האַלב-שניי, קלאַפּט עמיצער אין מיין טהיר, און ס'קומט-אריין אַ יונגער מאַן, זעהר אָרעם גע־קליידעט, און דערלאַנגט מיר אַ שמוציג שטיקעל פּאַפּיער. אויפ'ן פּאַפּיער דערקען איך די האַנד פון אַ פריינד מיינעם, וואָס איז גע־בליבען אין יפו. עס שטעהט דאָרט אויף העברעאיש: „דאָס איז העררי פּירסט. דו קאָנסט איהם גלויבען".

העררי פּירסט זאָגט:

— איך קום פון ארץ-ישראל. די דאָרטיגע אַרבייטער האָבען דערהערט, אַז איהר ווילט גרינדען אַ אידישען גדוד. האָבען זיי מיר געהייסען פאָהרען צו אייך און זאָגען, אַז זיי זענען מיט אייך, און אַז איהר זאָלט זיך נישט לאָזען אָבשרעקען. דאָס איז נומער איינס. נומער צוויי: איך שטעה אייך צו דיענסטען. כ'רעד אידיש און ענגליש; בין אַ מיטגליעד פון פּועלי-ציון און קען ווייטשעפּעל. וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?

— געהט אַרום אין ווייטשעפּעל און רעדט מיט יונגע לייט! — זאָג איך.

ער הויבט זיך אויף און געהט אַוועק. און צוויי יאָהר כסדר האָט העררי פּירסט אַגיטירט אין ווייטשעפּעל, אין ווערקשטאַט, אין קיביצאַרניעס, אין זיין קאָמיטעט, אויף מיטינגען; איינעם נאָכ'ן אַנדערען האָט ער אויסגעזוכט אייגצעלנע אָנהענגער, פאַרגעשטעלט מיר, און געגאַנגען ווייטער אַרבייטען. ער איז געוואָרען איינע פון די בעקאַנטסטע פיגורען אין ווייטשעפּעל; מ'האָט איהם ליעב געהאַט און פיינד געהאַט — פיינד פערשטעהט זיך פאַרוואָס, ליעב — ווייל אפילו בעגנער האָבען געהאַט דרך-ארץ פאַר זיין רוהיגער, העפליכער עקשנות און פאַר זיין איידעלער אָרעמקייט. ווען מען האָט געגרינדעט דעם לעגיאָן, איז ער אַריין אין חאַקי, האָט שטיל און פיין אָבגע־דיענט זיינע צוויי יאָהרען אין ארץ-ישראל, נישט געזוכט קיין כיבודים, זעהר זעלטען אפילו געקומען צו מיר; און נאָכדעם איז ער פער־שוואונדען, און היינט ווייס איך אפילו נישט, וואו ער איז. אפשר וועט עמיצער איהם ווייזען אָט די ציילען: שלום, העררי פּירסט,

איינער פון יענע „אונבעקאַנטע סאָלדאַטען", וואָס זיי, נישט מיר, מאַכען געשיכטע!

אין ווהייטאָל, וואו מען רעגירט איבער ענגלאַנד און איבער אַ האַל־בער וועלט, האָט די רעגירונג געגרינדעט אַ פּראָפּאַגאַנדע־דעפּאַרטאַמענט, און בראש פון דעם דעפּאַרטאַמענט איז געשטאַנען אַ מיניסטער — לאָרד ניוטאָן. מאסטערמאַן, אַ בעקאַנטער ענגלישער זשורנאַליסט, האָט איהם געשיקט אַ בעריכט וועגען דעם לעגיאָן־פּלאַן, און לאָרד ניוטאָן האָט מיך עמפּפאַנגען.

— אפשר אַ גוטער געדאַנק, — זאָגט ער צו מיר, — און זעלבסטפערשטענדליך האָב איך געהערט און געלעזען וועגען אייער ציון־מיול־קאָרפּוס. אָבער וואָס האָט דאָס צו טהון מיט מיין דעפּאַר־טאַמענט, מיט פּראָפּאַגאַנדע?

— איין פראַגע: לעגט איהר עפּעס אַ ווערט אויף די בעציהונג פון נייטראַלען אידענטום?

— יאָ, — זאָגט ער, — ליידער אָבער זענען מיר נישט צו־פריעדען מיט דער האַלטונג פון נייטראַלען אידענטום. איך זעה יעדע וואָך איבערזעצונגען פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע... כ׳פערשטעה זיי נישט. איז דאָס אונזער שולד, וואָס דער רוסישער רעזשים איז... הם... הם... נישט אַזוי מאָדערן?

— וואָס איז שייך שולד אָדער אונשולד — לאָמיר רעדען וועגען פאַקטען. אייער זיעג וועט פערשטאַרקען דעם רוסישען רעזשים, און דאָס איז אַ פאַקט, וואָס ענגלאַנד קאָן איהם נישט בעזייטיגען, ענג־לאַנד קאָן איהם נאָר קאָנטרבאַלאַנסירען.

— ווי אַזוי?

— ס׳איז דאָ נאָר איין זאַך אין דער וועלט, וואָס דער איד האָט זי ליעב נאָכמעהר, ווי ער האָט פיינד דעם רוסישען רעזשים:

ארץ־ישראל! נאָר אין נאָמען פון אַ גרויסער ליעבע קאָן מען פער־געסען אַ גרויסע שנאה, נישט אַנדערש.

— דאָס הייסט, אויב ס'וואָלט ערשיינען אַ מאַניפעסט פון דער ענגלישער רעגירונג צו גונסטען פון דעם ציוניזם, דאַן?..

— דאַן וואָלטען די אַמעריקאַנער אידען געזאָגט: פיין, אָבער וואָס איז אַ מאַניפעסט אָהן פאַקטען? איהר זעהט, אין אָנפאַנג פון דער מלחמה האָט מען געשאַפען אַ וואָרט: „אַ שמאַטע פאַפיער"—און דאָס וואָרט איז געוואָרען פּאָפּולער. מאַניפעסט — יאָ; אָבער דערצו שאַפט פאַקטען.

- וואָס הייסט פאַקטען?

- אַ אידישער קאָרפּוס, וואָס זאָל זיך בעטייליגען אין דער ערָאָבערונג פון ארץ־ישראל.

— אָבער קיינער ווייסט נאָך נישט, ווען מיר וועלען געהן קיין ארץ־ישראל; און לאָרד קיטשענער זאָגט: קיינמאָל נישט.

— אַ רעגימענט איז נישט יונה הנביא'ס קיקיון (פאַר אַנ'ענג־לענדער קאָן מען רעדען מיט פסוקים; ער פערשטעהט). אַנ'ארמעע וואַקסט נישט אויס איבערנאַכט. אויב מ'וועט זי דאַרפען איבער אַ יאָהר — מוז מען אָנהויבען היינט. און מכח לאָרד קיטשענער—האָט ער אַ טעות.

— „אל תגידו בגת", — ענטפערט ער מיר אויך מיט אַ פסוק,— אָבער איך וועל וועגען דעם נאָכדענקען און רעדען מיט מיינע קאָלעגען.

שאַרפע פייערדיגע אַרטיקלען האָבען די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען געשריבען געגען רוסלאַנד אין 1915. אָבער די שרייבער און די רעדאַקטאָרען אַליין ווייסען אפשר נישט, ווי מעכטיג דאָס האָט געווירקט צו פאַרבערייטען די באַלפור־דעקלאַראַציע.

מר. דזשאָזעף קינג, אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט, האָט געמאַכט אַנ'אינטערפּעלאַציע אין דעם אונטערשטען הויז: צי איז בעקאַנט דעם

מיניסטער, אַז אַ „רוסישער זשורנאַליסט" פיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדע אין ווייטשעפּעל צו גרינדען אַ אידישען גדוד, און צי האָט דער דאָזיגער זשורנאַליסט עפּעס אַ פולמאַכט דערצו מצד דער רעגירונג?

איך האָב איהם געשריבען: „איידער איהר אַטאַקירט אַ מענשען און זיינע פּלענער, הערט איהם אויס".

מיר בעגעגענען זיך אין נאַציאָנאַל-ליבעראַלען קלוב. בשעת איך קום אַריין אין זאַל, זעה איך, אַז ער רעדט מיט אַ מאָגערען דזשענטעלמען, וואָס האָט אַ געלבען, אויסגעדאַרטען, אַ ביסעל פּער-גרינטען טאָרקוועמאַדאָ-פּנים — אָדער האַלב-טאָרקוועמאַדאָ, האַלב-מעפּיסטאָפעל-פּנים. מר. קינג גריסט מיך מיט'ן קאָפּ; דער מאָגערער דזשענטעלמען קוקט אָן אַ זייט. זיי געזעגענען זיך, יענער געהט אַוועק און מר. קינג פיהרט מיך צו אַ שטוהל.

— מיינע ווייטשעפּעל-פריינד,—זאָגט ער, — האָבען זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף אייך. זיי טענה'ן: ס'הויבט זיך שוין אָן אַ העצע געגען די נישט-דיענענדע אויסלענדער אין דער גאַס און אין דער פּרעסע — קומט ער און שיט נאָך קויהלען אין פייער אַריין.

— מר. קינג, זאָגט מיר אָפען, אויב איך וועל פערשווינדען — וועט די העצע אויפהערען?

— ליידער נישט. כ'קאָן אַליין נישט אָבלייקענען, אַז עס פּער-דריסט די מאַסען, צו זעהן יונגע לייט, וואָס לעבען מיט אונז און דאָך...

— אַלזאָ ביטע, מר. קינג, לאָמיר זאָגען, אַז מיין פּלאַן איז שלעכט — גיט זשע מיר אַן עצה: וואו איז דער אויסוועג? נישט דיענען ביז'ן סוף? צוזעהן, ווי עס וואַקסט אין ענגלאַנד אַ ראַסען-האַס אין זיין גיפטיגסטער פאָרם — אַ האַס פון מענשען, וואָס מוזען שטאַרבען, געגען מענשען, וואָס זיי איז ערלויבט צו לעבען?

— איהר דערצעהלט מיר נישט קיין נייעס, — זאָגט מר. קינג.— כ'האָב אַליין ערקלערט דאָסזעלבע פאַר מיינע ווייטשעפּעלער פריינד. כ'האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, אויב אַ גרויסע צאָהל פון אויסלענדישע אידען וואָלט זיך אָנגעשלאָסען אין דער ענגלישער אַרמעע מיט אונזערע באַיס...

— דאָ האָט איהר שוין אַ טעות. ס'איז אַן אונגערעכטע פאָדערונג.

— פאַרוואָס.

— ווייל ס׳איז דאָ אַ געוואַלדיגער אונטערשיד צווישן אייערע באָיס און זיי. אייערע באָיס זענען ענגלענדער, אויב ענגלאַנד זיעגט, איז זייער פאָלק געראַטעוועט. אונזערע זענען אידען: אויב ענגלאַנד זיעגט, בלייבען זעקס מיליאָנען פון זייערע ברידער אין גיהנום. איהר טאָרט נישט פערלאַנגען קיין גלייכען קרבן, ווען די האָפנונג איז נישט קיין גלייכע.

— וואָס זשע ווילט איהר?

— אַ פשרה. עפ״י יושר קאָנט איהר פון אַ אויסלענדישען אידען פערלאַנגען נאָר צוויי זאַכען. ערשטענס — בעשיצען ענגלאַנר גופא, ווייל דאָ לעבט ער. צווייטענס, קעמפען פאַר דער בעפרייאונג פון ארץ-ישראל, ווייל דאָס וועט זיין די היים פון זיין פאָלק. האָום (הויז) און היים; דאָס איז מיין קריעגס-פּראָגראַם פאַר אייערע ווייטשעפּעלער פריינד.

— איהר זענט אַ טרוימער, — זאָגט ער פלוצלונג.

איך ווייז איהם אָן אויף די פּאָרטרעטען, וואָס הענגען אויף אַלע ווענד פון ליבעראַלען קלוב:

— אַלע טרוימער!

— כ׳וועל נאָכדענקען, — זאָגט ער, — און רעדען מיט מיינע קאָלעגען. כ׳ווייס אָבער נישט, צי ס׳איז כדאי וועגען דעם צו רעדען מיט מיינע ווייטשעפּעלער פריינד.

— ס׳הענגט אָב פון דעם, ווער זיי זענען, — ענטפער איך.

— איינעם, דעם וויכטיגסטען, האָט איר געזעהען: ס׳איז יענער מאָגערער דזשענטעלמען. ער איז נישט קיין איד און צו אַלט פאַר מיליטער. אָבער ער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער פראַגע. ס׳איז אַ רוסישער עמיגראַנט, מר. טשיטשערין הייסט ער. ווילט איהר זיך בעקענען מיט איהם?

— ניין, — זאָג איך.

— מערקווירדיג: איך האָב איהם געשטעלט די זעלבע פראַגע וועגען אייך, און ער האָט געגעבען די זעלבע אַנטוואָרט. ס׳איז אַ מאָדנע זאַך, ווי די רוסען האָבען פיינד איינער דעם אַנדערען: מ׳פיהלט, אַז אויב מר. טשיטשערין וואָלט נאָר געהאַט אַ ביסעל

איינפלוס, וואָלט ער אייך מיט פערגעניגען געזעהען אין תפיסה—און איך האָב מורא, אַז ס'איז געגענזייטיג...

— אַה, יאָ! — זאָג איך מיט'ן גאַנצען הארץ.

וועגען דעם היינטיגען אויסערן-קאָמיסאַר פון סאָוויעט-רוסלאַנד האָב איך דאַמאָלס ווייניג געהערט — ער איז נישט געוועזן פון די בעריהמטע עמיגראַנטען. מעהר בעקאַנט צוליעב דעם נאָמען זיינעם, ווייל זיין פאָטער איז געוועזן אַ גרויסער ליבעראַלער פובליציסט אין די זעכציגער יאָהרען און האָט געשריבען צוגונסטען פון גלייכע רעכט פאַר אידען; אָבער דאָס ווייניגע, וואָס איך האָב יאָ געהערט, איז געווען: מר. טשיטשערין איז געוועזן איינער פון די אמת'ע אָנפיהרער פון דער גאַנצער אַגיטאַציע אין ווייטשעפעל, אַז אידען זאָלען זיך אָבזאָגען פון יעדער פאָרם דיענסט, און וועגען דער תפיסה, איז מר. קינג טאָקי געוועזן אַ נביא, אָבער נישט פאַר מיר.

אַ בריעף מיט אַ לאָנדאָנער שטעמפעל: „איך בין געקומען פון גאַליפאָלי, עוואַקוּאירט צוליעב אַ וואונד. איך געפין זיך איצט אין קאָנוואלעסענטס האום, דאווער סטריט. — געצייכענט: דזש. ה. פאַטערסאָן".

קאָלאָנעל פאַטערסאָנען האָב איך ביז דאַמאָלס נישט געזעהען: ער איז ערשינען ביי אונזערע וואלאנטערען אין אַלעקסאַנדריען ערשט נאָך מיין אָברייזען פון מצרים. געהערט פון איהם האָב איך אַ סך. אַ פּראָטעסטאַנט, געבוירען אין אירלאַנד. לויט בערוף איז ער פריהער געוועזן אַנ'אינזשיניער. נאָך אין 1896 האָט מען איהם געשיקט בויען אַנ'אייזענבאַהן-בריק איבער'ן טייך סאַוואָ, ערגיץ וואו אין אַפריקאַ, נישט ווייט פון „אונזער" אוגאַנדאַ. פון אָט דעם בריק שטאַמט זיין בעריהמטקייט; ווארום ער איז בעריהמט אין אַ גאַנץ ספּעציעלען קרייז מענשען — ביי די גרויס-ווילד-יעגער פון ענגלאַנד און אַמעריקאַ. פאַטערסאָן איז דער אָנערקענטער פרינץ פון די ענגלישע לייבען-

יעגער, אויפ׳ן סאַווא-טייך איז זיין מחנה בעשטאַנען פון עטליכע הונדערט שוואַרצע אַרבייטער; ער איז געווען דער איינציגער ווייסער, און דער איינציגער, וואָס האָט זיך געקאָנט גוט בעגעהן מיט אַ ביקס. ס׳זענען ערשינען אין דער געגענד אַ שטאַם לייבען, פון דעם ערגסטען סאָרט, וואָס מ׳רופט זיי „מענשען-פרעסער״, ווייל זיי האָבען פיינד יעדען אַנדערען מאכל. יעדע נאַכט פלעגט איינער פון זיי קומען אין מחנה, רוהיג אויסקלויבען זיין קרבן און אַוועקטראָגען איהם אין די געדיכטע וועלדער. און איינעם נאָך דעם אַנדערען האָט דער יונגער פאַטערסאָן זיי דערשאָסען, אַכט לייבען סך-הכל, און די אַכט דונקעל-געלבע פעלצען הענגען איצט ביי איהם אין דער היים אויף דער וואַנד. פון דאַמאָלס איז ענטשטאַנען זיין בוך „די מענשען-פרעסער פון סאַווא״; אויף מיין עקזעמפּלאַר שטעהט געדרוקט: „זעקס און צוואַנציגסטע אויסגאַבע״. איך קען ענגלענדער, וואָס אויף אַ לאַנגער רייזע נעמען זיי מיט זיך נאָר צוויי האַנד-ביכער: דעם תנ״ך אויף ענגליש און פאַטערסאָנ׳ס „מענשען-פרעסער״. דורך אָט דעם בוך איז פאַטערסאָן געוואָרען בעפריינדעט מיט אַנ׳אַנדערען גרויס-ווילד-יעגער — דאָס איז טעאָדאָר רוזוועלט, אין וועמענס הויז ער איז אָפט געווען אַ גאַסט. נאָכ׳ן סאַווא-עפּיזאָד איז געקומען דער בורען-קריעג אין דרום-אַפריקאַ. פאַטערסאָן איז אַריין אין קאַוואַלעריע אַלס אַ געהילף-לויטענאַנט און געענדיגט זיין קאַריערע אַלס אַ לויטענאַנט-קאָלאָנעל. דערנאָך האָט ער אַ לאַנגע צייט אָבגעלעבט אין אינדיען, דורכגערייזט אַ האַלבע וועלט, דורכגעלעבט שטורמישע טעג, וועגען וועלכע ס׳איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דערצעהלען — אַ לעבען, וואָס זעהט אויס, ווי אַ ראָמאַן, און נישט פון הייגטיגען פּראָזאַישען יאָהרהונדערט. „אַ בו קאַניער״, זאָגט אויף איהם פעלדמאַרשאַל אַלענבי, זיין אַלטער פריינד: אַזוי האָבען געהייסען יענע ווילדע נשמות, וואָס האָבען מעהר ווי מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק געבראָכען שפּאַניענס און פראַנקרייכס הערשאַפט אויף די אינזלען פון מעקסיקאַנער גאלף און קאַריבער ים און געהאָלפען מאַכען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן פאַר אַנ׳ענגלישען טייך. און אין סוף פון אַזאַ קאַריערע — איז ער געוואָרען דער אָנפיהרער פון ציון-מיול-קאָרפּוס אין גאַליפּאָלי און אידישען גדוד אין ארץ-ישראל. נישט בעדאַנקט נישט

פון קריסטען און נישט פון אידען. ער זאָגט, אז ער האָט נישט קיין חרטה.

כ׳האָב איהם געפונען אין זיין „קאָנוואַלעסענט-האָום״. אַ הויכער, דינער, שלאַנקער מאַן מיט קלוגע און פרעהליכע אויגען; אַ פערקערפערונג פון דעם, וואָס די ענגלענדער רופען „איריש טשאַרם״, אָבער אָהן קיין איינציגען רמז פון יענעם „איירישען״ אומעט, רעפלעקסיע, טיעף-גריבלעריי, וואָס שטערט דעם אירלענדער אין זיין פאָלקס-לעבען פונקט אַזוי ווי דעם רוס. דערביי אַ גרויסער ביבעלקענער, וואָס פאַר איהם זענען גדעון און שמשון און דוד לעבעדיגע געשטאַלטען — און גליקליכערהייד, אמאָל פערשטעלען זיי פאַר איהם דעם היינטיגען אידען.

— וואָס הערט זיך מיט גאַליפאָלי?

— אַ דורכפאַל.

— דער ציון-מיול-קאָרפּוס?

— אַנ׳ערפאָלג. גלענצענדע סאָלדאַטען.

— טרומפעלדאָר?

— דער טאַפּפערסטער מענש, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזעהען. ער איז איצט דער הויפּט-אָנפיהרער פון קאָרפּוס.

(פון אַ פערזענליכען בריעף ווייס איך גאַנץ גענוי אַלע צרות, וואָס פּאַטערסאָן האָט געהאַט מיט אונזערע סאָלדאַטען און מיט דעם הייליגען עקשן טרומפעלדאָר; אָבער דער איירישער טעמפּעראַמענט פערגעסט קלייניגקייטען און זאָגט: גלענצענד!)

— וואָס הערט זיך ביי אייך? — פרעגט ער.

— לאָרד קיטשענער וויל נישט.

— דאָס לעבען איז שטאַרקער פון לאָרד קיטשענער.

— וועט איהר מיר העלפען?

— קומט.

און מיר פאָהרען קיין וועסטמינסטער. אין דעם גרויסען האָל צווישען דיביידע פּאַרלאַמענטס-אָבטיילונגען שרייבט ער אַ קאַרטע און גיט זי דעם דיענער. פינף מינוט שפּעטער קומט אַרויס פון דער זייט פון אונטערשטען הויז אַ קליינער, דאַ־ער מענש אין חאַקי, מיט אַ רויטען גענעראַל-שטאַב-היטעל אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט אַ רוהיגע,



קאָלאָניען־מיניסטער עמערי

פעלדמאַרשאַל אַלענבי

קורצע, אַ ביסעל טרוקענע מאַניער אין רעדען — אַ מאַניער פון אַ זעהר קלוגען מענשען, וואָס רעדט נאָר וועגען דעם, וואָס ער ווייסט, און ווייסט, וואָס ער וויל — און ווילען וויל ער אפשר זאַכען, וואָס די צייט פאַר זיי וועט ערשט קומען נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

היינט זאָגען פון איהם די ענגלענדער: „ס'פעהלט איהם נאָר אַ פאָר צאָל וואוקס, כדי צו ווערען פרעמיער". ס'איז אמת, ער איז קליין, נאָך קלענער פון לאָיד דזשאָרזש'ן; אָבער איך בין נישט זיכער, צי דאָס וועט איהם אָבשטעלען. דאַמאָלס איז ער געווען אַ פשוט'ער מ. פּ. (קלענערע מיליטערישע ראַנגע); איצט איז ער ענג-לאַנד'ס קאָלאָניאַל-מיניסטער.

— קעפּטען עמערי, — שטעלט אונז פאָר פאַטערסאָן—ער ווייס פון אייערע פּראָיעקטען: דערצעהלט איהם די פּרטים.

איך דערצעהל. מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער איז עמערי איינער פון די הויפּט-מאַכער אין לאָיד דזשאָרזש'ס בעריהמטען „סעקרעטאַריאַט". מר. קינג האָט מיך געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט אַ גאַנצער רייהע דעפּוטאַטען, אי ליבעראַלע, אי קאָנסערוואַטיווע, און אין פּראָפּאַגאַנדע-דעפּארטאַמענט ליגט אַ דיקע טעקע מיט בעריכטען, בריעף, נאָטיצען, צייטונגס-אויסשניטען אונטער'ן נאָמען „אידישער רעגימענט", און מיט אַ בעמערקונג פון לאָרד ניוטאָן: „וויכטיג".

קאַפּיטעל זעקס.

אין הערבסט 1916 איז שוין פאַר יעדען מענשען מיט שכל קלאָר געווען, אַז ווייטשעפּעל וועט מוזען געהן דיענען, אויב מ׳וויל אויסמיידען אַ סקאַנדאַל, וואָס קאָן בעגראָבען דעם גאַנצען אידישען פּרעסטיזש אין ענגלאַנד. פאַר ענגלענדער האָט מען שוין איינגעפיהרט „קאָנסקריפּשאַן״. צעהנדליגגער יונגע לייט פון ווייטשעפּעל, גאַנץ אונבעקאַנטע, פלעגען צו מיר קומען קיין טשעלזי — אַ מהלך פון עטליכע מייל — און פרעגען:

— וואָס זאָל מען טהון? ס׳איז שוין אונאַנגענעהם צו קוקען דעם פיינסטען גוי אין די אויגען. איז עפּעס דאָ אַ האָפנונג, אַז די רעגירונג זאָל גרינדען אַ גדוד פאַר ארץ-ישראל?

די רעגירונג האָט אָבער נאָך נישט געוואָלט. קיטשענער איז שוין נישט געווען, אָבער זיין גייסט האָט נאָך געהערשט אין וואָר-אָפיס (קריעגס-מיניסטעריום) און די געגנער פון אַ מזרח-אָפענסיווע האָבען נאָך בעהאַלטען דעם העכסטען איינפלוס אין גענעראַל-שטאַב.

אויף אַ בעראַטונג פון פריינד האָבען מיר בעשלאָסען, אַז די צייט איז געקומען פאַר אַ נייעם, גאַנץ אָפענעם פערזוך אַוועקצושטעלען די רעגירונג און די געזעלשאַפטליכע מיינונג פאַר אַ מאַסען-פאַקט. דער פלאַן אונזערער איז געווען צו זאַמלען אונטערשריפטען פון יונגע לייט אונטער דער פאָלגענדער ערקלערונג:

„אויב די רעגירונג וועט גרינדען אַ אידישען רעגימענט, וואָס זאָל זיין בעשטימט אויסשליסליך פאַר צוויי ציעלען — אָדער האָום-דעפענס (פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד) אָדער אָפּעראַציעס אויף

דעם ארץ־ישראל־פראָנט, — נעהם איך אויף זיך די פערפליכטונג איינ־צושליסען זיך אין אזא גדוד".

דער לאָזונג פון דער אַקציע וועט זיין „האָום- און היים-לעגיאָן". אויב ס'וועלען זיך אָנזאַמלען גענוג אונטערשריפטען, וועלען מיר דער־לאַנגען אַ פעטיציע צו דער רעגירונג. די גאַנצע ארבייט מוז דורכ־געפיהרט ווערען אויף פריוואַטע מיטלען, אָהן קיין שום אָפיציעלער היקף. דזשאָזעף קאָוען האָט געשטעלט אין אונזער רשות די נויט־ווענדיגע סומען.

איך האָב ארויסגערופען גראָסמאַנ'ען פון קאָפּענהאַגען, און אַ טאָג נאָך זיין אָנקומען איז ערשינען דער ערשטער נומער פון אַ טעגליכער צייטונג אונטער זיין רעדאַקציע: „אונזער טריבונע". די הויפּט-מיטאַרבייטער זענען געווען ביילין, פינסקי און בייזער — די צוויי ערשטע גאַנץ גוט בעקאַנטע אידישע און העברעאישע שריפט־שטעלער. הערזי פירסט און יצחק ארשאַווסקי, אַ יונגער אינזשיניער, מיט אַ צעהנדלינג אַנדערע חברים האָבען איבערגענומען די טעכנישע אָרגאַניזירונג פון דער קאַמפיין.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען טרומפּעלדאָר. זיין גדוד איז שוין לאַנג דעמאָביליזירט געוואָרען, נאָכ'ן דורכפאַל פון דער גאַליפּאָלי־עקספּעדיציע.

צוויי טאָג נאָכדעם, ווי דער ערשטער אויפרוף אונזערער איז ערשינען אויף די גאַסען פון ווייטשעפּעל, סאָהאָ און אַנדערע „אידישע" שטאָדט-פיערטעל, האָט הערבערט סאַמיועל געשיקט מיך רופען.

— מיר דאַנקען אייך פון גאַנצען האַרצען פאַר אייער איניציאַ־טיווע, — האָט ער געזאָגט. — קאָן דאָס אינערן-מיניסטעריום אייך העלפען אין עטוואָס?

— נאָר אין איין זאַך, — האָב איך געענטפערט, — גיט אונז אָב אַ'אָפיציעלע ערקלערונג, אַז אויב עס וועלען זיך אָנזאַמלען ביז טויזענד אונטערשריפטען, וועט די רעגירונג גרינדען אַ גדוד פאַר „האָום און היים". דאַן בין איך זיכער אין בעסטען ערפאָלג. אויב נישט — וועלען סקעפּטיקער אָדער געגנער זאָגען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ „טראָפ" (שווינדעל), און אַז מ'וויל נאָר פּשוט פאַנגען וואָלאַנטערען, וועלכע מ'וועט דאַן צוטיילען אין ענגלישע באַטאַליאָנען

און פערשיקען קיין פלאַנדריען, און דאָס וועט שטערען מיין גאַנצער אַרבייט.

— איך קאָן נישט אָבגעבען אַזאַ ערקלערונג, — האָט ער גע־זאָגט. — עס הענגט נישט אָב פון מיר. ס'איז די זאַך פון גאַנצען קאַבינעט צו בעשליסען. און איהר ווייסט אַליין, אַז פיעל אידישע קרייזען — בעזונדערס די ציוניסטען — זענען שטאַרק געגען אַ אידישען גדוד.

— פונקט אַזוי שטאַרק זענען מיינע פריינד און איך געגען דעם, אַז ווייטשעפעל זאָל דיענען אין פרעמדע באַטאַליאָנען פאַר אַ פרעמדען צוועק. די התחייבות, וואָס מיר שלאָגען זיי פאָר אונטער־צושרייבען, איז גאַנץ קלאָר: נאָר „האָום און היים". אָבער אָהן אַן־אָפיציעלער ערקלערונג פון אייער זייט קאָן איך נישט גאַראַנטירען פאַר אַן'ערפאָלג.

— קאָן איך אייך אפשר העלפען אויף וועלכען עס איז אַנדער אופן?

איך האָב געענטפערט: ניין. און איך זאָג היינט אָפען, אַז איך האָב חרטה אויף יענער אַנטוואָרט מיינער. איין פאָרם פון הילף וואָלט איך געדאַרפט פאָדערען פון דער רעגירונג: צו פערזיכערען די רוה ביי אונזערע עפענטליכע מיטינגען.

די קאַמפּיין אונזערע האָט געדויערט איין חודש: אַ מ פּ ל ה. דרייהונדערט אונטערשריפטען האָבען מיר געזאַמעלט אינגאַנצען—און דאָס לעבען פון ווייטשעפעל אין יענע טעג איז געוועזען איין אונ־אויפהערליכער סקאַנדאַל. ביים ערשטען מיטינג איז געוועזען שטיל: די געגנער האָבען געהאַט אַ חשד, אַז ערגיץ־וואו איז פערשטעקט פּאָליציי, ווי אויף גויאישע רעקרוטירונגס-פערזאַמלונגען. אָבער ביים צווייטען האָבען זיי שוין ענטדעקט אונזער איידעלקייט — און האָבען געבראַכט פייפעלעך. ס'איז געוועזען אַ קליינע באַנדע — אפשר דרייסיג מענשען אינגאַנצען; אָבער גוט אָרגאַניזירט. שטענדיג דיזעלבע דרייסיג פּנים'ער אומעטום — אין ווייטשעפעל, סאָהאָ, סטעמפאָרד-היל, נאָטינג־היל, און דרייסיג שרייער זענען, ווי יעדער ווייסט, אַ גרויסער כח, בשעת ס'האַנדעלט זיך וועגען מאַכען אונמעגליך אַ פערזאַמלונג, און בשעת דער אַגדערער צד וויל פּרינציפּיעל נישט רופען קיין פּאָליציי,

און אַליין טאָר ער זיך אויך נישט ערלויבען דעם לוקסוס פון ברעכען דרייסיג קעפּ, ווייל מען מוז זיך דאָך האַלטען פיין. מיר האָבען זיך לאַנג פער'עקשנ'ט — אָבער די שטימונג איז שוין געווען געשאַפען אין דער ערשטער וואָך: אַ מפּלה.

איך בין נישט קיין חסיד פון „וייטשעפּעלטום"; אָבער די גע-רעכטיגקייט פאָדערט צו זאָגען, אַז אין אָט דער חרפּה איז וייטשעפּעל נישט געווען שולדיג. וייטשעפּעל האָט געוואָלט אונז אויסהערען; אַלע ערנסטערע עלעמענטען, יונגע ווי אַלטע, האָבען שוין פער-שטאַנען, אַז מען מוז זוכען אַ פּאָזיטיווען אויסוועג, אַז וועגען „פּטור בלא כלום" איז מעהר נישטאָ וואָס צו רעדען. אָבער ווי האָבען זיי געקאָנט גלויבען, אַז אונזער אויסוועג איז אַ מעגליכער? פון אָפּי-ציעלער ציוניסטישער זייט — איך בעדויער, אָבער איך מוז דאָס זאָגען — האָט מען זיי, די גאַנצע צייט פון אונזער קאַמפּיין, גע-זשומעט אויפ'ן אויער, אַז מיר נאַרען אָב אי זיך אַליין אי זיי, אַז „די רעגירונג וועט קיינמאָל נישט דערלאָזען קיין גדוד", אַז די גאַנצע זאַך איז — ווי איך האָב געוואָרענט סעמיועל'ן — אַ „טראַפּ". קיין אָפיציעלע בעשטעטיגונג פון אונזער פּלאַן איז נישט געווען. אויף אָט דעם באָדען פון חשד און ספקות איז שוין נישט שווער געווען פאַר אַ חברה יעווסעקען (דער נאָמען איז אַנ'אַנאַכראָניזם, אָבער דער גייסט איז געווען דער זעלבער, ווי ביי דער היינטיגער מאָסקווער „יעווסעקציע") צו שאַפען אַ שטימונג פון טעראָר, צו שרעקען יעדען יונגען מאַן, וואָס האָט זיך פערטראַכט וועגען אונזערע פּלענער, אַז ער איז אַ פעררעטער, אַז ער פערשלעפּט זיינע ברידער נישט קיין ארץ-ישראל, נאָר קיין פלאַנדריען. און די חברה, ווי גע-זאָגט, איז געווען גוט דיריזשירט: די האַנד, וואָס איז אַליין געבליבען בעהאַלטען, האָט אָבער די גאַנצע צייט געצויגען די פעדים, — און געווען איז עס די האַנד פון — מר. טשיטשערין.

נאָך פיער וואָכען צייט האָבען מיר בעשלאָסען אָבצושטעלען די קאַמ-פּיין און פערמאַכען די צייטונג. גראָסמאַן איז אַוועקגעפאָהרען צוריק קיין קאָפּענהאַגען. און איך האָב זיך געגעבען אַ הייליגע שבועה: דאָס נעכסטע מאָל (ווייל ס'וועט נאָך זיין אַ „נעכסטע מאָל") וועט

איהר, מיינע געעהרטע, מעהר נישט קאָנען מאַכען קיין ליאַרם און טשיטשערין וועט זיצען שטיל און רוהיג.

פונקט איין חודש נאָך אָט-דעם לעצטען דורכפאַל איז געשאַפען געוואָרען דער ערשטער אָפיציעלער קערן פון אידישען לעגיאָן.

הונדערט און צוואַנציג געוועזענע סאָלדאַטען פון ציון-מיול קאָרפוס האָבען זיך ווידער איינגעשלאָסען אין דער אַרמעע אין אַלעקסאַנדריען. מען האָט זיי פון דאָרט געבראַכט קיין לאָנדאָן. מר. עמערי האָט געפועל'ט, אַז מ'זאָל זיי אַלע איינשליסען אין איין באַטאַליאָן און מאַכען פון זיי אַ בעזונדערע קאָמפּאַניע.

— אָט האָט איהר אייער „ניוקלעאָס", — האָט ער מיר געזאָגט, — אויב איהר וועט נאָר וויסען, ווי זיך צו בענוצען מיט אָט-דעם פאַקט, קאָנט איהר זיין זיכער אינ'ם רעזולטאַט. די שטימונג פאַר אַ אידישען לעגיאָן איז שוין דאָ, אי ביי דער רעגירונג אי אין דער ענגלישער געזעלשאַפט; איצט הענגט אַלצדינג אָב פון אָט-דעם „ניוקלעאָס". מיט אָט דער קליינער קאָמפּאַניע ציוניסטישע סאָלדאַטען שטעהט און פאַלט איצט דער גאַנצער פּלאַן אייערער.

ער איז געווען גערעכט. איך האָב שוין אַליין געוואוסט, אַז די שטימונג איז געשאַפען געוואָרען. אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ וועגען דעם לעגיאָן-פּראָיעקט איז שוין געפיהרט געוואָרען צווישען וואר-אָפיס, פאָרעין-אָפיס (אויסערן-מיניסטעריום), דעם פּרעמיער'ס סעקרעטאַריאַט, דער רוסישער באָטשאַפט, ווייל זיי זענען געווען בעזאָרגט פון אַזעלכע אָנהענגער אונזערע, ווי קאַפּיטאַן עמערי, סער ראָנאַלד גרעהעם, און הער נאַבאָקאָוו. מר. קינג האָט מיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט'ן פיהרענדען ליבעראַלען זשורנאַל „ניישאָן"; ד"ר ווייצמאַן האָט מיך בעקענט מיט'ן רעדאַקטאָר פון „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן", מר. סקאָט, דעם אָנגעזעהענסטען פון אַלע ענגלישע זשורנאַליסטען, און אַ פריינד און לעהרער פון לאיד דזשאָרזש'ן.

אין ביידע צייטונגען זענען שוין ערשינען לייט-אַרטיקלען צוגונסטען פון לעגיאָן.

די וויכטיגסטע איז אָבער געווען די שטיצע פון לאָנדאָנער „טיימס". לאָרד נאָרטקליף איז דעמאָלט געווען אויפ'ן העכסטען פונקט פון זיין מאַכט; אַ וואָרט פון „טיימס" איז געווען אַ געזעץ. אָבער דער הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער אַלמעכטיגער צייטונג איז געווען יענער הענרי וויקהעם סטעד, צו וועלכען דער פראַנצויזישער היסטאָ-ריקער סעניאָבאָס האָט מיר אַמאָל געגעבען אַ רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף. כ'האָב איהם שוין לאַנג געהאַט בענוצט, און בין שוין גע-ווען גוט בעקאַנט מיט אָט-דעם קלוגסטען פון אַלע יונגע ענגלענדער, וואָס איך האָב אין מיין לעבען בעגעגענט, אַ מענש פון ברייטער און טיעפער קולטור, וועלכער האָט אָבגעלעבט זיין האַלב לעבען אין פערשיעדענע לענדער פון אייראָפּאַ, און איז געווען אַ פּערזענליכער פריינד פון טעאָדאָר הערצל. אַלזאָ אין „טיימס" איז אויך שוין ער-שינען אַ לייט-אַרטיקעל פאַר דעם אידישען גדוד; און נאָכדעם האָבען מיר אַפילו די ערנסטע אידישע געגנער אונזערע אומעטיג געזאָגט:

— זעלבסטפערשטענדליך, אויב דער „טיימס" איז אויך דערפאַר...

עמערי איז געווען גערעכט: איצט העגנט אַלצדינג אָב פון דער קליינער אידישער קאָמפּאַניע אין צוואַנציגסטען באַטאַליאָן פון לאָנדאָן-רעגימענט. זי איז דער רעאַלער וואורצעל; מען מוז פון איהר אַצינד מאַכען אַ בוים.

איך בין געפאָהרען קיין ווינטשעסטער, וואו אָט דער באַטאַליאָן האָט זיך דאַמאָלס טרענירט, האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם קאָלאָנעל עשטאָן פּאַונאַל און האָב איהם געפרעגט, צי ער וועט מיך אָננעהמען צו דיענען מיט דער אידישער קאָמפּאַניע. כ'האָב איהם דערצעהלט וועגען אונזער קאַמף און מיינע אַבזיכטען; ער האָט מיר געוואונשען הצלחה און געזאָגט „קומט".

דאַן האָב איך צוזאַמען מיט טרומפּעלדאָר'ן אונטערגעשריבען אַ פאָרמעלע פּעטיציע צו מר. לאיד-דזשאָרזש'ען, פאָרשלאָגענדיג דעם קריעגס-קאַבינעט צו גרינדען אַ אידישען לעגיאָן פאַר ארץ-ישראל. ס'איז געווען קעפּטען עמערי'ס איניציאַטיווע; ער אַליין האָט רעדאַ-

בירט די פעטיציע און האָט אויף זיך איבערגענומען אַליין זי צו דערלאַנגען דעם פרעמיער-מיניסטער.

און, אָבשליסענדיג מיין שריפטשטעלערישע אַרבייט — סאָלדאַטען איז נישט ערלויבט צו שרייבען וועגען קריעגס-זאַכען — האָב איך אין לעצטען טאָג פאַר'ן אַוועקגעהן אין רעקרוטירונגס-ביוראָ איבער-געגעבען צום דרוק אַן ענגלישען כתב-יד מיינעם, אַ בוך מיט'ן טיטעל: „די טערקיי און די מלחמה", וואָס די דריי הויפּט-געדאַנקען זיינע זענען געווען: ערשטענס — דער קריעג וועט זיין אומזיסט, אויב די טערקיי וועט נישט צוטיילט ווערען; צווייטענס — ארץ-ישראל מוז געהערען צו דער בריטישער מלוכה; דריטענס — דער מזרח-פראָנט איז דער הויפּט-פראָנט.

פון דרוקעריי בין איך געגאַנגען אין רעקרוטירונגס-אָפיס, האָב אָבגעגעבען די שבועה און בעקומען „דעם קינג'ס שילינג" — צוויי שילינג און זעקס פּענס פאַר מיין ערשטען טאָג אַלס אַ סאָלדאַט.

איך האָב דערמאָהנט דעם נאָמען סטעד. ער פערדיענט ביי אונז, ציוניסטען, נעהנטער פאָרגעשטעלט צו ווערען.

ער האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע נישט נאָר פון לעגיאָן, נאָר אויך פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

אַ מאָנאַט פאַרן 2-טען נאָוועמבער 1917, בשעת די אַסימי-ליאַנטען — מיט סוועטלינג'ען בראש — האָבען געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, כּדי אָבצוהאַלטען די רעגירונג פון אַ פּראָ-ציוניסטישען שריט, האָט סטעד זיי געענטפערט אין אַ צערשמעטערנדען לייט-אַרטיקעל, און דאָס איז געווען זייער סוף. „דער „טיימס" האָט געשפּראָכען"...

אַלס אַ יונגער מאַן, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, איז סטעד גע-ווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון דעמזעלבען „טיימס" אין וויען, און דאָרט האָט ער זיך בעקאַנט און בעפריינדעט מיט הערצל'ען. ער האָט

פארשטאַנען די אינערליכע זייט פון ציוניזם, ווי נאָר ווענינע קריסטען קאָנען אונז פערשטהן, — די אינערליכע, אחד־העמ׳יסטישע זייט, דעם אָבשוי פאַר אַסימילאַציע, פונקט אַזוי שאַרף און טיעף, ווי די הערצל־דורשט נאָך פּאָליטישער זעלבסט־פּערוועטונג. ווי געוועהנליך — ווי יעדען גוי, וואָס רעדט ווי אַ ציוניסט — האָבען איהם פיעל אידען חושד געוועזען אין „אַנטיסעמיטיזם״. איך האָב אָט־די טענדענץ ביי מיינע פאָלקס־ברידער — צו דערשפּירען המנ׳ען ביי יעדען גוי, וואָס ערלויבט זיך צו דערצעהלען אַ „אידישען״ אַנעקדאָט (און דער אַנעקדאָט איז אָפט אַ זיסער קאָמפּלימענט אין פערגלייך צו דעם, וואָס מיר אַליין דערצעהלען) — קיינמאָל נישט פערשטאַנען. סטעד רעדט וועגען אידען פונקט אַזוי, ווי אַ ציוניסט וואָלט גערעדט; האַלט דעם אַסימילירטען גביר פאַר אַ צביעות; גלויבט אין דער מאַכט פון אידישען פאָלק (אין זיין בוך „די האַבסבורג־מאָנאַרכיע״ הויבט זיך אָן דאָס קאַפּיטעל וועגען עסטרייכ׳ס נאַציאָנאַליטעטען מיט דער פראַזע: „די וויכטיגסטע פון זיי איז די אידישע נאַציאָנאַליטעט״); רעדט מיט ריהרענדער, אַכטונגספולער ערנסטקייט וועגען הערצל׳ס אידעאַלען. און ער האָט בעוויזען זיין פריינדשאַפט מיט רעאַלען, וויכטיגען דיענסט, אין דעם גרעסטען מאָמענט פון אונזער נייער געשיכטע.

בעשרייבען מיינע קאַזאַרמע־איינדריקען וואָלט געוועזען נישט אינטערעסאַנט. גענוג צו זאָגען, אַז איך האָב געדיענט, ווי יעדער פּריוואַט־וואָלאָנטער, נאָר נישט אַזוי יונג און נישט אַזוי שלאַנק, ווי די אַנדערע. אין די ערשטע טעג, בשעת די הענד האָבען מיר וועה־געטהון פון דער אַנטי־טיפוס־איינשפּריצונג, האָב איך אויסגעקעהרט דעם באַראַק און געוואַשען די טהיר אין „סאַרדזשענטס־מעס״ („זעהר גוט געוואַשען״, האָט מיר געזאָגט אַ אידישער סערזשאַנט: „אויב איהר ווילט, וועל איך פאָרשלאָגען דעם קאָלאָנעל, אַז מען זאָל אייך

בכלל בעשטימען צו וואַשען טהירען אין אונזער מעס") באַלד האָט מען מיך איבערגעפיהרט אין „ען-סי-אָוס-קראָס" — די קאָמאַנדע, וואָס לערנט זיך פאַר אונטער-אָפיצירען: נישט צוליעב מיינע פעהיגקייטען, נאָר צוליעב דעם קאָלאָנעל'ס לאַסקע...

אינטערעסאַנט אָבער זענען געווען מיינע חברים אין דער אידישער קאָמפּאַניע. אין די ערשטע קאַפּיטלען האָב איך בעשריבען דעם קאַמף פון „גאַבאַרי". דאָ איז דער עולם געווען אַ סך קלענער, אָבער נישט וועניגער פערשידענפאַרביג. די מעהרסטען, נאַטירליך, פון רוסלאַנד; און צווישען זיי — דריי אָדער פיער גרים, מיט בלאָנדע האָר און בלאָהע אויגען און אַ גוטער העברעאישער אויסשפּראַך. איינער פון זיי איז געקומען, קורץ פאַר'ן קריעג-אויסברוך, פון אַסטראַכאַן קיין ירושלים איבער מעסאָפּאָטאַמיען צו פוס; צו מוצאי-שבת פלעגט ער זיך אָנ'שכור'ן ווי אַ עכטער וואָלגאַ-מוזשיק — און דאַן ליעגען אין אַ ווינקעל בּאַראַק און זאָגען תהלים פון אַנ'אַלטען סדור; עס זענען געווען זיעבען גרוזינישע אידען, מיט לאַנגע נעמען, וואָס האָבען זיך געענדיגט אויף „שווילי". ס'איז געווען אַ פרי-תענוג צו הערען ענגלישע סערזשאַנטען אַרויסרופען אין דער פרי ביי אַ קאָנטראָל: „פּאַניקאָמאָשיאַשווילי?" — „פּרעזענט!" דאָס זענען געווען זיעבען בחורים כארזים, הויך, שען, שטאַרק — די שטאַרקסטע אין באַטאַליאָן, רוהיג, בעשיידען, פול מיט דרך-ארץ צו זיך אַליין, צו אַ שכן, צו אַנ'עלטערען מענשען. איינער פון זיי האָט געוואָלט ביי מיר אָוועקנעהמען דעם בעזים, בשעת מ'האָט מיך בעשטימט קעהרען די שטוב, און איינער פון זיי, סעפּיאַשווילי איז שפּעטער געווען דער ערשטער סאָלדאַט פון לעגיאָן, וואָס האָט בעקומען אַ מעדאַל פאַר טאַפּפערקייט אונטער'ן פייער; ס'זענען אויך געווען געבוירענע מצרים'ער, וואָס מיט זיי האָב איך נאָר געקאָנט רעדען איטאַליעניש אָדער פראַנצויזיש. צוויי דאַגעסטאַנער אידען און איין „קרימטשאַק" האָבען גערעדט זייערע סודות אויף טאַטאַריש. און צו איינעם — נאָר אַ קריסטליכער גריך, כ'ווייס ביז היינט נישט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונז — האָב איך בכלל נישט געקאָנט רעדען; איך קאָן זיך דורכבלאָנדזשען אויף זיעבען שפּראַכען, ער האָט גערעדט דריי — אָבער נישט דיזעלבע.

נישט אַלע פון זיי זענען מיט אונז געבליבן ביז׳ן סוף. וועגן אַ העלפט פון זיי ווייס איך בכלל נישט, וואָס עס האָט זיי געבראַכט אין דער אַרמעע. אפשר דער צוואַנג פון אַ קאָנסול, אפשר דער צוואַנג פון הונגער, אפשר אַוואַנטורעס־לוסט — אפשר דער אַלגעמיינער ווירוואַר פון מלחמה־צייט, ווען מ׳ווייסט נישט, וואָס מען טהוט. צו ארץ־ישראל האָבן אָט די מענשען נישט געהאַט קיין שום שיכות. מיר זענען פון זיי באַלד פטור געוואָרען — געשענקט זיי צו אַרבייטס־באַטאַליאָנס, דעמאָביליזירט, אָדער אַוועקגעשיקט צוריק קיין אַלעקסאַנדריען. צום אָנפאַנג פריהלינג זענען געבליבן נאָך אַ סך־הכל זעכציג — אָבער אמת׳ע. מיט זיי איז אויך געווען אַ סך צרות — בעזונדערס אין יענעם מאָמענט, ווען פון רוסלאַנד איז גע־קומען די נאַכריכט פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע,—און קיין אידישער גדוד איז נאָך אַלץ נישט געווען. אין איין שענעם פריהמאָרגען האָבן אַ צוואַנציג פון זיי אָבגעזאָגט זיך פון אַרויסגעהן אויף פּאַראַד און האָבן „געשטעלט אַנ׳אולטימאַטום"—און אויף אַרמעע־לשון הייסט דאָס אַ „מיוטיני" (בונט). שטונדען פון דיפּלאָמאַטיע פון מיין זייט, אַנ׳אונענדליכען טאַקט מצד דעם קאָלאָנעל האָט עס געקאָסט, אָבצע־ווענדען אַנ׳אומגליק, מיט קריעגס־געריכט און שווערער שטראָף; און איך האָב געמוזט, מיט׳ן קאָלאָנעל׳ס ערלויבניש, נעהמען מיט זיך קיין לאָנדאָן אַ דעלעגאַט זייערען און פאָרשטעלען איהם פאַר נאַבאָקאָוו׳ן (נאָך בענקענדאָרפ׳ס טויט איז ער געווען דער צייטווייליגער אַמבאַ־סאַדאָר), און נאַבאָקאָוו האָט איהם פערזיכערט, אַז, לויט זיין אינ־פאָרמאַציע, וועט מען באַלד גרינדען דעם לעגיאָן, און אַז דאָס פרייע רוסלאַנד פאָדערט פון זיי ווייטער צו פיהרען דעם העלדישען קאַמף פאַר ציון, וואָס זיי האָבן אָנגעפאַנגען אין גאַליפּאָלי...

אָבער נישט קוקענדיג אויף אַלע צרות, זענען דאָס געווען „אמת׳ע". זייענדיג נאָר זעכציג, האָבן מיר פערלוירען דעם טיטעל „קאָמפּאַני" און געוואָרען נאָר אַ „פּלוטאָן", אָבער אָט דער „פּלוטאָן נומער זעכצעהן" איז געווען דער ווירקליכער שורש, פון וועלכען ס׳האָט זיך ענטוויקעלט דער אידישער לעגיאָן, און אין לעגיאָן גופא האָבן אָט־די געוועזענע מוילאייזעל־טרייבער געשפּיעלט די ראָלע פון וועטעראַנען, פון אייזערנע שטאַנגען, וואָס האַלטען צוזאַמען דעם בנין.

קאַפּיטעל זיבען.

קאַפּיטאַן עמערי שלאָפט ווייטער נישט. און איצט געהט ביי מיר איין אינטערוויו נאָכ'ן אנדערען. כמעט יעדען צווייטען טאָג מוז איך פאָהרען פון ווינטשעסטער קיין לאָנדאָן. דאָס מאַכט מיר אַ קאָמישע רעפּוטאַציע אין באַטאַליאָן. די ענגלישע סערזשאַנטען ווילען מיך שוין נישט נעהמען ערנסט אַלס סאָלדאַט. בשעת מ'דאַרף זיך צעלויפען און דורכשטעכען דעם שטרוי-זאַק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם שונא, און מען דאַרף איהם טרעפען פּונקט אין „האַרץ“, פערבלאָנדזשעט מיין באַגנעט אין „מאָגען“ אריין. דער סערזשאַנט זאָגט דאַן: — פאַר'ן פראָנט נישט אַזוי גוט, אָבער גענוג פאַר „ווהייטהאָל“ (ווהייטהאָל איז די גאַס, אויף וועלכער ס'געפינען זיך די מיניסטעריומס). און אויפ'ן פּאַראַד-פּלאַץ, בשעת מען דערזעהט פון דערווייטענס אַנ'אָרדינאַנס, וואָס לויפט אַנ'איינגעהויקערטער אין אונזער ריכטונג מיט אַ טונקעל-געלען קאָנווערט אין האַנד, זאָגט דער סערזשאַנט: — מסתמא ווידער אַ טעלעגראַם פאַר מיסטער „דזשאָג-אָוו וויסקי“ (אַ שלוק בראָנפען). אַזוי זאָגען זיי ארויס מיין נאָמען: אי גרינגער פאַר דער אויסשפּראַך, אי ס'האָט אַנ'אַנגענעהמען קלאַנג, וואָס דערמאָהנט אָן גאָט'ס גוטע זאַכען — אי אַנ'אָנערקענונג פון מיינע בעשיידענע, אָבער דאָך גאַנץ ערנסטע טאַלענטען אין דער אַנטי-פּראָהיבישאָן-ריכטונג.

— מען מוז אייך געבען עפּעס אַ טשין, — זאָגט קאָלאָנעל פאונאָל. — דער „אָר-עס-עם“ (רעגימענט סאַרדזשענט-מיידזשאָר: דער

אמת'ער שעף, דער פוּיבּסט, דער קייזער פוּן באַטאַליאָן!) זאָגט, אַז איהר זענט אַ גוּטער שיסער-אינסטרוּקטאָר.

— יעס, סער, — זאָג איך בעשיידען, — צוּליעב די ברילען שיס איך שלעכט — אָבער איך פערשטעה, ווי מען דאַרף שיסען.

די שטערוּנג איז אָבער דערין, וואָס ס'איז נישטאָ קיין וואַקאַנס אויפ'ן „פעי-ראָל" (ליסטע פוּן די געהעלטער, דאָס הייסט, אַז דער בּוּדזשעט ערלויבּט דאָס נישט). שליסליך מאַכט ער מיך פאַר אַ „אַג-פעיד-לאַנס-סאַרדזשענט" (אַ סערזשאַנט אָהן געהאַלט). דאָס, וואָס איך בּעקוּם נישט קיין געהאַלט, שטערט מיר נישט. איך שיק נאָך פוּן צייט צוּ צייט קאָרעספּאָנדענצען קיין מאָסקווא און די גוּטע צייטוּנג צאָהלט. פריינד גינצבּוּרג, פערטרעטער פוּן „כרמל" אין לאָנדאָן, שיקט מיר צעהן פלאַשען וויין, און איך בּין מיט זיי מכבד דעם סאַרדזשענט-מעס, און זיץ ווי אַ גראַף ביי דעמזעלבּען טיש, וואָס מיט אַ האַלבּ יאָהר צוּריק האָב איך איהם אַזוי גוּט געוואַשען. לײדער האָט מיין נאָכפאָלגער אין דער וואַש-מלאכה נישט דיזעלבּע טאַלענטען...

פוּן די אינטערוויוס אַליין שטעהען ביי מיר אין נאָטיץ-בּוּך נאָר קוּרצע בּעמערקוּנגען, וואָס אָפטמאָל קאָן איך זיי אַליין נישט אָבּ-שיפרירען. איך בּין דעמאָלט געווען צוּ שטאַרק בּעשעפטיגט, אַז איך זאָל פיהרען אַ טאָג-בּוּך.

דאָס וויכטיגסטע איז געווען אַנ'איינלאַדוּנג צוּ גענעראַל סמוּטס, דעם דרום-אפריקאַנישען פּרעמיער, וואָס איז דעמאָלט געקוּמען קיין לאָנדאָן נעהמען אָנטייל אין די זיצוּנגען פוּנ'ם קריעגס-קאַבּינעט. ער האָט אין יענע יאָהרען געשפּיעלט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע, נישט אַזוי צוּליעב דער היקף, וואָס די קליינע „דאָמיניאָן" האָט געקאָנט געבּען אין דער מלחמה, ווי צוּליעב זיין פּערזענליכקייט. פּוּנקט ווי גענעראַל בּאָטהאַ, איז אויך ער געווען, נאָר מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, איינער פוּן ענגלאַנד'ס שטאַרקסטע געגנער בּעת דעם בּוּרען

קריעג. זיין היינטיגער בריטישער פּאַטריאָטיזם האָט דעריבער געהאַט דעם מאַראַלישען ווערט פון אַ מאַניפעסטאַציע לטובת דעם רעזשים פון דער בריטישער מלוכה. דערצו איז נאָך סמוטס אַליין אַ טיעף געבילדעטער מענש, ערצויגען אין די אוניווערזיטעטען פון האָלאַנד, היידעלבערג, קעמברידזש, אַ פיינער דענקער און שרייבער. אַ ציוניסט פון באַלפור׳ס אָדער פון ראָבערט ססעסיל׳ס טיפ: איינער פון די, וואָס האַלטען, אַז באַלפור׳ס ציון-נדר איז אפשר דאָס בעסטע, וואָס איז געבליבען פון דער גאַנצער מלחמה. זיין בעזוך אין ענגלאַנד האָט דעפיניטיוו געגעבען אַן׳איבערגעוויכט צו די ציוניסטען-פריינדליכע מיטגלידער אין קריעגס-קאַבינעט, געגען דער אָפּאָזיציע, וואָס איהר אָנפיהרער איז געוועזען, פערשטעהט זיך, דער איד עדווין מאָנטעגיו. סמוטס האָט דעמאָלט אויסגעזעהן נישט מעהר ווי פיערציג יאָהר אַלט, כאָטש ער האָט שוין געמוזט זיין עלטער. אַ ליעבענסווירדיגער אינטעליגענט פון קאָנטינענטאַלען שטייגער, רעדט ענגליש כמעט ווי אַן׳ענגלענדער, נאָר מיט׳ן האָלענדישען ריש, נאָך טיעפער אין גאָרגעל ווי דער אידישער.

ער האָט ביי מיר אויסגעפרעגט אַלע פּרטים וועגען דעם לעגיאָן-פּלאַן. איין פראַזע זיינע איז ביי מיר פערשריבען:

— ס׳איז דער פיינסטער געדאַנק, וואָס איך האָב געהערט אין מיין לעבען: אַז אידען זאָלען אַליין שלאָגען זיך פאַר לאַנד-אָוו-יזראַעל (ארץ-ישראל).

צום שלוס האָט ער אַ סך געפרעגט וועגען רוסלאַנד: מ׳האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז די אַרמעע און די מלוכה-אָרדנונג צעפאַלען זיך אויף שטיקלעך. דאָ זענען ביי מיר אין ביכעל פערשריבען צוויי פראַזען, וואָס ביי זיי שטעהט נישט, ווער פון אונז האָט זיי געזאָגט, אָבער אויב מיין זכרון איז ריכטיג, איז דאָס געוועזען ער, און דעריבער ציטיר איך זיי, כאָטש זיי האָבען נישט קיין שיכות צו מיין ערצעהלונג:

„רוסלאַנד מעג פאַלען, און די דייטשען גלויבען, אַז דאָס וועט זיי העלפען; אָבער שמשון הגבור האָט אומגעבראַכט מעהר שונאים ביי זיין שטאַרבען, ווי אין משך פון זיין גאַנץ לעבען".

„קערענסקי איז אַ הייליגער מענש; אָבער ער איז אַן׳אַדוואָקאַט.

דאָס הייסט, ער מיינט, אַז די וועלט איז אַ געריכטס-טריבונאַל, וואו עס זיעגט דער, וואָס האָט אַ בעסערען אַרגומענט. אַלזאָ, האַלט ער אין איין אַרגומענטירען. אָבער זיינע געגנער פּערלאָזען זיך נישט אויף אַרגומענטען; זיי זאַמלען דינאַמיט".

פון די אַנדערע בעגעגענישען איז געווען וויכטיג אַ געשפּרעך מיט'ן גענעראַל געדדערס, דירעקטאָר פון רעקרוטירונגס-דעפּאַרטאַמענט (שפּעטער, נאָכ'ן קריעג, איז ער געווען ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן). מיט איהם האָבען מיר ענדגילטיג פעסטגעשטעלט דעם נאָמען פון גדוד—„דזשואיש רעדזשימענט", קורץ און פּשוט; די אוניפאָרם—די געוועהנליכע ענגלישע, נאָר מיט אַ קאָלאָניאַלען צייכען, ווי ביי די באָי-סקאָוטס; די אָבצייכנונג — אַ מנורה מיט'ן העברעאישען וואָרט „קדימה" (ס'הייסט אי „פאָרווערטס", אי „צו מזרח") און אַ בלוי-ווייסער סימן אויפ'ן קאָלנער. — פון דעם אַלעם איז מיט אַ חודש שפּעטער גאָרנישט געבליבען, אַ דאַנק די בעמיהונגען פון די אַסי-מילאַטאָרישע גבירים; און ערשט אין 1919 האָבען מיר בעקומען אַ אידישען נאָמען און דעם מנורה-צייכען.

— ווער זאָל זיין דער קאָמאַנדיר?—האָט געדדערס געפרעגט.—האָט איהר אַ אידישען קאַנדידאַט?

אַ שווערע קשיא. אין קעשענע ביי מיר איז געלעגען אַ בריעף פון פּאַטערסאָנ'ען, וועלכער האָט דעמאָלט געדיענט אין דובלין. ער האָט מיר געשריבען: „מיין עהרליכע מיינונג איז, אַז איהר מוזט געפינען אַ אידישען קאָלאָנעל. איך וועל זיין גליקליך, ווידער צו פיהרען אידישע סאָלדאַטען; אָבער אי די גערעכטיגקייט, אי אייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען פאָדערען, אַז אָט דער כבוד זאָל צופאַלען אַ אידען".

גערעכט. אָבער וואו געפינט מען אַ אידען? אין דער חברה אַסימילאַטאָרען אַרום מיידזשאָר ליאָנעל ראָטהליך וואָלט מען מסתמא

צעקאָנט אויסגעפינען עמיצען — אָבער אין וועלכען זין זענען זיי „אידען״? ביי מיר איז „איד״ אַנ׳עהרען-טיטול, נישט קיין צופאַל פון געבורט. אין דער גאַנצער אידישער אָפּיצירען-סביבה, וואָס איך האָב קענען געלערנט אין לאָנדאָן, האָט זיך נאָר איינער בעצויגען צו מיין אַרבייט ווי אַ „איד״ — מיידזשאָר שענפילד הייסט ער. דזשעמס ראָטשילד איז שוין געהאַט אַריבערגעגאַנגען פון דער פראַנצויזישער אַרמעע אין דער קאַנאַדישער, אָבער ער איז נאָך געווען ערשט לויטענאַנט. אליעזר מאַרגאָלין, וועגען וועלכען איך האָב שטענדיג געטראַכט, נאָך פון די ערשטע טעג פונ׳ם „גאַבאַרי״-לאַגער אין אַלעקסאַנדריען, איז געווען ערגיץ-וואו אויפ׳ן פראָנט אין פלאַנדריען מיט זיינע אויסטראַליער. וועגען פרעד סעמיועל האָב איך דעמאָלט בכלל נישט געהערט. אָבער מיט׳ן גרעסטען רעספּעקט צו אַלע דערמאָהנטע נעמען, האָב איך דעמאָלט געהאַלטען און האַלט ביז היינט, אַז אָט-דעם היסטאָרישען דאָקומענט האָט עהרליך פערדיענט אַנ׳אַנדערער: יענער, וואָס האָט זיך נישט געשעמט איבערצונעהמען די פיהרונג פון אידישע „מויל-אייזעל-טרייבער״ און האָט זיי געמאַכט פאַר אַ קאָרפּוס, וואָס דער קריעגס-מיניסטער פערנויגט זיך, אַז ער דערהערט זיין נאָמען; יענער, וואָס אין שפּיטאָל און אין רעקאָנוואַלעסצענטען-היים האָט ער געטראַכט וועגען אונז און געהאָלפען אונז מיט זיין פעדער, שרייבענדיג אַ בוך „מיט די ציוניסטען אין גאַליפּאָלי״; יענער, וואָס האָט אין אונז געגלויבט פון ערשטען מאָמענט, ווי קליין און אויסגעלאַכט מיר זענען דאַן נישט געווען. „זכרתי לך חסד נעוריך — לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה...״

איך האָב אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם מאַן:

— ס׳איז דאָ נאָר איין קאַנדידאַט; כאָטש נישט קיין איד, מוז ער זיין אונזער קאָלאָנעל, און איך האָף, אַז ער וועט נאָך זיין אונזער גענעראַל: פּאַטערסאָן.

דער אידישער גדוד מאַרשירס איבער לאָנדאָנער "סיטי"

(פעברואַר 1918)

טרומפעלדאָר איז צו יענער צייט שוין נישט געווען אין לאָנדאָן. ער האָט לאַנג געבעטען, אַז מען זאָל איהם אָננעהמען אַלס אָפיציר אין דעמזעלבען באַטאַליאָן, וואו איך האָב געדיענט מיט זיינע פריי־הערדיגע גאַליפּאָלער. ער איז געווען גרייט זיך אָבצוזאָגען פון זיין קאַפּיטאַן־טיטול, צו ווערען אַ סעקאָנד־ליוטענאַנט (פּאָדפּאָרוטשניק); ער וואָלט מסתמא מסכים געווען, צו ווערען ביי זיי אַ פּשוט'ער אונטער־אָפיציר, אָבער וועגען דעם האָט מען אָפילו נישט געקאָנט רעדען בנוגע צו אַ מענש מיט איין האַנד. און אַלס אָפיציר—האָבען די ביוראָקראַטען פון'ם קריעגס־מיניסטעריום אויסגעפונען הונדערט תירוצים, איינעם אפשר אַ וויכטיגען: לויט דער ענגלישער קאָנסטי־טוציע טאָר קיין אויסלענדער נישט בעקליידען קיין אָפיציר־פּאָסטען אין דער ענגלישער אַרמעע. טרומפּעלדאָר האָט אויסגעהערט דעם פּסק־דין, געשמייכעלט און געענטפערט, ווי שטענדיג: „אין דבר". ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד.

— וואָס וועט איהר דאָרט מאַכען? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געהאַט צוויי גראַנדיעזע פּראָיעקטען. ערשטענס, איז ער געווען זיכער, אַז ביי דער קערענסקי־רעגירונג, מיט סאַווינקאָוו'ן אַלס קריעגס־מיניסטער, קאָן מען פועל'ן, אַז זיי זאָלען שאַפען אַ אידישע אַרמעע: נישט קיין גדוד, נאָר אַן'אַרמעע, הונדערט טויזענד אָדער מעהר — און פון אַן'אַנדער סאָרט אידען. און אָט־די אידישע אַרמעע מוז געהן אויפ'ן קאַווקאַזער פראָנט און דורכרייסען זיך איבער אַרמעניען און מעסאָפּאָטאַמיען ביז'ן עבר־הירדן.

— און צווייטענס?

זיין אַנטוואָרט אויף דער דאָזיגער צווייטער פראַגע וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען; מיר האָט ער די תשובה געגעבען אין אַ שלעכט־בעלויכטענעם צימערל, אָבער דעם אידישען פאָלק האָט ער די אַנטוואָרט געגעבען אויף די בערג און טאָלען פון ארץ־ישראל. און אויך דאָס פאָלק וועט זי איהם קיינמאָל נישט פערגעסען. דעם ערשטען פּלאַן זיינעם האָט צושטערט רוסלאַנד'ס חורבן; דעם צווייטען האָט ער אויסגעפיהרט. איך האָב זיינע ווערטער נישט פערשריבען. ס'איז נישט נויטיג, זיי קלינגען ביי מיר אין זכרון. אין יענער האַלב־

טונקעלער שטוב זיינער אין טשעלזי, אינמיטען זומער 1916, האָט ער מיר ערקלערט דעם פּשוט'ען און הערליכען געדאַנק פון „החלוץ".

— וואָס הייסט דאָס? — האָב איך געפּרעגט. — אַרבייטער?

— ניין. דער בעגריף מוז זיין אַ סך ברייטער. זיי מוזען זיין אויך אַרבייטער, אָבער נישט בלויז דאָס. מיר וועלען דאַרפען מענשען, וואָס זענען „אַלצדינג". אַלצדינג, וואָס ארץ־ישראל וועט פאָדערען. אַן'אַרבייטער האָט זיינע אַרבייטער־אינטערעסען; אַ סאָלדאַט זיין קאַסטען־געפיהל; אַ דאָקטאָר, אַ אינזשינער זיינע געוואוינהייטען. ביי אונז אָבער מוז אויפשטעהן אַ דור, וואָס האָט נישט קיין אינטערעסען און נישט קיין געוואוינהייטען. אַ שטיק אייזען, אָהן אַ פערשטייפטער פאָרם, — אָבער אייזען. אייזען, פון וועלכען מ'קאָן מאַכען אַלצדינג, וואָס די נאַציאָנאַלע מאַשין דאַרף האָבען. דאַרף זי אַ ראָד? בין איך דאָ. אַ נאָגעל, אַ שרויף, אַ בלאָק? בין איך דאָ. פּאָליציי? דאָקטוירים? יוריסטען? אַקטיאָרען? לעהרער? וואַסערטרעגער? בין איך דאָ. כ'האָב נישט קיין פּנים, נישט קיין פּסיכאָלאָגיע, נישט קיין אייגענע געפיהלען, נישט קיין אייגענעם נאָמען: כ'בין אַ דיענער פון ציון, גרייט צו אַלצדינג, געבונדען צו גאָרנישט, מיט איין אימפּעראַטיוו: בנין!

— אַזעלכע מענשען זענען נישטאָ, — האָב איך געזאָגט.

— ס'איז דאָ.

איך האָב געהאַט אַ טעות. דער ערשטער פון זיי איז דעמאָלט געזעסען פאַר מיר. אַזוי איז ער אַליין געווען: אַ יוריסט, אַ סאָלדאַט, אַ פּויער; קיין תל־חי איז ער געגאַנגען זוכען אַרבייט מיט דער סאָכע, האָט געפונען דעם טויט מיט אַ ביקס, געזאָגט „אין דבר" און געשטאָרבען אונשטערבליך.

באַלד נאָך דעם אינטערוויו מיט לאָרד דערבי האָט קאָלאָנעל פּאַטערסאָן בעקומען אַ בעפעהל צו בילדען פון אונזער פלוטאָן אַ אינ־

סטרוקטאָרען-קלאַס. אין דער שפּיץ האָט ער געשטעלט איינעם פון זיינע סאַרדזשענט-מיידזשאָרס, אַ אידען מיט׳ן נאָמען ריטשאַרד קאַרמעל, און מיך. קאַרמעל איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט בעקומען אַ פולשטענדיג ענגלישע ערציהונג. ער איז געווען פון ערגיץ-וואו אין אועלס, וואו ס׳איז נישטאָ קיין אידען. קוים געקאָנט עטליכע ווערטער אידיש. אָבער ער האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָן „פער-ליעבט" אין אונזערע „באָיס" און ביסלעכווייז אויך אין דעם לעגיאָן-געדאַנק. דערצו איז ער געווען איינער פון די בעסטע און טיכ-טיגסטע אינסטרוקטאָרען, וואָס די ענגלישע האָם-אַרמעע האָט דע-מאָלט פערמאָגט.

שענע ערוואַינערונגען האָב איך פון יענע זומער-חדשים. יעדען אינדערפריה פלעגען מיר אַוועקגעהן מיט׳ן גאַנצען קלאַס ווייט אין די גרינע בערגלעך פון העמפּשייר. אויסלענדער הערען פון די לאָנדאָנער „פאָגס" (נעפּלען) און ווייסען נישט, אז ענגלאַנד איז אין פיעל הינזיכטען אפשר דאָס שענסטע לאַנד אין אייראָפּאַ, זעלטען רייך מיט שטראָמען, וועלדער קליינע, ווייכע בערגלעך, דערפער, וואָס זעהען אויס ווי אַ לאַנדשאַפט אויף פּאָסטקאַרטען, און גרין, סמאַראַגדען-גרין, ווי קיין שום אַנדער לאַנד אויף גאָט׳ס ערד. די העמפּשייר-„דאונס" אַרום ווינטשעסטער, וואו ס׳איז געווען אונזער לאַגער, איז אַ שטילער גן-עדן. דאָרט פלעגען מיר פערברענגען גאַנצע טעג, לערנענדיג יענע טיילען פון דער סאָלדאַטען-תורה, וואָס האָבען נאָך געפעהלט מיינע חברים. קיין סך האָט זיי נישט געפעהלט. פאַר לאָרד דערבי האָב איך דערצעהלט דעם אמת—דער גאַנצער באַטאַליאָן פלעגט רעדען מיט בעוואונדערונג פון זייער שיסען און זייערע באַגנעטען-איבונגען. ס׳איז נאָר געבליבען זיי אויסצולערנען די חכמה פון קאָמאַנדירען: פון אַ באַרג איבער אַ טייך אויפ׳ן אַנדערען באַרג האָט זיי קאַרמעל געצוואונגען דערגרייכען מיט דער שטימע, כדי ס׳זאָל זיך ביי זיי אויסבילדען אַ „גוד וואוירד אָוו קאָמאַנד" (אַ גוט קאָמאַנדירען-וואָרט). אין אַנדערע שטונדען פלעג איך זיי דערצעהלען, וואָס עס שטעהט אין ביכער וועגען די עיקרים פון טאַקטיק און סטראַטעגיע. זיי האָבען געצייכענט טאָפּאָגראַפישע קאַרטען און אָרגאַ-ניזירט מאַנעווערס. זיי האָבען בעקומען נישט בלויז אַ אויסשולונג

פון אונטער-אָפּיצירען, נאָר זאָגאָר אַ טייל פון קאַדעטען-בילדונג. אַ קליינע „קאָמיסיע״ פון העברעאיסטען האָט אויסגעאַרבייט פאַר די איבונגען און קאָמאַנדאָ אַ העברעאישע טערמינאָלאָגיע, וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען אין אונזער באַטאַליאָן פון די ארץ-ישראל-וואָלאָנטערען, און נאָך שפּעטער, אין אַ שוואַרצער שעה, ביי דעם זעלבסט-שוץ-גדוד אין ירושלים. ס׳זענען געווען ליעבע, קלוגע, ריינע, בראַווע יונגעלייט; פיעל פון זיי לעבען היינט אין ארץ-ישראל; פאַר אַנדערע האָט דאָס דאַנקבאַרע פאָלק ישראל נישט גע-פונען קיין פּלאַץ אין אַלטניילאַנד; צוויי פון זיי האָב איך געפונען אין ניו-יאָרק: פּרוג, אַ פאַבריקמאַכער, און קרעטשמאַר, אַ סוחר. עטליכע ליעגען בעגראָבען אונטער אַ מגן-דוד אויפ׳ן הר-הזיתים.

אין ווייטשעפּעל איז שוין געווען בעקאַנט, אַז „דער לעגיאָן קומט״. אויף אַ פערזאַמלונג פון ציוניסטישען קאָמיטעט האָט סאָקאָלאָוו אַליין געענדערט זיין מיינונג און געזאָגט צו די יונגערע חברים: „טהוט זיך אָן אין כאַקי, כדי איהר זאָלט זיך קאָנען שפּעטער אָנ-טהון אין תכלת-ולבן״. אַ פּאָר הונדערט פריינד אַרום העררי פירסט האָבען געוואַרט מיט אונגעדולד אויפ׳ן ערשטען טאָג, ווען מ׳וועט זיך קאָנען איינשרייבען; אַנדערע האָבען געזשומעט אין קיביצאַרניעס, „פאַר״ און „געגען״; דערצו האָט מען זיך נאָך דערוואוסט, אַז די רעגירונג פיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט פּעטערבורג וועגען איינ-פיהרען אַ „קאָנסקריפּשאָן״ (פּאָבאָר) פאַר אויסלענדער.

דאָס איז געווען אמת. אין ווייטשעפּעל האָט מען דעמאָלט גע-מורמעלט, אַז דאָס האָבען „גע׳פּועל׳ט״ די לעגיאָניסטען. אידען האָבען פיינד צו גלויבען אין דער געשיכטע, אַ פּנים׳לאָזע מאַכט, וואָס שאַפט פאַקטען אַליין, צי מיר ווילען דאָס, צי נישט. אידען זוכען שטענדיג אַ שולדיגען יחיד. אַ קאָנסקריפּשאָן האָט געמוזט קומען; אַפילו ווען מיר וואָלטען זיך בעמיהט צו שטערען דעם פּראָצעס. אָבער איך זאָג אָפען, אַז איך האָב גאָרנישט געוואָלט איהם שטערען. פערקעהרט.

איינמאָל האָב איך בעקומען אַ טעלעגראַם פון נאַבאָקאָוו׳ן: „נעהמט אורלויב און קומט דרינגענד״.

אין דער אַמבאַסאַדע אויף טשעשעם-סקווער האָט ער מיר גע-וויזען אַ דעפּעשע פון רוסישען אויסערן-מיניסטער טערעשטשענקאָ:

דער מיניסטער וויל וויסען דעם באָטשאַפטער׳ס מיינונג וועגען אַ קאָנ-סקריפּשאָן פאַר רוסישע בירגער אין ענגלאַנד. די ענגלישע רעגירונג פערלאַנגט דאָס, ווי איז די געזעלשאַפטליכע שטימונג וועגען דעם—אי די ענגלישע, אי די אידישע?

איך האָב געזאָגט:

— ביי די עגגלענדער — סיי קריסטען, סיי אידען—איז נישטאָ קיין צוויי מיינונגען, נאָר איינע: קאָנסקריפּשאָן. ביי די פרעמדע אידען זענען פאַרהאַן צוויי דעות. איין דעה איז די דעה פון דער מעהרהייט אין ווייטשעפּעל: ניין. די אַנדערע איז די פון מיינע פריינד און מיינע: יאָ.

— פאַרוואָס?

— ערשטענס, ווייל איך בין אַ קאָנטינענטאַלער מענש און בע-טראַכט די ענגלישע שיטה פון אַ וואָלאָנטערען-אַרמעע איבערהויפּט פאַר איינע פון די גרעסטע ענגלישע נאַרישקייטען. איך בין בכלל פאַר קאָנסקריפּשאָן. כל-זמן ס׳עקזיסטירען מלחמות, איז די בעטייליגונג אין אַ קריעג אַ חוב און נישט אַ שפּאַס פאַר אַמאַטאָרען. צווייטענס, אין דריטען יאָהר קריעג וואָלט אַפּילו פאַר גאַריבאַלדי אַליין געווען שווער צו געפינען אַ גענוגענדע צאָהל פרייוויליגע. דער ענטוזיאַזם איז אויסגעלאָשען. ענגלאַנד האָט אויך געמוזט איינפיהרען קאָנסקריפּשאָן. ס׳איז נאַריש צו ערוואַרטען, אַז ווייטשעפּעל זאָל אין 1916 פלוצלונג אַרויסווייזען אַ קריעגס-לוסט, בעת דער דורכשניטס-ענגלענדער האָט זי פערלוירען נאָך אין 1915; און ס׳וועט זיין נאַריש און אונגערעכט צו בעשולדיגען ווייטשעפּעל, אויב עס וועט נישט אַרויסווייזען אַזאַ לוסט. אָבער אַ פאַקט איז, אַז מ׳וועט דאַן יאָ בע-שולדיגען ווייטשעפּעל, און אין די ענגלישע פאָלקס-מאַסען וועט אויס-ברעכען אַ האַס, וואָס זיין גלייכען האָט מען נאָך נישט געזעהן. און דאָס מוז מען פערמיידען. קאָנסקריפּשאָן!

נאַבאָקאָוו האָט מיך פערזיכערט, אַז ער וועט ענטפערן זיין מיניסטער אין דעם דאָזיגען זין.

דאָס איז מיין מיינונג אויך היינט. קריעג און מיליטער-דיענסט בכלל זענען אונגאָרמאַלע זאַכען; איך געהער צו יענע אָפּטימיסטען, וואָס גלויבען פעסט, אַז אין אַ הונדערט יאָהר אַרום, אפשר נאָך

פריהער, וועט פוןביידע קיין זכר נישט בלייבן. אָבער כל-זמן זיי זענען דאָ, איז דאָס וואָלאָנטערען-סיסטעם די גרעסטע אונגערעכ-טיגקייט, וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. דערפון ליידען נאָר די בעסטע פּאַטריאָטען; די גלייכגילטיגע בלייבן אין דער היים, און דאָס הייסט אַ פּרעמיע פאַר גלייכגילטיגקייט. און ס׳איז גאָרנישט אמת, אַז אַ וואָלאָנטערען-אַרמעע איז מעהר „העלדיש". די פראַנ-צויזישע סאָלדאַטען ביי ווערדען זענען געווען אַלע פון אַ צוואַנגס-פּאָבאָר. נאַריבאַלדי האָט געזאָגט: „אין צווייטען טאָג פון דיענסט בלייבט נישט קיין שום אונטערשיעד צווישען אַ וואָלאָנטער און אַ רעקרוט". און דאָס איז ריכטיג. יעדער וואָלאָנטער האָט אַמאָל חרטה אויף זיין שריט — אָבער דאַן זאָגט ער זיך: „ס׳איז שוין שפּעט — איך מוז בלייבן אַ סאָלדאַט". דאָס הייסט—ער איז שוין אַ רעקרוט. און יעדער דורכשניטליכער רעקרוט זאָגט צו זיך: „ס׳איז שלעכט — אָבער אויב איך בין שוין געצוואונגען צו זיין אַ סאָלדאַט, וויל איך זיין אַ סאָלדאַט ווי ס׳דאַרף צו זיין". אין אָט דעם מאָמענט ווערט ער אַ וואָלאָנטער.

אין אונזערע באַטאַליאָנען האָבען מיר געהאַט אי „וואָלאָנטערען", אי רעקרוטען. אַפילו פון די „ענגלישע" האָבען עטליכע הונדערט זיך פערשריבען איידער מ׳האָט זיי גערופען. די ארץ-ישראל׳דיגע פריי-ווילּיגע, די אַרגענטינער, די טערקישע געפאַנגענע — מעהר ווי אַ העלפט פון גאַנצען לעגיאָן—האָבען געמוזט אַפילו קעמפען מיט דער רעגירונג, בעזונדערס מיט אַלענבי׳ס גענעראַל-שטאַב, ביז מען האָט זיי דערלאָזט דיענען. אָבער קיין אונטערשיעד אין דיענסט איז נישט געווען. איך האָב דאָס שוין געזאָגט: „שניידער",—ווי מ׳האָט גערופען די ווייטשעפּעלער רעקרוטען,—איז צום סוף ביי אונז געוואָרען אַנ-עהרען-טיטעל, אַ סינאָנים פאַר אַנ׳ערשט-קלאַסיגען סאָלדאַט; און ווייטשעפּעל׳ס „באָיס" האָבען דאָס כשר פערדיענט.

אין חודש אויגוסט זענען ערשינען, איינע נאָך דער אַנדערער, צוויי אָפיציעלע ידיעות: אַ פּאָבאָר פּאַר רוסישע בירגער אין ענג־לאַנד, און די גרינדונג פון אידישען רעגימענט. מ׳האָט אונז אָבגע־געבען דריי צימער אין דעם „רעקרוטירונגס־דעפּאַרטאַמענט". איך האָב זיך געזעגענט מיט קאָלאָנעל פּאָונאָל, האָב איהם געדאַנקט פאַר זיין געדולד און טאַקט און הילף, און האָב זיך אַריבערגעטראָגען קיין לאָנדאָן מיט דריי פון אונזערע סאָלדאַטען אַלס בעאַמטע. גענעראַל געדדערס האָט מיר מיטגעטיילט, אַז קאָלאָנעל פּאַטערסאָן האָט שוין בעקומען אַ בעפעהל איבערצוגעבען זיין דובלינער באַטאַליאָן אין די הענד פון אַן׳אַנדערען קאָמאַנדיר, און אין עטליכע טעג אַרום וועט ער זיין אין לאָנדאָן.

נאָך איידער פּאַטערסאָן איז געקומען, האָט גענעראַל געדדערס צונויפגערופען אין זיין דעפּאַרטאַמענט אַ בעראַטונג פון אָפיצירען, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון פערשיעדענע אָבטיילונגען, כדי צו בעשפּרעכען די מעטאָדען פון אונזער רעקרוטירונגס־אַקציע. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז טראָץ דער אַלגעמיינער רעקרוטאַציע מוז מען דאָך אָנפיהרען אַן׳ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו ערקלערען דעם אידישען עולם אי דעם מאָראַלישען, אי דעם אידיש־נאַציאָנאַלען ווערט פון דעם גדוד.

צום סוף פון דער פערזאַמלונג האָט איינער פון די אָפיצירען בעמערקט: — מען מוז אָבער זיך רעכענען דערמיט, אַז ס׳וועט זיין אויך אַ שטאַרקע געגען־אַגיטאַציע. ס׳איז די זעלבע באַנדע, וואָס האָט פּאַראַיאָהרען צושטערט אייער ערשטע קאַמפּיין, סאַרדזשענט. איך האָב בעקומען לאַנגע בעריכטען: זיי געהען שוין אַרום און פערשפּרייטען אַלערליי פאַלשע ידיעות.

וועגען דעם האָב איך שוין אויך געוואוסט. מיינע ווייטשעפּעלער פריינד האָבען מיר אויך צוגעשטעלט בעריכטען. די זעלבע לייט, אפשר אין נאָך אַ גרעסערער צאָהל, געהען ווידער אַרום און זאָגען די ווייטשעפּעלער „באָיס", אַז מען זאָל זיך נישט רעכענען מיט קיין „קאָנסקריפּשאָן"; אַז די פּעטערבורגער רעגירונג האָט שוין חרטה אויף איהר צושטימונג, און דער „סאָוויעט פון אַרבייטער־דעפּוטאַטען" וועט זי באַלד צווינגען זיך אָבצוזאָגען פון איהר הסכמה; אַז דער

בעסטער וועג דערצו איז צו מאַכען ווידער סקאַנדאַלען און זיך ענטזאָגען פון יעדען דיענסט. אָבער אויב שוין יאָ געהן דיענען, טאָ דוקא נישט אין אידישען רעגימענט, ווייל ער איז דער אמת'ער „טראַפ": מ'וועט איהם שיקען נישט קיין ארץ-ישראל, נאָר אין דעם ערגסטען, געפעהרליכסטען פון אַלע פראָנט-טיילען, קיין פלאַנדריען; און אַ סימן איז, וואָס ללאָיד-דזשאָרזש אַליין" האָט עמיצען געזאָגט: „מיט אידען וועלען מיר פערשטופען גאַז-לעכער"; און דערבי האָט געזאָגט נאָך עפּעס, און אַ דריטער האָט געזאָגט דאָס און יענץ...

אָבער דער אָפיציר אין רעקרוטירונגס-דעפּאַרטאַמענט האָט גע-האַט נאָך טיעפערע אינפאָרמאַציעס:

— האָט איהר געהערט פון אַ געוויסען מר. טשיטשערין? ער איז נישט קיין איד, אָבער לויט מיינע נאַכריכטען, איז ער דער אמת'ער בעהאַלטענער רעדעלפיהרער.

וועגען מר. טשיטשערינ'ס ראָלע האָב איך, ווי דעם לעזער איז בעקאַנט, אויך שוין לאַנג געוואוסט. פאַר קיין „רעדעלפיהרער" האָב איך איהם שוין דאַן נישט געהאַלטען: גראָד דעמאָלט איז ער שוין מעהר בעשעפטיגט געווען מיט ריין-רוסישע ענינים. אָבער אין זיינע פרייע שטונדען, אין יענע שעה'ן, וואָס מ'קאָן ווידמען אַ „נעבען-זאַך", אַ „קלייניגקייט", האָט ער אונז יאָ בעוויזען דעם חסד צו גיסען נאַפט אויפ'ן אידישען פייער. פון איהם זענען געקומען די „פערזיכערונגען", אַז דער פעטערבורגער סאָוועט „וועט נישט דער-לאָזען". און פאַרוואָס נישט? נישט ער, נישט זיין פאַק וועלען דאָך פאַר אונזערע צובראָכענע כלים דאַרפען בעצאָהלען. ציון אָדער ווידער גלות, ענגלישע פריינדשאַפט אָדער אידען-האַס — ער וועט פון דעם נישט געווינען און נישט ליידען. זיין טאַטע איז געווען אַ אידען-פריינד; אָבער זיין זיידע, דער פּאָמיעשטשיק, האָט זיך מסתמא אויך אַמאָל אַמוזירט דורך אַרויסרופען אַ מחלוקת צווישען זיינע דאָרף-אידען און זיינע פויערים און קוקען, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען.

— כ'ווייס וועגען מר. טשיטשערינ'ען, — האָב איך געזאָגט, — אָבער מיינע פריינד און איך האָבען פאַר אָט-דער חברה מצהר קיין מורא נישט. מיר וועלען דרוקען אויפרופען, מיר וועלען האַלטען

מיטינגס, און אונזער אמת וועט צובלאָזען זייערע שקרים. און די מיטינגס וועלען איצט אַדורך אין אָרדנונג. כ׳דאַרף אַפילו נישט קיין פּאָליציי — כ׳האָב מיינע סאָלדאַטען פון פּלוטאָן נומער זעכצעהן.

— המ... — האָט געענטפערט דער אָפיציר, — מיר זענען נישט אַזוי עדעלמוטיג. בעזונדערס אָט-דער מר. טשיטשערין, וואָס וויל פערזאָרגען דאָס אידישע פאָלק, געפעלט אונז נישט...

ביי אונזערע נייע מיטינגס איז געווען רוהיג. סאַרדזשענט אפרים בלומשטיין פון אַלעקסאַנדריען פלעגט צו זיי ברענגען אַ פּאָר צעהנדליג פון אונזערע געזונדעסטע „מויל-אייזעל-טרייבער" — גרוזינער „שוויליס", „געדיכטע" בחורים פון אָדעס און קיעוו, וואָלגאַ׳ער גרים — און ס׳איז געווען שטיל.

מר. טשיטשערינ׳ס פריינד האָבען ביי אונז געהאַלטען פייער-דיגע רעדעס געגען ציוניזם און מיליטאַריזם, מיר האָבען געענטפערט — שטיל, פיין, לייטיש. פרייהייט פון וואָרט — יאָ; פרייהייט פון לאַרם — ניין.

אויף מר. טשיטשערין האָט מר. דזשאָזעף קינג, ביי יענעם געשפרעך אין נאַציאָנאַל-ליבעראַלען קלוב, טאַקי געוואָרפען אומווי-סענדיג אַ׳עין-הרע. זיין נבואה איז מקוים געוואָרען: נישט דוקא תפיסה, אָבער אַ׳ענגלישער אינטערנירונגס-לאַגער.

אַלס אַ נחמה פאַר זיינע אָנהענגער קאָן איך פערזיכערען, אַז ס׳האָט זיך איהם דאָרטען מסתמא געלעבט אונענדליך פיעל זאַטער און בעקוועמער, ווי עס לעבט זיך היינט זיינע אונטערטאַנען אין דער „טשעקא".

קאפיטעל אכט.

דאָ מוז איך דערצעהלען אַן עפּיזאָד, וואָס פאַר זיך אַליין איז ער אפשר נישט ווערט דערצעהלט צו ווערען, איך מיין יענע אָנשטרענגונג, וואָס די אַסימילאַנטען האָבען געמאַכט, כדי צו צושטערען דעם לעגיאָן איידער ער איז נאָך געבוירען געוואָרען.

ס'וואָלט אייגענטליך גענוג געווען צו זאָגען, גאַנץ קורץ, אַז ס'איז זיי נישט געלונגען, און אַן עק. דאָס, וואָס דער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר „ענגלענדער פון אידישען גלויבען" (און פון צווייטען סאָרט) — איז נישט קיין גרונד, אַז מען זאָל וועגען איהם רעדען: מיר קענען זיי אָהן דעם. אָבער דער עפּיזאָד איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ענגלישער רעגירונגס-מאַשין, און אָט-די מאַשין איז ביי אונז נאָך צו ווייניג בעקאַנט. ס'האַלט זיך נאָך ביי אונז אידען די לעגענדע, אַז ענגלאַנד ווערט פערוואַלטעט לויט אַ דורכגעטראַכטען פּלאַן, אַז אין יעדער אָנגעלעגענהייט צייכענט זיך אָן די רעגירונג פעסטע ריכטליניען, און דאַן פיהרט זי זיי אויס פּינקטליך און שטאַאַטסמענעיש. ס'איז נישט אַזוי. אָפט, צו אָפט, זעהט מען ביי זיי, להיפך, אַ געטרייע בילד פון דעם, וואָס דער דייטש רופט „רוסישע ווירטשאַפט": אין איין צימער בעשליסט מען אַ זאַך, און אין אַנדערען האַנדעלט מען קאַפּויער. צום סוף קומט שטענדיג אַן'אויסגלייך און אַ „סעטלעמענט", ווייל דאָס פאָלק אַליין איז זעהר קאַלט-שכל'דיג און בעגאַבט; אָבער אַן'אַנדער פאָלק, מיט אַזעלכע רעגירונגס-מנהגים, וואָלט אַריינגעפאַלען יעדען חודש אין אַ שלעכטער לאַך. אַ בעריהמטער ביישפּיל איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1922, בשעת

די וואַהאַביטען האָבען אָנגעפאַנגען דעם קריעג געגען קעניג הוסיין
פון מעקאַ. אין הויז־אָוו־קאַמאָנס (אונטערשטען הויז) האָט זיך גאַנץ
אָפּיציעל אַרויסגעוויזען, אַז די לאָנדאָנער רעגירונג (דאָס הייסט:
ענגלאַנד) האָט אין דער זעלבער צייט סובסידירט מיט געלד
און כלי־זין די וואַהאַביטען: די אויסגאַבע איז געשטאַנען שוואַרץ
אויף ווייס אי אין ענגלישען, אי אין אינדישען שטאַאַטס־בודזשעט —
נאָר קיינער האָט עס פריהער נישט בעמערקט. און אַזוי ווי אין
גרויסע זאַכען, אַזוי איז אויך אין קלענערע. למשל, אין אָט־דעם
פאַל וועגען דעם „דעמאַרש" פון די אַסימילאַטאָרען.

פּאַטערסאָן האָט כשר געזוכט אַ דערנעהנטערונג צו זיי, אַנ־
אַלגעמיינע הסכמה פון זייער זייט צו העלפען, אַז דער גדוד זאָל ווערען אַ
כבוד, נישט אַ בושה פאַר אַלע אידען. תיכף נאָך זיין קומען קיין לאָנדאָן,
האָט ער גערופען אַ פערזאַמלונג, צו וועלכער עס זענען געקומען,
פון געגנערישער זייט, לייאָנעל ראָטשילד, עדמונד סעבאַג־מאָנטעפיאָרע
און אַנדערע; פון די פריינד איז געקומען ד״ר ווייצמאַן, מאַיאָר
עמערי (ער איז שוין דאַמאָלס געווען אַ מאַיאָר), מאַיאָר אָרמסבי־
גאָר (דער הייניטיגער אונטער־סעקרעטאַר פון קאָלאָניאַל־מיניסטעריום)
און נאָך איין אָפיציר, וואָס זיין נאָמען האָבען מיר נישט געוואוסט.
לאָרד ראָטשילד איז אויך געקומען — שפּעטער אַ גוטער פריינד פון
רעגימענט, פאָרזיצענדער פון קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געגרינדעט
צו זאָרגען פאַר אונזערע סאָלדאַטען, אָבער דאַמאָלס נאָך אַביסעלע
וואַקעלדיג צווישען יאָ און ניין. פּאַטערסאָן בעשרייבט אָט־די אַסיפה
אין זיין צווייטען בוך — „מיט די דזשודעאַנס אין דער ארץ־ישראל־
קאַמפּיין"; איך וויל נאָר צוגעבען עטליכע פּרטים:

דער גרעסטער טייל פון דער פערזאַמלונג האָט אָנערקענט, אַז
כאָטש מ'מעג זיין געגען דער אידעע, אָבער דער לעגיאָן איז אַ
פאַקט — אַלזאָ מוז מען זעהען, ס'זאָל זיין אַנ'ערפאָלג. קאַפּיטאַן
סאַלאָמאָן, אַ מיליטערישער אַרצט, אַ מיטגליעד פון איינער פון די
עלטעסטע ענגליש־אידישע פאַמיליען, האָט געזאָגט: „די ציוניסטען
האָבען מיט אונז געמאַכט דעמזעלבען „טריק", ווי קאָלומבוס מיט'ן
איי. געשאַפען אַ טהאַטזאַך און דערמיט געענדיגט אַלע וכוחים.
איצט בלייבט נאָר איינס: „העלפען". אַזוי האָט אויך לאָרד ראָטשילד

זיך אויסגעדרוקט. אָבער לייאָנעל ראָטשילד און סעבאַג־מאָנטעפיאָרע האָבען ערקלערט, אַז זיי זענען נישט מסכים, און וועלען נאָך קעמפען; און תיכף נאָך דער פערזאַמלונג זענען זיי געגאַנגען צו גענעראַל געדדערס און האָבען זיך בעקלאָגט, אַז „פּאַטערסאָן און זיין פרעמדער סערזשאַנט פיהרען ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דעמזעלבען הויז פון רעקרוטירונגס־דעפּאַרטאַמענט". מיט אַ פּאָר שריט ווייטער, אין אַן׳אַנדער הויז פון ווהייטהאָל נומער 10 דאונינג־סטריט — האָט שוין דאַמאָלס דער פרעמיער אַליין פּאָרבערייטעט די שטימונג אין קריעגס־קאַבינעט פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע; געדדערס אַליין האָט מיט מיר בעשפּראָכען מגן־דוד׳ס, מנורהס, „קדימה", בלוי־ווייסע אָבצייכנונג, ארץ־ישראל־פראָנט; אָבער די סיסטעמלאָזיגקייט פון ענגלישען סיסטעם איז אַ שטאַרקע טראַדיציע — און געדדערס האָט זיך דערשראָקען און גערופען פּאַטערסאָנ׳ען צו זאָגען איהם מוסר...

אַ צופאַל איז פּאָרגעקומען אויף יענער אַסיפה, וואָס האָט געהאַט אַ טרויעריגען סוף. נאָך דער פערזאַמלונג האָט מיר פּאַטערסאָן געוויזען אַ שטיק פּאַפּיער, אויף וועלכען ס׳איז געשטאַנען מיט בליישטיפט: „איך וועל מיט אייך קומען, אויב איהר ווילט. — נ. פ.".

— ווער איז דאָס „נ. פ."? — האָט ער געפרעגט.—נאָך מאָנטעפיאָרע׳ס רעדע האָט מען מיר דאָס איבערגעגעבען; אָבער איך בייגעווען אַזוי אויפגערעגט, אַז כ׳האָב נישט בעמערקט ווער.

— קענט איהר די האַנד אָדער די איניציאַלען?

איך האָב אויך נישט געוואוסט. און ביי די זאָרגען און צרות פון יענע טעג האָבען מיר ביידע וועגען דעם פערגעסען.

זעקס וואָכען שפּעטער האָבען מיר געלעזען, אַז אויפ׳ן ארץ־ישראל־פראָנט איז געהרג׳עט געוואָרען קאַפּיטאַן ניל פרימראָז, לאָרד ראָסבערי׳ס אַ זוהן. זיין טויט האָט אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט אויף אַלע אידען, ווייל דער הויפּט־צווייג פון דער משפחה פרימראָז זענען האַלבע אידען — קינדער און אייניקלעך פון חנה ראָטשילד, דעם ערשטען לאָרד ראָטשילד׳ס אַ טאָכטער אָדער אַ שוועסטער, — איך געדענק נישט,—וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ לאָרד ראָסבערי. מ׳האָט געוואוסט, אַז אַלע פרימראָזען זענען זעהר שטאָלץ אויף זייער

אידיש בלוט, און אַז ניל פרימראָז בעזונדערס האָט געוואָלט געהן אויפ'ן ארץ-ישראל-פראָנט.

עמערי האָט אין יענע טעג בעגעגענט פאַטערסאָנ'ען אין קריעגס-מיניסטעריום. — איהר געדענקט ניל פרימראָז'ן? — זאָגט ער צו דעם קאָלאָנעל. — ס'איז יענער אָפיציר, וואָס איך האָב דאמאָלס געבראכט צו דער פערזאמלונג מיט אייערע געגנער. ער האָט זיך שטארק אינ-טערעסירט מיט'ן לעגיאָן...

אויב נישט א נארישער צופאל, וואָלט ער געווען ביי אונזער גדוד, און אפשר נאָך ביז היינט געזונד און שטארק.

נאָך יענער אַסיפה האָבען די אסימילאנטען פאָרמעל ערקלערט דעם קריעג.

א דעפוטאציע זייערע איז געגאַנגען צום קריעגס-מיניסטער לאָרד דערבי: אין איהר זענען געווען לאָרד סוועטלינג, מאַיאָר לייאָנעל ראָטשילד און נאָך אייניגע פון דעמזעלבען טיפ, וואָס פון איהם וויל מען היינט בילדען די צווייטע „פיפטי" פון דער אידישער אגענטור (דזשואיש איידזשענסי) פאַר ציון. זייער כונה איז געווען קלאָר. דאָס איז פאָרגעקומען נאָר א פאָר חדשים פאַר דער באלפור-דעקלאראַציע; זיי האָבען דאמאָלס געהאלטען ביי דעם לעצטען אַקט פון זייער קאמף געגען דער דעקלאראציע, און גאַנץ לאָגיש האָבען זיי בעשלאָסען, אז א אידישער קאָרפוס אין ארץ-ישראל איז, פון אַנטי-ציוניסטישען שטאנדפונקט, נאָך פיעל „געפעהרליכער", ווי א פשוט'ע הבטחה אויפ'ן פאפיער. ביים קריעגס-מיניסטער האָבען זיי געפאָדערט, אז קיין אידישער רעגימענט זאָל נישט זיין; פרעמדע אידען זאָל מען יאָ נעהמען, נאָר מ'זאָל זיי צוטיילען אין אנדערע באַטאליאָנען, און פערשיקען דאָרטען, וואו מ'שיקט אַלע ענגלישע סאָלדאטען: אַ קליינעם טייל אפשר אין ארץ-ישראל, די מעהרסטען — קיין פלאנדריען.

— גוט, — ענטפערט לאָרד דערבי. — צוטיילען זיי צווישען אַנדערע באַטאַליאָנען קאָן איך נישט, אָבער זייער רעגימענט וועט נישט הייסען „דער אידישער”, און וועט בעהאַנדעלט ווערען פונקט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע, און מ׳וועט איהם שיקען, וואוהין מען וויל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען אָט-די בשורה מיטגעטיילט ביי אונז אין רעקרוטירונגס-ביוראָ. מיר האָבען געענטפערט מיט אַ קאָנטר-מאָביליזאַציע.

פּאַטערסאָן, ריזיקירענדיג צו בעקומען אַ פאָרוואורף, האָט תיכף אָבגעשיקט אַ ביטערען בריעף צו דעם „אַדזשוטאַנט-דזשענעראַל”—אַזוי הייסט דער מיליטערישער שעף פון גאַנצען קריעגס-מיניסטעריום, דער ערשטער מאַן אין דער אַרמעע נאָכ׳ן קריעגס-מיניסטער. אין בריעף האָט פּאַטערסאָן ערקלערט, אַז ער בעטראַכט דערבי׳ס פערשפּרעכונג צו די גבירים אַלס אַ פעררעט, אַז דאָס הייסט אָבנאַרען זיינע רעקרוטען (ער האָט שוין געהאַט עטליכע הונדערט רעקרוטען אין אונזער נייעם לאַגער ביי פּאָרטסמוט); אַז ער האַלט דאָס פאַר אַ בושה און חרפה פאַר ענגלאַנד, און דערום מוז ער זיך אָבזאָגען פון זיין קאָמאַנדע.

ד״ר וויצמאַן און מר. עמערי זענען געגאַנגען צו לאָרד מילנער׳ן, דאַמאָלס אויך אַ מיטגליעד פון קריעגס-קאַבינעט, און האָבען זיך ביטער בעקלאָגט אויף לאָרד דערבי׳ס לייכטזין. מילנער, איבער-ראַשט און עמפּערט, האָט תיכף ומיד אַראַנזשירט אַ בעשפּרעכונג מיט דערבי, און אין אַ האַלבע שעה איז ער צוריקגעקומען מיט יענעמ׳ס הסכמה — צו עמפּאַנגען אַ „קאָנטר-דעפּוטאַציע”, וואָס זאָל פאָדערען פערקעהרט, אַזוי, אַז ער, לאָרד דערבי, זאָל זיין אימשטאַנד צו מאַכען אַ קאָמפּראָמיס. און איך האָב זיך דערמאָהנט אָן מיין אַלטען אַני-מאמין: „די רעגירענדע קאַסטע פון דער וועלט זענען די זשורנאַליסטען”. איך בין געגאַנגען אין „טיימס”-ביוראָ, רעדען מיט מר. סטעד. וואָס איך האָב איהם געזאָגט, איז קלאָר; זיינע תשובות אָבער זענען ביי מיר פערשריבען אין נאָטיץ-בוך אין זייער אָריגינאַל-פאָרם, קורץ און שאַרף.

— מאָרגען וועט דער „טיימס” זאָגען דעם קריעגס-מיניסטעריום, אַז זיי טאָרען נישט זיין קיין נאַראָנים.

— אָבער פּאַטערסאָן וויל נישט בלייבען, — זאָג איך, — און אָהן איהם קאָן איך נישט אַרבייטען.

— דער „טיימס״ וועט איהם הייסען בלייבען.

אויף מאָרגען איז אין „טיימס״ ערשינען סטעד׳ס לייט-אַרטיקעל. אַזאַ קאָפּ-אָנזייפּעניש האָט דאָס קריעגס-מיניסטעריום אין דער גאַנצער קריעגס-צייט נישט געהאַט. די „טיימס״ האָט זיי אויסגעלאַכט פאַר רעכענען זיך מיט אַ טוץ גבירים, וואָס האָבען נישט קיין איינפלוס אויף אידען, און צוליעב זיי פערגעסען דעם אידעאַליזם פון מיליאָנען אידען, וואָס זייערע סימפּאַטיעס שפּיעלען עפּעס אַ ראָלע אין דער וועלט. אויב מען מוז שוין געבען די גבירים אַ הנחה, איז גענוג צו ענדערען דעם נאָמען: במקום „דזשואיש רעדזשימענט״ זאָל דאָס הייסען „מכבי-רעדזשימענט״; אָבער זיין אידישער כאַראַקטער מוז שטרענג בעוואָרענט ווערען, און שיקען איהם מוז מען דוקא קיין ארץ-ישראל. „און מיר האָפען, אַז קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, וועמען׳ס פּעס מיר פערשטעהען, וועט דאָך רעווידירען זיין בעשלוס״.

נאָך אָט-דעם עדיטאָריאַל, ווי שטענדיג נאָך אַ דונער-קלאַפּ פון „טיימס״, איז דאָס איבעריגע שוין געווען אַ פּשוט׳ע פאָרמאַליטעט. דער צווייטער דעלעגאַציע האָט לאָרד דערבי געזאָגט, אַז דער גדוד וועט האָבען אַ גאַנץ אידישען כאַראַקטער, און שיקען וועט מען איהם אין ארץ-ישראל, און אַלצדינג וועט זיין גוט. נאָר אין איין זאַך, גלויבט ער, זענען די דזשענטעלמענס פון דער ערשטער דע-פּוטאַציע נישט אַזוי אומגערעכט: דעם עהרען-טיטעל „דזשואיש״ טאָר מען נישט געבען אַ נייעם רעגימענט, וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעצייכענט אויפ׳ן פעלד. אַזאַ טיטעל מוז מען ערשט פערדיענען; און ער, דער מיניסטער, פערשפּרעכט, אַז נאָכדעם, ווי די אידישע סאָל-דאַטען וועלען בעווייזען זייער העלדישקייט אין שלאַכט, וועט דער גדוד בעקומען אי אַ אידישען נאָמען, אי אַ אידישע אָבצייכענונג. דערווייל וועלען זיי הייסען מיט אַנ׳אַנדער נאָמען, וואָס איז אויך אַ כבוד, — „ראָיאַל פיוזיליערס״ (קעניגליכע שיסער).

אָט-די הבטחות האָט ער שוין געהאַלטען.

נאָכ׳ן זיעג האָבען מיר בעקומען דעם נאָמען „דזשודעאַן רע-דזשימענט״ און די מנורה מיט׳ן העברעאישען וואָרט „קדימה״. אָבער

אַפילו פון אָנהויב אָן האָט אונז „אידישקייט״ נישט געפעהלט. אויפ׳ן סאין-באָארד פאַר אונזער לאָנדאָנער רעקרוטינג-דעפאָ (אַ גאַנץ הויז אין טשיני-סטריט) איז געשטאַנען אויף העברעאיש: „גדוד ל״ח לקלעי-המלך״. אין דער פרעסע און אפילו אין אָפיציעלער קאָרעס-פאָנדענץ האָבען מיר שטענדיג געהייסען „דזשוּאיש רעדזשימענט״. אויפ׳ן פראָנט האָבען אַלע אונזערע אָפיצירען און סאָלדאַטען גע-טראָגען אַ מגן-דוד, צוגעניי׳הט צום אַרמעל: איין באַטאַליאָן רויט, דער צווייטער בלוי, דער דריטער וויאָלעט. אונזער „פּאַדרע״ (גייסטלעכער) איז געווען אַ רב-רעוּוערענד פאַלק, אַ הייסער יונגער „מזרחי״ און אַליין אַ בראַווער סאָלדאַט אונטער׳ן פייער; און קאָלאָנעל פּאַטערסאָן איז געצוואונגען געוואָרען אויסצולערנען זיך אַלע דינים און דקדוקים פון אַ שוחט׳ס חכמה, פערהאַנדלענדיג מיט׳ן קריעגס-מיניסטעריום און מיט פאָרטסמוטער קצבים וועגען כשרות פון פלייש, וועגען צורקים און גידים און — כ׳מוז זיך אָבשטעלען, איך קען נישט די דינים, אָבער ער קען זיי יאָ.

פאַר מיר האָט דער „דעמאַרש״ פון די אַסימילאַטאָרען אויך געהאַט פאָלגען. איינער פון זיי האָט מיר, אַפנים, געמאַכט דעם בע-זונדערען כבוד צו פראָטעסטירען געגען מיין רעקרוטירונגס-פּראָפּאַגאַנדע.

ביילין און פינסקי, די געוועזענע מיטאַרבייטער פון „אונזער טריבונע״, וואָס גראָסמאַן האָט רעדאַגירט אין אונזער פּאַראַיאָהרי-גער קאַמפּיין, האָבען מיר פערפאַסט אַ בראָשורע וועגען דעם זין און דער מיסיע פון אידישען לעגיאָן. אַזוי ווי דאָס קאָנסקריפּשאָן-געזעץ האָט געלאָזט אַ פרייע אויסוואַהל—דיענען דאָ אָדער פאָהרען דיענען קיין רוסלאַנד — איז אין דער בראָשור אויך געווען בעוויזען, אַז רוסישער מיליטער-דיענסט איז אויך נישט קיין שפּאַס.

די בראָשור איז אויך אָבגעדרוקט געוואָרען אויף די קאָסטען פון רעקרוטירונגס-דעפּאַרטאַמענט. דער דעפּאַרטאַמענט האָט מיר גע-



פולקאָווניק דזש׳ פאַטערסאָן

פולקאָווניק סקאָט

געבען 35 טויזענד אַדרעסען פון דיענסט־פליכטיגע פרעמדע אין גאַנץ ענגלאַנד און שאָטלאַנד. (ס'איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ענגלישען ווירוואַר: צווישען די אַדרעסען פון יענע פרעמדע, וואָס האָבען ביז היינט נישט געוואָלט געהן דיענען, האָב איך געפונען אויך מיין אייגענעם נאָמען און אַדרעס...) ווייטער האָט מיר דער דעפּאַרטאַמענט געגעבען 35 טויזענד קאָנווערטען מיט דער אויפשריפט: „אָן היס מעדזשעסטי'ס סוירוויס", און צעהן בעאַמטע צו שרייבען אַדרעסען.

אויף מאָרגען נאָך דעם עמפּאַנג פון דער אַסימילאַטאָרישער דעלעגאַציע ביי לאָרד דערבי, טעלעפאָנירט מען מיר פון קריעגס־מיניסטעריום, אַז איך זאָל זיין פּונקט עלף אַ זייגער ביים אַדזשוטאַנט־גענעראַל. כ'געה. צופעליג איז דאָס דאָס זעלבע צימער, וואו טרומפּעלדאָר און איך האָבען בעזוכט דעם גענעראַל וואודוואָרד. ווידער געה איך אַריין מיט'ן היטעל אויפ'ן קאָפּ. ס'שטעהט שוין דאָרטען פּאַטערסאָן — אין זיין היטעל; ביי'ם טיש זיצט דער אַדזשוטאַנט־גענעראַל, סער נעוויל מעק־רידי, אויך אין היטעל. שטאַרק אָפּיציעל: ס'שמעקט מיט עגמת־נפש.

— איז אייך בעקאַנט אָט דער טעקסט? — פרעגט מיך דער גענעראַל, און דערלאַנגט מיר אַ דיקען כתב אויף ענגליש. איך לייען די ערשטע צייל'ן.

— דער אָנהויב, סער, — זאָג איך — דערמאָהנט אַ אידישע בראָשור, וואָס מיר האָבען צושיקט צו די דיענסט־פליכטיגע. שלעכט איבערזעצט, סער.

— מ'זאָגט מיר, אַז די רוסישע באָטשאַפט איז שטאַרק ברוגז— ערקלערט ער — די בראָשור איז פול מיט אָנפאַלען אויף דער רוסישער אַרמעע.

— דאָס הייסט, סער, אַז די איבערזעצונג איז ערגער ווי שלעכט. אין אונזער בראָשור זענען אַזעלכע אָנפאַלען נישטאָ. צווייטענס, האָב איך געזעהען אי היינט, אי נעכטען דעם אַמבאַסאַדאָר נאַבאָקאָוו אַליין, גערעדט מיט איהם דוקא וועגען דעם גדוד. און ער האָט די בראָשור אַפילו נישט דערמאָהנט. איהר קאָנט איהם אָנרופען און בּרעגען, סער — טעלעפאָן וויקטאָריאַ, אַזאַ און אַזאַ.

ער ווערט בייז.

— ווער האָט אייך, סערזשאַנט, געגעבען דאָס רעכט צו פער־שפרייטען די בראָשור אין אָפיציעלע קאָנווערטען?

איך שטעה און קוק אויף איהם, ניין — וואַרט, ווי אויף אַ קינד (קוקען איז נישט פערבאָטען). וואָס זאָל איך איהם ענטפערען? זיינער אַ דעפּאַרטאַמענט גיט מיר די אַדרעסען, וואָס זענען אַ שטאַאַטס-סוד, גיט מיר 35.000 קאָנווערטען, גיט מיר בעאַמטע — און ער, דער בעל-הבית פון קריעגס-מיניסטעריום, פרעגט מיך, ווי דאָס קאָן געשעהען? רבונו של עולם—וואָס איז דאָס פאַר אַ ווירטשאַפט? קאָן ביי זיי יעדער פרעמדער אונטער־אָפיציר בעזעצען זיך אין אַ צימער אין ווהייטהאָל, אָרדנען דאָס, בעפעהלען יענץ, אפשר אַפילו „סטאָפּען" די מלחמה? ס'אַ גליק פאַר זיי, וואָס איך בין אַ „מילי־טאַריסט"...

סער נעוויל-מעק-רידי איז אָבער אַ קלוגער מענש און האָט פערשטענדניש פאַר הומאָר: אַזוי ווי איך טאָר זיך נישט צולאַכען, צולאַכט ער זיך אַליין און זאָגט צו פּאַטערסאָנ'ען:

— שיקט סערזשאַנט זש. קיין פאַרטסמוט אין אייער לאַגער: איך האָף, אַז ער וועט זיך אַרויסווייזען פונקט פאַר אַזאַ גוטען סאָל־דאַט, ווי ער איז אַ פּראָפּאַגאַנדיסט.

איך סאַלוטיר און געה אַוועק, און וואַרט אויף פּאַטערסאָנ'ען. מיט צעהן מינוט שפּעטער ערשיינט ער אין קאָרידאָר.

— סער, — פרעג איך,—ווען זאָל איך פאָהרען קיין פאַרטסמוט?

— הויבט זיך נישט אָן, — זאָגט דער אירלענדער, וואָס האָט שוין געהאַט צו טהון מיט מענשען-פרעסענדע לייבען און קאָן דעריבער נישט ערנסט נעהמען אַ גענעראַל, — אין מיין באַטאַליאָן בין איך דער בעל-הבית, און איך וויל, אַז איהר זאָלט בלייבען אין לאָנדאָן און שטויסען די רעקרוטירונג. קומט אין אונזער דעפּאָ, כ'וועל אייך אָנשרייבען דעם אָרדער.

איך נעהם אַ טאַקסיס און פאָהר צו נאַבאָקאָוו'ן.

— האָט איהר פּראָטעסטירט געגען אָט-דער בראָשור, קאָנ־סטאַנטין דמיטריעוויטש?

— אין מיין לעבען נישט געזעהען און נישט געהערט, — זאָגט ער.

— אפשר סאבלין, דער באָטשאַפט-סעקרעטאַר?

ער רופט אַריין דעם סעקרעטאַר: די זעלבע אַנטוואָרט.

נאַבאָקאָוו שרייבט אַ פאָרמעלע ערקלערונג קוויט'ן נוסח „נישט געשטויגען, נישט געפלויגען", סאַבלין פערחתמ'עט זי מיט'ן זיגעל פון באָטשאַפט; מיט אַ שטריקעל בינדען זיי צוזאַמען אָט-די צייגניש און מיין בראָשור און פער'חתמ'ען נאָך דעם שטריק מיט וואַקס. איך טראָג דעם פעקעל אַוועק צו עמערי, און ער שיקט איהם צו דעם אַדזשוטאַנט-גענעראַל, מיט אַ בריעף, וואָס איך האָב נישט גע-לייענט — אָבער איך קאָן זיך פאָרשטעלען דעם נוסח.

מעק-רידי איז נישט קיין ענג,ישער נאָמען: כ'האָב אַ חשד, אַז סער נעוויל איז אַליין אַן'אירלענדער, ווייל ער האָט דעם אינ-צידענט בעהאַנדעלט, ווי אַ ריכטיגער גוטער „בחור", ד. ה. פער-געסען. וועגען דעם, וואָס איך בין געבליבען אין לאָנדאָן, געבענדיג אינטערוויאו'ס און האַלטענדיג רעדעס, האָט ער געוואוסט — ער האָט עס דערמאָהנט אין זיינע בריעף צו פעטערסאָנ'ען, אָבער קיינמאָל נישט פראָטעסטירט. און ער איז געבליבען אַ גוטער פריינד פון לעגיאָן. פעטערסאָנ'ס שאַרפען בריעף האָט ער אַריינגעשטעקט אין קעשענע און געענטפערט דעם קאָלאָנעל: „דאָנט וואָרי, איט'ל בי אָל רייט" (נישט באַריש מאַכען זיך, עס וועט זיין גוט).

ווער עס האָט איהם דערצעהלט די פאַלשע מסירה, אַז „די באָטשאַפט איז ברוגז", ווייס איך נישט. אָבער ס איז דאָך אינטערע-סאַנט, אַז דער אינצידענט איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, ווי די דעפּוטאַציע פון אַסימילאַנטען. און אַז אין געוויסע קרייזען זייערע שעמט מען זיך גאָר נישט פאַר אַ שטיקעל מסירה-אַרבייט, דאָס האָב איך שפּעטער געזעהען „בעשיינפּערלעך", און וועל עס נאָך דער-צעהלען.

זיי האָבען נאָך וויי טער געזוכט קאַליע צו מאַכען. דער אַדזשו-

טאַנט-גענעראַל האָט ערלויבט אידען פון אַנדערע רעגימענטען, אַפּילו אויפ׳ן פראָנט, צו פאָדערען „טראַנספער״ (איבערטראָגען זיך) אין אונזער גדוד; פיעל פון זיי האָבען דאָס געוואָלט, און מיר האָבען שטאַרק בעדאַרפט אַזאַ צומישונג פון ערפאַהרענע סאָלדאַטען. פּלוצלינג אָבער האָבען אַלע אידישע „אַרמיי-טשעפּלענס״ (אַרמעע-גייסטליכע) אין פראַנקרייך אָנגעהויבען צו דרשנ׳ען, אַז ס׳איז אַ שאַנדע פאַר אַנ׳ענגלישען אידען צו דיענען אין אונזער רעגימענט. מ׳האָט אונז בעריכטעט, אַז דער אויבערשטער אידישער גייסטליכער אַליין, רעווערענד מייקעל אַדלער בכבודו ובעצמו, איז אויך אַרומגעפאָהרען פון באַטאַליאָן צו באַטאַליאָן און געדרשנ׳ט אין אָט-דעם זין. כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז ריכטיג; אָבער אַלע אידישע גייסטליכע זענען געווען אונטער זיין ממשלה, און וועגען דעם, דאָס ער האָט זיי געגעבען אינסטרוקציעס, האָב איך לײדער נישט קיין צווייפעל. און אַזוי, במקום צו בעקומען טויזענדער „טראַנספערס״, האָבען מיר נאָר ערהאַלטען עטליכע הונדערט.

גרויסע דיענסטען האָט אונז ערוויזען פרוי ווייצמאַן. צוזאַמען מיט פרוי פּאַטערסאָן האָט זי פאַר אונז אויסגעבויט דעם „דזשואיש רעדזשימענט קאָמיטי״, אין וועלכען ס׳האָבען אָנטייל גענומען כמעט אַלע פרויען פון די פיהרענדע לאָנדאָנער ציוניסטען: מרס. דזשאָזעף קאָווען, מרס. אידער, מרס. פּול גודמאַן, מרס. טשאַרלז ראָטשילד, די בעגאַבטע העברעאישע דיכטערין נינאַ סאַלאַמאָן ז״ל; זיי אַלע, און מיט זיי מיס גרינבערג (די טאָכטער פון רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל״), מרס, ארשאַווסקי (די פרוי פון מיין פריינד דעם אינזשעניער) און פיעל אַנדערע, האָבען פערבראַכט טעג און אַפּילו נעכט אין אונזער דעפּאָ, קאָכענדיג און וואַשענדיג וועש פאַר די רעקרוטען. דער שעף פון דעפּאָ איז געווען צוערשט מאַיאָר נאָלס, אַ פריינד פון פּאַטערסאָנ׳ען, שפּעטער אַ איד — מאַיאָר שענפיעלד, דער איינציגער אידישער אָפיציר אין לאָנדאָן, וועלכער האָט זיך פון אָנהויב אָן בעצויגען צו אונזער פּראָיעקט ווי אַ פריינד:ביידע גוט, און אָן ביידע געדענק איך מיט דאַנק.

מיין ביוראָ איז אויך געווען אין דעפּאָ; די אַרבייט איז געווען—שרייבען בריעף קיין אַמעריקאָ, קאַנאַדאַ, אַרגענטינאַ, רוסלאַנד,

בייטראַלע לענדער, אומעטום, וואו ס׳איז פֿאַראַן אידישע יוגענד. מעהרסטענ־טיילס האָט אָט־די קאָרעספּאָנדענץ קיין שום רעזולטאַטען נישט גע־בראַכט. שלח לחמך... פון אַמעריקאַ, קאַנאַדאַ, אַרגענטינאַ האָבען מיר יאָ בעקומען סאָלדאַטען, אָבער איך גלויב נישט, אַז דאָס האָט געהאַט וועלכען עס איז צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבייט פון אונזער קליינעם ביורא. די זאַך האָט שוין אַליין געמאַכט פאַר זיך פּראָפּאַ־גאַנדע; די ראָלע פון די איניציאַטאָרען האָט זיך געענדיגט.

נאָר מיט איין זאַך פון יענע טעג בין איך צופריעדען: כ׳האָב געפונען מאַרגאָלינ׳ען. מ׳האָט איהם געבראַכט אַ פערוואונדעטען אין אַ לאָנדאָנער שפּיטאָל, און דאָ האָב איך איהם בעזוכט. זיין געשיכטע האָב איך גוט געקענט, אי פון זיין ברודער אין פעטערבורג, דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון עפראָנ׳ס „אידישער ענציקלאָפּעדיע״, אי נאָכמעהר פון די לעגענדען, וואָס מ׳האָט מיר דערצעהלט וועגען איהם אין ארץ־ישראל, נאָך מיט עטליכע יאָהר פריהער. די משפחה האָט אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל אין דער ערשטער „בילויים״־צייט, בשעת אליעזר מאַרגאָלין איז נאָך געוועזען אַ קינד. זיי האָבען זיך בעזעצט אין רחובות, נישט ווייט פון יפו. אליעזר האָט זיך אויסגעצייכענט אי אַלס אַ קאָלאָניסט, אי אַלס אַ „גבור־חיל״ — „זיצט אויף אַ פערד ווי אַ בעדואין און שיסט ווי אַ ענגלענדער״, פלעגען פון איהם זאָגען די אַרומיגע אַראַבער. בשעת דעם קריזיס אין אָנהויב ביינציגער יאָהרען, איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין אויסטראַליען, האָט דאָרט געוואַנדערט און געאַרבייט אין „בוש״, געאַקערט און געגראָבען, ביז ער האָט זיך בעזעצט אין אַ שטאָדט און געוואָרען אַ ביזנעס־מאַן. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך פערשריבען אין דער אויסטראַ־לישער טעריטאָריאַל־אַרמעע. צו אָנפאַנג קריעג איז ער געוועזען ביי זיי אַ לויטענאַנט. איינער פון די ערשטע, האָט ער וואָלאָנטירט פאַר׳ן פראָנט; אָבגעוועזען אַ צייט לאַנג אין מצרים און דערשלאָגען זיך ביסלעכווייז צו „סעקאָנד־אין־קאָמאַנד״ פון זיין באַטאַליאָן אין די טראַנשעען פון פלאַנדריען. אַ גרויסער, שטאַרקער מאַן, אַ שווייגענ־דיגער, סאָלדאַט פון קאָפּ ביז פיס, אַ מלך און אַ טאַטע און אַ ברודער פאַר זיינע באָיס, מיט אַ בעל־הבתישען בליק פון אַנ׳אָרגאַ־

ניזאַטאָר, וואָס דרינגט דורך יעדע קליינינקייט אין באַטאַליאָן, פון קאַלדרעס און ביקסען־שמירעכץ ביז צו דער קיך.

— קומט צו אונז, לאַזאַר מאַרקאָוויטש.

— כ'האָב מורא. — זאָגט ער.

— מורא?

— כ'האָב מורא פאַר אידען. מען מוז צופיעל רעדען...

אָבער ער איז געקומען. דער אַדיוטאַנט־גענעראַל האָט געהאָלפען ביי די פאָרמאַליטעטען פון אַריבערפיהרען איהם פון דער אויסטראַלישער אַרמעע אין די ענגלישע, און מאַרגאָלין איז געוואָרען דער קאָלאָנעל פון אונזער צווייטען באַטאַליאָן — דעם 39־טען „ראָיאַל פיוזיליערס”.

וועגען דעם לעבען פון אונזערע סאָלדאַטען אין פּאָרטסמוט קאָן איך נישט דערצעהלען. נאָר איין מאָל אויף אַ פּאָר טעג האָב איך בעזוכט דעם לאַגער און געפיהלט זיך דאָרט ווי אַ פרעמדער פון אַלע זייטען. אין זיין צימער האָט קאָלאָנעל פּאַטערסאָן מיר פאָרגעשטעלט זיינע פּאָר אָפיצירען, אָבער אין אָפיצירען־קאַזינאָ האָט ער נישט געהאַט דאָס רעכט מיך איינצולאַדען. אין סערזשאַנטען־קאַזינאָ האָב איך געפונען אַלטע פריינד און עטליכע פון מיינע חברים פון „פלוטאָן נומער זעכצעהן”. אָבער די אַנדערע סערזשאַנטען האָבען זיך זשענירט, און איך אויך.

שפּעט ביינאַכט, געדענק איך, בין איך געשטאַנען איינער אַליין אינמיטען דעם גרויסען לאַגער, בעלויכטען פון דער האַלבער לבנה און שניי, און האָב זיך פערטראַכט, קוקענדיג. נידעריגע באַראַקען פון אַלע זייטען, אין יעדען הונדערטער יונגע־לייט — דער אידישער גדוד, אַ חלום. אַזוי לאַנג גע'חלומ'ט, אַזוי שווער אָנגעקומען, און צום סוף נישט מיינער, נישט פון מיר געבויט, נישט פון מיר געהאָדעוועט. ווי אין יענער מעשה פון טויזענד און איין נאַכט: אַלאַדינ'ס פּאַלאַץ, געבויט פון גייסטער. ווער איז אַלאַדין? וואָס איז אַלאַדין? גאָרנישט; אַ צופאַל האָט איהם געשאָנקען אַן אַלטע פערזשאַווערטע לאָמפּ, און בשעת ער האָט געוואָלט זי אָבריינינען און האָט איהר אָנגעהויבען רייבען מיט אַ שמאַטע, זענען פּלוצלונג ערשינען די גייסטער און האָבען פאַר איהם געבויט אַ פּאַלאַץ; און

דער פּאַלאַץ שטעהט, און וועט שטעהן, און קיינער דאַרף שוין נישט מעהר נישט אַלאַדינ׳ען און נישט זיין לאָמפּ. כ׳האָב זיך פערטראַכט. אפשר איז יעדער פון אונז אַלאַדין; יעדער געדאַנק איז אַ פער׳כישוף׳טע לאָמפּ, וואָס האָט אין זיך די מאַכט, אַרויסצורופען בויענדע גייסטער; מ׳דאַרף נאָר קיינמאָל נישט מיעד ווערען פון „רייבען" — רייב, רייב, און ווייטער רייב, ביז — ביז דו ווערסט אַנ׳איבעריגער, ווייל אפשר בעשטעהט יעדער אמת׳ער נצחון אין דעם, אַז דער זיעגער ווערט איבעריג.

ון דאַמאָלס אָן בין איך געוואָרען אַנ׳איבעריגער; און איך בין צופריעדען, וואָס מיין ערצעהלונג האָט שוין, ברוך השם, דערלאַנגט צו יענעם פּעריאָד, וואו מ׳קאָן אויפהערען צו בענוצען זיך אַזוי אָפט מיט׳ן וואָרט „איך". ס׳איז נישט מיין שולד, וואָס ביים דערצעהלען די חבלי-לידה פון אידישען לעגיאָן האָב איך געמוזט דערמאָהנען דאָס וואָרט אויף שריט און טריט; אָבער גענוג. אויף מיטינגען אין אַמעריקאַ פלעגען די ליעבענסווירדיגע פּאָרזיצער מיך פּאָרשטעלען אַלס „פיהרער פון אידישען גדוד". דאָס בין איך קיינמאָל נישט געווען, און נישט געקאָנט זיין. דער לעגיאָן אין ארץ-ישראל איז בעשטאַנען פון דריי באַטאַליאָנען, צוזאַמען אַנ׳ערך 5000 מענשען, געפיהרט פון דריי קאָלאָנעלס מיט גרויסער קריעגס-ערפאַהרונג. אין איינעם פון אָט-די באַטאַליאָנען, צווישען אַנ׳ערך צוואַנציג לויטענאַנטס, בין איך אויך געווען אַ „לוט", קאָמאַנדיר פון אַ פּלוטאָן — 50 אָדער 60 סאָלדאַטען. ווייל צוויי טאָג פאַר אונזער אַוועקפאָהרען קיין ארץ-ישראל האָט מען מיך „פּראָמאָווירט" צו זיין אַ לויטענאַנט, און אויך דאָס איז אָנגעקומען שווער, וואָרום לויט דער ענגלישער קאָנסטיטוציע טאָר דאָך קיין אויסלענדער נישט זיין קיין אָפיציר. „עס זענען דאָ נאָר צוויי אויסנאַהמען" — פלעגט פּאַטערסאָן זאָגען לאַכענדיג, — דער קעניג און איהר; און איהם האָט מען שוין אַרויסגעוואָרפען". כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז ריכטיג; אָבער אַזוי ווי דער קעניג אין דער ענגלישער אַרמעע, אַזוי האָב איך נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבען קיין דעה אין אידישען לעגיאָן. כ׳האָב גאָרנישט-נישט געגען דעם; אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין; כ׳האָב זיך בעמיהט צו זיין אַנ׳אָנשטענדיגער לויטענאַנט, אַזוי ווי בשעת איך האָב גע-

וואַשען די טישען אין סערוישאַנטען-הויז ביי ווינטשעסטער, האָב איך זיך בעמיהט צו וואַשען ווי ס'געהערט צו זיין; און איך האָב ליעב ביידע עראינערונגען.

דעם צווייטען פעברואַר 1918 האָט דער ערשטער אידישער באַטאַליאָן, מיט בלאַנקע באַיאָנעטען, דורכמאַרשירט דורך דער סיטי און דורך ווייטשעפעל. מיט צוויי טעג פריהער האָט מען די סאָלדאַטען געבראַכט קיין לאָנדאָן און בעהאַנדעלט מיט אויסערגעוועהנליכע כבודים. געשלאָפען זענען זיי אין „טאַוער אָוו לאָנדאָן", צווישען די מאָנומענטען פון זעקסהונדערט יאָהר ענגלישע געשיכטע. די בלאַנקע באַיאָנעטען זענען אויך געווען אַנ'אויסנאַהם: ס'איז אַנ'אַלטע פריווילעגיע, פאַר וועלכער ס'האָבען אַמאָל געקעמפט גאַנצע דורות לאָנדאָנער בירגער, אַז דעם קעניג'ס סאָלדאַטען טאָרען נישט אַריינגעהן אין דער סיטי מיט קיין באַיאָנעטען — אָבער אונז האָט מען דאָס ערלויבט. אויפ'ן גאַנעק פון מענשאַן-הויז, אָנגעטהון אין זיינע מיטעלאַלטערליכע מלבושים, איז געשטאַנען דער לאָרד-מעיר צו עמפאַנגען דעם סאַלוט פון אידישע סאָלדאַטען. קאָמיש: נעבען איהם איז געשטאַנען מאַיאָר ר., איינער פון אונזערע ביטערסטע געגנער, אַ מיטגליעד פון יענער אַסימילאַנטען-דעפּוטאַציע,—געשטאַנען שטאָלץ, אָנגעבלאָזען ווי אַ מחותן, און געשעפּט נחת פון אַ ווערק, וואָס ס'איז איהם שיעור נישט געלונגען צו צושטערען.

און פון דער סיטי איז דער באַטאַליאָן געגאַנגען קיין ווייטשעפעל. דאָרט האָט אויף אונז געוואַרט דער אַדיוטאַנט-גענעראַל — דערזעלבער סער נעוויל מעק-רידי! — מיט זיין שטאַב, און צעהנדליגער טויזענדער אידען אין די גאַסען, אין די פענסטער, אויף די דעכער. בלוי-ווייסע פאָהנען איבער יעדער קלייטעל-טהיר; ווייבער וויינענדיג פאַר שטאָלץ, אַלטע אידען שאָקלענדיג מיט גראָהע בערד און מורמלענדיג „שהחיינו"; פּאַטערסאָן אויף זיין פערד, לאַכענדיג

און גריסענדיג, מיט אַ רויז, וואָס אַ מיידעל האָט איהם געוואָרפען פון אַ באַלקאָן און ער האָט געכאַפּט אויפ'ן גאַנג; און די באָיס, יענע „שניידער", ברוסט צו ברוסט, די באַיאָנעטען פּאַראַלעל ווי אויף אַ צייכנונג, יעדער שריט ווי איין איינציגער דונער-קלאַפּ, ריין, שטאָלץ, שכור מיט „התקוה" און מיט מאַסען-געשריי און מיט געפיהל פון אַ שליחות-מצוה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ביישפּיעל זינט בר-כוכבא אין ביתר האָט זיך געוואָרפען אויף זיין שווערד, נישט ווייסענדיג, צי ס'וועלען זיך אַמאָל געפינען יורשים.

לאַנג לעבען זאָלט איהר, מיינע „שניידער" פון וויטשעפּעל און סאהא, מאַנטשעסטער און לידז! גוטע שניידער זענט איהר געוועזען: אויף דער גאַס האָט איהר געפונען שמאַטעס פון צוריסענעם אידישען כבוד, און פון זיי האָט איהר צוזאַמענגענעהט אַ שענע, אַ גאַנצע, אַנ'אייביגע פאָהן.

דעם צווייטען טאָג, פון סאוטהעמפּטאָן, זענען מיר אַוועקגעפאָהרען קיין פראַנקרייך — מצרים — ארץ-ישראל.

קאַפּיטעל ניין

צעהן טעג שלעפּ-צוג איבער גאַנץ פראַנקרייך און גאַנץ איטאַליען; אָבער נישט קיין שווערע טעג. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אי פראַנקרייך, אי איטאַליען זענען ספּעציעל אויסגעטראַכט געוואָרען צו פערשאַפען קאָמפאָרט פאַר ענגלישע סאָלדאַטען. אויף יעדער סטאַציע, פון שערבורג ביז טאָראָנטאָ, געפינט זיך אַן׳ענגלישער „אר-טי-או״ (פערזאָרגונגס-אָפיציר), וועלכער איז, אַ פּנים, דער אמת׳ער בעל-הבית פון דער אייזענבאַהן — אזוי האָט ער אויסגעזעהן. יעדע צוויי מעת-לעת פלעגען מיר זיך אָבשטעלען אויף אַ נאַכט און אַ טאָג אין אַ אָברוה-לאַגער מיט ענגלישע פערוואַלטער, דאָקטוירים, „שוועסטער״ און משרתים: אַ לאַגער, ווי אַ שטעדטעל פון באַראקען און געצעלטען, מיט גרויסע עס-צעלטען פאַר סאָלדאַטען, סערזשאַנטען, אָפיצירען, אַן׳אַפּטייק, אַ שפּיטאָל, אַ קאָנצערט-האַל, אַפילו אַ „קאַלאַבוש״ — אזוי האָבען אונזערע סאָלדאַטען, אונטער׳ן איינפלוס פון די ציון-מיול-קאָרפּוס-באָיס, וואָס האָבען זיך שטאַרק בענוצט מיט עגיפּטישען זשאַרגאָן, — גערופען די מיליטער-תפיסה. אונזער באַטאַליאָן האָט געהאַט אַן׳ערשטקלאַסיגען קאָנצערט-אָרקעסטער מיט אמת׳ע מוזיק-האַל-אַקטיאָרען: אַלע פלעגען מודה זיין, אַז דאָס זענען אפשר די בעסטע, וואָס האָבען ביז איצט מכבד געווען זייערע לאַגערס מיט אַ פאָרשטעלונג. איך פון מיין זייט מוז מודה זיין, אַז אין זייער רעפּערטואַר האָב איך נישט געפונען קיין שום אידישע מאָטיוען, מיט׳ן אויסנאַהם פון „התקוה״, וואָס קאָלאָנעל פּאַטערסאָן האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געהייסען זינגען, שטעהענדיג, צום שלוס פון יעדען קאָנצערט.

די סאָלדאַטען זענען געווען זעהר פרעהליך. איך געדענק בעזונדערס איין טאָג — בשעת מיר זענען לאַנגזאַם געפאָהרען איבער דער פראַנצויזישער ריוויערא — ניצא, מאנאקא, שוין אין פולען גלאַנץ פון זייער פריהלינג. אין זייער לעבען האָבען אונזערע ווייטשעפּעלער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אז ס'איז דאָ אַזאַ שענקייט אויף דער וועלט, און פון אַלע פענסטער פון פופציג וואַגאָנען האָט אויסגעבראָכען אַ שמחה-געשריי.

פון דרייסיג אָפיצירען אונזערע זענען געווען צוואַנציג אידען— נאַטירליך „טראַנספערס" (איבערגעפיהרטע) פון אַנדערע רעגימענטען. די מעהרסטע האָבען ביז דאַמאָלס ווייניג געהערט וועגען ציוניזם; אין דער אָפיצירען-קאַזינאָ, נאָכ'ן עסען, האָט עס אַמאָל אויסגעזעהען, ווי אויף אַ דיסקוסיאָנס-אָוועגד פון די גוטע אַלטע צייטען ערגיץ-וואו אין מינסק אָדער קישיניעוו. זענען אידען אַ נאַציאָן? וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַליטעט? קאָן מען זיין אַ ציוניסט און אַ ענגלישער פּאַטריאָט? מ'האָט אָפט געוואָלט מיך אַריינציהען אין אַ וכּוח — אָבער איך האָב שוין לאַנג פערגעסען, ווי „מ'בעווייזט" אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס אין מיין אייגענער וועלט האָט מען נאָך אין יאָהר 1905 אויפגעהערט וועגען זיי צו רעדען...

דעם כּבוד האָב איך איבערגעלאָזט יונגערע ציוניסטישע „רעקרוטען". האראַס סעמיועל, אַ נישט קיין אונבעקאַנטער שריפטשטעלער (איצט איז ער איינער פון די גרעסטע אַדוואָקאַטען אין ירושלים און אין זיין פאַנטאַסטישען ראָמאַן „קוויסטא באָקס" קאָן מען געפינען אַ גוטע הומאָריסטישע בעשרייבונג פון ארץ-ישראל אין די וואָפענשטילשטאַנד-יאָהרען) פלעגט נעהמען פאַר'ן קנעפּעל דעם לאַנגנאָזיגען הערריס, וואָס האָט זיך פערעקשנ'ט צו שפּיעלען דעם אַסימילאַנט, און פלעגט איהם דערווייזען מיט זיין אָקספאָרדער אַקצענט און מיט פיל לאַנגע פיקאָזאָפישע פרעמד-ווערטער, אַז „נעשאנאַליטי איז דזשאסט אַנ'אינוואַרט אטיטיוד"; אויב יענער האָט נישט געוואָלט פערשטעהן, פלעגט סעמיועל צורופען דעם אַדזשוטאַנט לעדי, אַ טיפּישען קאַלטען ענגלישמאַן פון „פּאַבליק-סקול-באָי" - קאַטעגאָריע און פלעגט פרעגען:

— נו זאָגט אַליין, הערריס: וועט איהר מיר דערצעהלען, אַז איהר און ער געהערט צו דער זעלבער אומה?

דער „פּאדרע", רעווערענד פּאַלק, אַ פייערדיגער מזרחי, פלעגט בראַוו אויסהאַלטען געגען אַ געמיינזאַמער אַטאַקע פון אַ גאַנצען גדוד סקעפּטישע לויטענאַנטס, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז צו זיין אַ ציוניסט איז גאָר נישט שייך צו עסען כשר. ווי אַ באַרג איז ער געשטאַנען פעסט ביי זיין פּרינציפּ:

— עס איז נישט קיין פראַגע פון עסען. ס'איז דער פּרינציפּ, אַז בכלל מוז דער איד קעמפען געגען אַלע תאוות, בעגרעניצען און דיסציפּלינירען זיך אויף יעדען שריט, בויען אַ ציון פון טהרה אין זיין נשמה, איידער ער בויט אַ ציון פאַר זיין פאָלק.

קעפּטען דעיוויס, דער דאָקטאָר (סאָלאָמאָן איז דערווייל גע-בליבען אין פּארטסמוט מיט'ן נייען קאָלאָנעל מארגאלין) פלעגט זיך בעקלאָגען לאַכענדיג:

— פּלוצלונג בעקום איך אַ בעפעהל צו דערמאָהנען זיך, אַז איך בין אַ איד, און אַריינצוגעהן אין אַ אידישען גדוד! ס'הייסט, אַ פּנים, אַז פון היינט אָן בין איך אַ „קאָנסקריפּטעד זייאָניסט". גוט. אויב אַזוי — „לעט מי פלעי דהע נעים" (איך וועל שפּיעלען).

און ער האָט פאַר אונז געשריבען אַ ציוניסטישען סאָלדאַטען-גע-זאַנג, מיט נאַציאָנאַליזם און ענטוזיאַזם און אַלע פּיטשעווקעס: גאַנץ שען, כ'האָב דאָך געזאָגט, אַז דער אונטערשיעד צווישען אַ פריי-וויליגען און אַ צוגענומענעם סאָלדאַט איז נישט אַזוי טיעף.

דער בעסטער ציוניסט איז געווען דער קאָלאָנעל. זיינע אַרגומענטען האָבען געקלונגען: גדעון, דבורה, דוד המלך, הר מגדל, די לבנה פון עמק אַילון... דער „פּאדרע" האָט געוואָלט בעווייזען, אַז פּאַטערסאָן איז אפילו נישט קיין אַלגעמיין-ציוניסט, נאָר אַ מזרחי. און ס'איז אמת, אַז דער קאָלאָנעל האָט דאָס גע'פועל'ט — איך ווייס נישט ווי, — אַז יעדען שבת זאָלען מיר שטעהן אין אַ אָברוה-לאַגער, און אין דער פריה האָבען מיר געהאַט דעם „סינאַגאָג-פּאַראַד", מיט אַלע אָפיצירען, און אַלע סאָלדאַטען, אפילו קריסטען, שטעהענדיג אין היטלען, מיט'ן דגל-ציון אויף אַ הויכען שטעקען, מיט דער ספר-תורה, וואָס די פּארטסמוטער קהלה

האָט אונז געשאָנקען, מיט׳ן כאָר פון דער קאָנצערט-אָבטיילונג, זינגענדיג די אַלע תפילות, און די „התקוה״ צום שלוס, נאָך דעם „פאַדרעס״ דרשה; אַ פיינע דרשה מעהרסטענטיילס, ווייל דער יונגער רב איז געווען אַ גוטער למדן, שטאַרק בעלעזען אי אין די שוואַרצע פינטעלעך, אי אין געשיכטע; ער האָט גענומען זיינע משלים פון די פּאַרטיי-געדאַנקען צווישען די צדוקים און די פּרושים, שטאַרק געהאַלטען פון די איסיים, שטאַרק געשאָלטען די מתיונים, שטאַרק געלויבט די קנאים, פּאָלעמיזירט מיט וועלהויזען׳ען, דעם דייטשען ביבעל-קריטיקער, און מיט זיינעם אַ תלמיד, דעם ד״ר בן-ציון מאסינזאן פון תל-אביב׳ער גימנאַזיע... בכלל אַ פיינער יונגערמאַן איז ער געווען, אונזער „פאַדרע״, און איך גראַטולירט הערצליך די קהלה אין סידניי (אויסטראַליען) מיט איהר היינטיגען רב.

אין קיין גרעסערע שטעדט האָבען מיר זיך אויפ׳ן וועג נישט אָבגעשטעלט, און קיין אידען נישט געזעהען. נאָר איין מאָל אין איטאַליען — אויב איך געדענק גוט, איז דאָס געווען אין רומיני — בשעת דער באַטאַליאָן האָט מאַרשירט, מיט זיין אידישער פאָהן, צו דער אייזענבאַהן, איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון אַ טויער אַן׳עלטערער מענש און צוגעלאָפען צו אונז, ווייזענדיג אויף זיך און שרייענדיג: „יהודי! ישראל! עווויוואַ!״

אין טאַראַנטאַ, דעם לעצטען אָברוה-לאַגער, וואו מיר האָבען געמוזט וואַרטען אַ גאַנצע וואָך אויפ׳ן קאָנוואי פון יאַפּאַנישע שיפען, איז פּאַטערסאָן געגאַנגען מיט׳ן „פאַדרע״ צו אַ טישלער אין שטאָדט און האָט בעשטעלט אַ קליינעם אָרון-קודש פון טייערסטען האָלץ. מיט אַ גרויסער צערעמאָניע, אויפ׳ן שבת-פּאַראַד, האָט מען אין איהם אַוועקגעלעגט די ספר-תורה, און דער קאַלאָנעל האָט געזאָגט צו די סאָלדאַטען גאַנץ ערנסט: — איצט קאָן אייך קיין דייטשער אונטערוואַסער-שיפעל נישט שאַדען מיט אָט דעם טאַליסמאַן אויפ׳ן שיף.

די נסיעה איבער׳ן ים האָט געדויערט וועניגער, ווי צוויי טעג, שען און רוהיג, אַפילו קיין ים-קראַנקע האָבען מיר נישט געהאַט, כאָטש סערזשאַנט שיפּרין, דער הויפּט-לץ פון באַטאַליאָן, פלעגט יעדען מאָרגען אָבהאַלטען אַ „סיק-פּאַרעיד״ לויט אַלע געזעצען פון

דער מיליטערישער איבונג: אויסגערופען וואלאנטערען, אויסגעשטעלט אין אַ שורה אויפ'ן שיפדעק און קאָמאַנדירט:

„רייט דרעס!... נאָמבער!... טו פעיסעס פאָרוואַרד-מאַרטש! העד פאָרוואַרד-בערענד... אז יו וואר!"

אין אַלעקסאַנדריען האָט אונז די ספרדישע קהלה געמאַכט אַ וואונדערבאַרען קבלת-פנים. ווידער האָב איך געזעהן די אַלטע פריינד פון די „גאבארי"-טעג: דעם רב הראשי רפאל, דעללאַ-פערגאָלאַ, באַראָן באַראָנעסע דע מנשה, עדגארט סוארס, וסף דע-פיטשאָטאָ. „דער ציון-מיול-קאָרפּוס איז געווען אונזער זוהן, דער אידישער גדוד איז אונזער אייניקעל", — האָבען זיי געזאָגט. אין דער הויפט-שוהל האָט מען געמאַכט אַ פייערליכען גאָטעס-דיענסט, מיט'ן גובערנאַטאָר, מיט געגעראַלען, מיט די פערבינדעטע און נייטראַלע קאָנסולען און אראַבישע נאָטאַבלען.

דאָסזעלבע אין קאַירא. גענעראַל אַלענבי איז שוין געווען מיט זיינע הויפּט-קוואַרטירען אין ארץ-ישראל, נישט ווייט פון דער קאָלאָניע באר-יעקב; אָבער דער ענגלישער אָבער-קאָמיסאַר סער רעטזינאַלד ווינגדהאם האָט אויפגענומען דעם סאַלוט פון מאַרשירענ-דען באַטאַליאָן פאַר'ן טויער פון זיין רעזידענץ און אויסגעהערט „התקוה" מיט דער האַנד ביים היטעל... נאָך ווייט זענען געווען די שפּעטערע כמארע-טעג, ווען גענעראַל מאני, דער מיליטערישער פערוואַלטער פון ארץ-ישראל, אין 1919, אין ירושלים, האָט פאַר אַלע אידישע און ענגלישע און אַראַבישע יחסנים געפונען פאַר נויטיג צו בלייבען זיצען, בשעת מען האָט געשפּיעלט דעם אידישען הימן!

מען האָט אונז געגעבען אַ לאַגער אין העלמיא, אַ דאָרף נישט ווייט פון קאַירא, וואו דער באַטאַליאָן זאָל פערענדיגען זיינע איבונגען. ס'איז געווען הייס, מ'האָט נאָר געקאָנט „דרילען" (איבען זיך) אין

דער פריה און נאָך פינף אַ זייגער אָווענד. און כמעט יעדע וואָך איז געווען אַ „באַל" — אָדער אין שטאָדט לכבוד דעם באַטאַליאָן, אָדער אין לאַגער לכבוד די קאַאירער אידען.

אַ חוץ די געוועהנליכע אַרבייטען פון אַ פלוטאָן-קאָמאַנדיר, האָב איך אין העלמיא בעקומען נאָך אַ „בעשעפטיגונג":

לויט'ן מיליטערישען געזעץ, מוזען אַלע בריעף פון סאָלדאַטען דורכגעהן די צענזור פון אַג'אָפיציר. צווישען אַנדערע אָפיצירען בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקאָנט לייענען אידיש. אויף אָט-דעם גרונד האָט מען מיר געהייסען דורכקוקען בכלל אַלע בריעף, וואָס זענען געשריבען געוואָרען אויך אויף ענגליש. דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל „ענטדעקט" דעם פאַקט, אַז עס זענען דאָ אין אונזער באַטאַליאָן עטליכע ליטווינער — נישט „ליטוואַקעס", נאָר קריסטליכע ליטווינער. זיי האָבען פריהער געאַרבייט אין אַ קויהלען-גרוב ערגיץ-וואו ביי גלאַזגאָ, און בשעת מ'האָט געמוזט געהן דיענען, האָבען זיי פערלאַנגט צו דיענען ביי אונז. איך קאָן, פערשטעהט זיך, נישט קיין איינציג וואָרט אויף ליטוויש, אַ חוץ דעם, וואָס דייטשלאַנד הייסט ביי זיי „וואָקעטיא" און אַ פּאָליאַק — „לענקעס". ס'וואָלט געווען מיין חוב זיך דערפון אָבזאָגען, אָבער דעמאָלט וואָלט עס געהייסען, אַז בכלל וואָלט מען זייערע בריעף בעגראָבען, ווייל וואו געפינט מען אַ מבין אויף אַזאַ שפּראַך אין מצרים? האָב איך בעשלאָסען צו ריזיקירען דעם נצחון פון די אַליאירטע און געשטעלט „א. ק." אויף די ליטווישע בריעף אויך. איין זאַך אָבער האָב איך פערשטאַנען: די ליטווינער זענען געווען כמעט די איינציגע פון אונזערע סאָלדאַטען, וועלכע פּלעגען בעשרייבען דעם וועג, דער-מאָהנען געאָגראַפישע נעמען, רעדען וועגען די ספּעציעלע אויפגאַבען פון גדוד — בכלל די איינציגע, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט „זייטיגע", נישט ריין פּריוואַטע ענינים. אין זייערע בריעף האָב איך

שטענדיק געזעהען אזעלכע ווערטער, ווי „ניצא", „איטאליא", „עניפּ־טאָס", אפילו „יעראזאלמאָס", אפילו „סיאָניזמאָס".

אין די אידישע בריעף — הונדערטער פון זיי — איז דאָס געווען ווענינער ווי זעלטען. „דער וועג איז א שענער". „אביסעל ענג אין די וואגאָנען". „ברוך השם, דער ים איז געווען רוהיג". און ווייטער קומט די הויפּט־זאך, דער תכלית: וואָס מאַכען די קינדער־לעך? וואָס הערט זיך מיט חנה׳לעס צייהן, מיט דזשאָ׳ס מאָזלען? בענקט נישט צו־פיעל, טייערע. האָסטו שוין אריינגעשטעלט גאז אין קיך? אנ׳אונענדליכע ליעבע צו דער היים, נישט צו א לאנד אָדער א שטאָדט, אָדער א גאַס, נאָר צו דער אייגענער היים — „ביתו זה אשתו"; משפחה. כ׳ווייס אליין נישט, צי דאָס איז נישט בעסער, ווי פאַטריאָטיזם. דאָס איז דאָך די אמת׳ע גרונדלאַגע פון פּאטריאָטיזם. גיט אָט־די זעלבע מענשען „היים", נישט אין א פרעמד לאנד, וואו זיי זענען אימיגראנטען פון נעכטען, נאָר א היים, וואו די שטוב, די גאַס און די שטאָדט, דאָס לאנד זענען פערפלאָכטען איינס מיט׳ן אנדערען, שטופּען פון דער זעלבער טרעפּ אין דעמזעלבען בנין, וואָס מ׳קאָן איינע פון זיי נישט ברעכען אָהן צו צושטערען אלע — וועט איהר אפשר קריגען די פּסיכאָלאָגיע פון בר־כוכבא׳ס קנאים.

אָפט האָב איך זיך כמעט געשעמט אריינצוקוקען אזוי טיעף אין דעם קדש־הקדשים פון א פרעמדען מענשען׳ס נשמה. כ׳האָב גע־מאַכט א געזעץ פאַר זיך — ארויסצונעהמען דעם בריעף פון קאָנ־ווערט, נישט לייענענדיג דעם אדרעס.

אָבער איין זאך א קאָמישע איז אויך געווען אין יענע בריעף: זייער אידיש. ביז דאַמאָלס האָב איך געקענט דאָס אָפיציעלע אידיש, פון צייטונגען און אסיפות. אמת, אמאָל האָב איך זיך געבראָכען דעם קאָפּ איבער א טעקסט אויף דער אנאָנסען־זייט: „סיטעס קאָנען געבוקט ווערען אין באָקס"... דאָ האָב איך געזעהען דעם גאנצען חורבן, וואָס וואנדערונג קאָן מאַכען פון א לשון. אָהן א קענטעניש פון ענגליש, בעזונדערס פון „סלענג" (גאַסען־זשאַרגאָן), וואָלט עס בכלל נישט מעגליך געווען צו פערשטעהן, וואָס זיי שרייבען. און ביי יענע, וואָס זענען געקומען קיין ענגלאנד פון דרום־רוסישע שטעדט, איז געווען נאָך אג׳אנדער אומגליק — א דריטער אידי־

דזשאָזעף קאָווען

מאיר גראָסמאַן

אַ דריטער ענגליש, אַ דריטער אָדעסער רוסיש. כ'געדענק איין וואָרט, למשל, וואָס מ'קאָן נאָר דערהערען אין בעסאַראַביען: „פערגעס נישט אָנצוטהון די קאָזיאָפּוכענע (!) פּופּאַיקע"... אַמאָל האָט אָט דער מישמאַש פּראָדוצירט גאַנץ שענע קאָמבינאַציעס; כ'האַלט, למשל, אַז דאָס וואָרט „באַיטשיקעל", אין וועלכען ס'האָבען זיך צוגאָסען עלע-מענטען פון דריי שפראַכען, איז אַ לינגוויסטישע מייסטער-שטיק, וואָס קיין שום לשון אין דער וועלט קאָן עס נישט גאַכאַהמען. אָבער מעהרסטענטיילס איז דאָס געווען אַ אַבסורד. ס'האָט מיך דערמאָהנט אָן אַ מודעה, וואָס איך האָב אַמאָל געזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען אין שטעדטעל ניקאָפּאָל, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע—כ'האָב זי אויסגעלערנט אויסווענינ:

„די דוכאָווגע אופּראַוולעניע בעט די פּריכאָזאַנים (!) נישט אַריינגעהן אין בית-התפלה אין קיין ווייסע פּידזאַקעס אין קיין בעלע שליאַפּעס און אין קיין ווישיטע רובאַשקעס. דער פּריכאָזאַנין זאָל זיצען אויף זיין סאַבסטוועננעם פּלאַץ; שטייטש אַז ער האָט נישט קיין אייגענע קרעסלע, זאָל ער זיך אָבדאַטירען צום שמש".

אַ פערדאָרבענע שפּראַך, אָבער אַ ריינע, אַ גרויסע פּאָלקס-נשמה. כ'האָב נישט קיין חרטה אויף די שטונדען, וואָס איך האָב פערבראַכט לייענענדיג יענע בריעף: זיי האָבען מיר געוויזען, אַז דער „שניידער" האָט אַ היים און קאָן לעבען. כ'האָב אין זיי נישט געפונען, וואָס צו צענזורירען—כאָטש אין עטליכע האָט מען שטאַרק געזידעלט דעם „צענזאָר"; און איך וויים אַפּילו נישט, ווער ס'האָט איהם געשאָלטען, ווייל כ'האָב עהרליך אַריינגעלעגט די בריעף אין זייערע קאָנווערטען, אָהן צו קוקען אויפ'ן אַדרעס.

מיר האָבען געוואַרט אויך אויף געסט. אַ פּאָר טעג פּאַר אונ-זער אַוועקפאָהרען פון ענגלאַנד איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם פון ניו-יאָרק, געצייכענט „בריינין — בן-צבי — בן-גוריון", וועלכע האָט

אונז בעקענט מיט׳ן אָנפאַנג פון דער רעקרוטירונגס-קאַמפּיין פאַר אונזער גדוד אין אַמעריקאַ. די גריכישע רעגירונג האָט מיטגעטיילט, אַז זי וועט ערלויבען רעקרוטירען פרייוויליגע פון סאַלאָניקי. פון בוענאָס-איירעס איז געקומען אַ דעפּעשע: „ענגלישע הסכמה ערהאַלטען. — וולאַדימיר הערמאַן". אין מצרים אַליין האָט זיך אויך געעפענט אַ רעקרוטי-רונגס-ביוראָ.

אָבער די שענסטע בשורה איז געקומען פון ארץ-ישראל. ווי באַר דער צוג מיט׳ן באַטאַליאָן איז אַריין אין קאַאירער באַהנהויף, איז צו מיר צוגעלאָפען אַ יונגערמאַן אין כאַקי.

— מיין נאָמען איז אלוני, — האָט ער געזאָגט. — מ׳האָט מיך געשיקט פון תל-אביב, צו בעגריסען דעם לעגיאָן אין נאָמען פון די ארץ-ישראל-וואָלאָנטערען.

און ער האָט מיר דערצעהלט וועגען אַ גרויסער בעוועגונג אין יענעם טייל פון לאַנד, וואָס איז שוין בעפרייט געוואָרען — אין ירושלים, תל-אביב מיט יפו, אין די קאָלאָניעס פון יהודה; און וועגען ידיעות, אַז אַפילו אין צפון-טייל פון ארץ-ישראל, וואָס איז נאָך געווען אין טערקישע הענד — אין זכרון-יעקב און חדרה, אין חיפה, אין די קאָלאָניעס פון גליל התחתון און גליל העליון, איז דאָ אַ גרויסע אויפרעגונג צווישען די יונגעלייט און עטליכע זענען שוין דורכגעקראָכען דורך די טערקישע גרעניץ-פּאַטרולען און געקומען קיין פּתח-תקוה, פרעגענדיג: וואו איז דער גדוד?

איין פריהמאָרגען זאָגט צו מיר פּאַטערסאָן:

— פּאַקט איירע זאַכען: כ׳האָב בעקומען אַ ערלויבניש צו פאָהרען מיט אייך קיין ארץ-ישראל.

די גאַנצע נאַכט אין צוג האָבען מירביידע נישט געשלאָפען. נישט צוליעב מיין אויפרעגונג: צוליעב דעם קאַנאַל׳ס. ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלען, וואָס עס בעדייט פאַר אַ פּראָטעסטאַנט „דורכ-צולעבען" אַזעלכע נעמען, ווי מדבר סיני, עזה, ארץ-ישראל. אַלס אַ קליין קינד פלעגט ער יעדען זונטאָג אָבזיצען אַ שעה ביים פייער, שטילערהייד, בשעת זיין פאָטער האָט געלייענט פאַר דער גאַנצער משפחה אַ סדרה פון ענגלישען תנ״ך. סועץ-קאַנאַל! פאַר מיר איז דאָס אויך אַ גרויסע זאַך, אַ אונגעהויערע אינזשעניערען-לייסטונג.

אָבער פאַר קאָלאָנעל פּאַטערסאָן איז דאָס אַ פּערזענליכע ערינערונג, וואָס דערמאָהנט איהם אי אָן זיין אייגענער היים, אי אָן די שענסטע קינדישע מעשהלעך, וואָס ער האָט געהערט נאָך איידער מ'האָט איהם דערצעהלט די ערשטע לעגענדע וועגען אירלענדישע בערג-גייסטער און מכשפות און דער קעניגין דעירדרע, וואָס צוליעב איהר זענען געשטאָרבען אַזוי פיעל גבורים: פאַר איהם איז דאָס קריעת-ים-סוף, משה רבנו מיט דער לאַנגער באָרד, דעם פּרעה'ס אייזערנע רכבים, עמודים פון פייער און רויך. די לבנה, דאָס מאָרגענרויט, די זון — און אַרום אונז אַלץ דאָס זעלבע, אַלץ מדבר מיט קליינע פלעקען גראָז. אַ ביסעלע מעהר גרינס: עזה, אַ גרויע, פערשטויבטע, פער־וויסטע אַראַבישע שטעדטעל אין מיינע אויגען — אַ זכרון פון שמשון הגבור און פרעהליכע פלשתים פאַר מיין קאָלאָנעל. דאַן ווידעראַמאָל מדבר. און פּלוצלונג אַ נייע וועלט, אַ גריננער וואַלד פון עיקאַליפּטען, און צום סוף וויינגערטען; ווייסע הייזער מיט רויטע דעכער פונ־דערווייטענס — אַנ'אַנדערע וועלט, אַ שטיקעל אייראָפּאַ.

איך הער, אַז דער קאָלאָנעל פרעגט דעם קאָנדוקטאָר — נאַ־טירליך, אַ סאָלדאַט:

— וואָס איז דאָס?

— דוראַן, — זאָגט יענער.

און צום ערשטען מאָל דערפיהל איך אַ טעם פון יענער בע־ציהונג צו אידישער אַרבייט, וואָס איז געוואָרען אַ געזעץ ביי אַלענבי'ס „גענעראַל-שטאַב. „דוראַן"? ס'איז דאָך אונזער קאָלאָניע רחובות; דוראַן הייסט אַ קליינער אַראַבישער דאָרף, וואָס מען מערקט איהם אַפילו נישט. אָבער אַזוי האָט אַלענבי איינגעפיהרט: „פתח תקוה" הייסט ביי איהם „מולעביס", באר יעקב—„ביר סאַלעם". דער איינציגער אויסנאַהם איז ראשון לציון: איהם רופען זיי „ראשון"— וויל דער וויין איז ביי זיי שטאַרק פּאָפּולער און ס'וואָלט זיך נישט געקלעבט אָנצורופען אַ פלאַש קאָניאַק מיט אַ נאָמען, וואָס געהערט צו אַזאַ פּראָהיבישאָן-אומה, ווי די מחמד'אַנער אַראַבער.

אָבגעשטיגען זענען מיר ביי באר יעקב. נישט ווייט פון דער קאָלאָניע, אַרום צוויי גרעסערע הייזער, וואָס האָבען פריהער געהערט צו אַ דייטשען פערמער, איז געווען אַ שטעדטעל פון געלטען און

באַראַקען — „דהי-עיטש-קיו״, די הויפּט-קוואַרטיר פון גענעראַל אַלענבי. דאָ האָבען מיר זיך צוטיילט: דער קאָלאָנעל איז געגאַנגען זעהען זיך מיט׳ן פיהרער פון דער ארץ-ישראל-אַרמעע, איך בין געפאָהרען אויף אַן׳אויטאָמאָביל קיין תל-אביב. דעמזעלבען אָווענד האָבען מיר זיך ווידער געטראָפען אין הויפּט-קוואַרטיר און דערצעהלט איינער דעם אַנדערען אונזערע איינדרוקען. מיינע געדאַנקען זענען געווען פרעהליכע; זיינע — גאָר אַנדערש. ווייל איך האָב בעזוכט דעם כלה׳ס צד — אַן׳אָרעמע כלה, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם חתן און געגלויבט, אַז ער איז אויך אין איהר פערליעבט; פּאַטערסאָן אָבער האָט זיך געזעהען מיט דעם רייכען מחותן...

יפו און תל-אביב האָב איך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אונגעהויערען ענטוזיאַזם. איך זאָג: „יפו און תל-אביב״, היינט זאָגט מען: „תל-אביב און יפו״, אָדער בכלל דערמאָהנט מען יפו גאָרנישט. דאַמאָלס איז תל-אביב געווען אַ שטעדטעל פון דריי טויזענד איינוואוינער; ריכטיגער געזאָגט, אַפילו נישט קיין שטעדטעל, נאָר גלאַט אַ גימנאַזיע מיט עטליכע צעהנדליג הייזער אַרום און אַרום — אַ ריינער, איי-ראָפּעאיזירטער קוואַרטאַל פאַר אינטעליגענטען. די מעהרסטע צאָהל אידען האָבען נאָך געוואוינט אין צוויי טיילען פון יפו — נוה שלום און נוה צדק. נישט ווייט פון שטאָדט האָב איך בעגעגענט אַ אידישען יונגעל אפשר צעהן יאָהר אַלט, וועלכען איך האָב מיטגענומען אין אויטאָמאָביל, ווייל ער האָט מיר פערשפּראָכען צו ווייזען דעם וועג צו מיין אַלטען פריינד בצלאל יפה ז״ל. פאָהרענדיג ווייטער, האָט ער מיר דערצעהלט די לעצטע נייעס: ס׳קומט אויף ענגלישע שיפען אַ אידישע אַרמעע, פירציג טויזענד סאָלדאַטען; בראש פון דער אַרמעע שטעהט דער גענעראַל דזשעמס ראָטשילד, דעם באַראָנ׳ס אַ זוהן. כ׳האָב געהאַט אויף איהם רחמנות און נישט געוואָלט מודה זיין, אַז דערווייל זענען מיר נאָר איין באַטאַליאָן. מיינע פריינד פון תל-אביב האָב איך עס אָבער געמוזט זאָגען, און כאָטש ביי זיי זענען די ערוואַרטונגען נישט געווען אַזוי גרויס, ווי ביים יונגעל, האָב איך דאָך געפיהלט, אַז דאָס איז אַן׳ענטוישונג.

אָבער די הויפּט-זאַך, מיט וועלכער זיי זענען אַזוי פול, אַז אין פערגלייך דערמיט האָט אַפילו אונזער גדוד נישט געשפּיעלט ביי

זיי קיין ראַלע, — דאָס איז געווען זייער אייגענער גדוד, די „התנדבות". דער איניציאַטאָר און אָנפיהרער איז געווען משה סמיליאַנסקי, אַ מענש פון איבער 40 יאָהר, אַ בעקאַנטער העברעאישער בעלעטריסט (האַוואַדזשאַ מוסאַ) און איינער פון די אָנגעזעהענסטע קאָלאָניסטען אין רחובות. תיכף האָט מען נאָך איהם געשיקט, און ער איז געקומען מיט אַ גאַנצער גרופע רחובות'ער אַרבייטער: אַלע מתנדבים. אויך אין יפו און תל-אביב זענען אַלע מתנדבים געווען אַרבייטער, אָדער געוועזענע גימנאַזיסטען, וואָס האָבען זיך געגרייט אַריינצוגעהן אין דער אַרבייטער-בעוועגונג. בעריל קאַצענעלסאָן, דער היינטיגער רעדאַקטאָר פון „דבר"; יבנאלי, וועלכער האָט מיט צעהן יאָהר צוריק געבראַכט קיין וואַרשאָ די ערשטע תימנים; דוב האָז, אליהו גאָלאָמב און פיעל אַנדערע, וואָס פערנעהמען היינט וויכטיגע שטעלען אין „אחדות-העבודה" (דאַמאָלס האָט די פּאַרטיי געהייסען „פּועלי-ציון") — דאָס זענען געווען די פיהרער פון „התנדבות". נאָר דער „הפּועל הצעיר" האָט זיך פערהאַלטען קאַלט צו דער בעוועגונג; אָבער אויך אין זיינע רייהען איז געווען אַ שפּאַלטונג — איינער פון די אָנפיהרער, סוועררדלאָוו, מיט אַ צאָהל חברים האָט זיך אויך פערשריבען צווישען די פריייוויליגע.

„פערשריבען" הייסט דאָס ביי זיך אַליין, ווייל די רעגירונג האָט נאָך נישט געוואָלט זיי אָננעהמען. נאָך אין יאַנואַר האָבען זיי דערלאַנגט זייער פּעטיציע, מיט עטליכע הונדערט אונטערשריפטען, אָבער קיין ענטפער נישט בעקומען. אָבער זיי זענען געווען זיכער, אַז איצט, מיט'ן אָנקומען פון אונזער גדוד, וועט מען זייער פאָדערונג אויך נאָכגעבען.

— וויפיעל זענט איהר?

— פּופצעהן הונדערט בקרוב — אַ דריטעל זענען מיידלעך, וואָס ווילען דיענען אַלס אַ „רויטער מגן-דוד", כאָטש אייניגע פון זיי האָפען, אַז די ענגלענדער וועלען מסכים זיין צו בילדען אַ גדוד פון אַמאַזאָנען...

אין אַ גרויסען הויף פון דער מיידעל-שול האָט מען געמאַכט אַ אימפּראָוויזירטען פּאַראַד פון יפוער מתנדבים. דוב האָז, אַ געוועזענער טערקישער אָפיציר, איז געווען זייער אינסטרוקטאָר. איין

בליק איז געווען גענוג, כדי צו דערזעהען, וואָס פאַר אַן׳אויסגע־צייכענטער מאַטעריאַל דאָס איז — שלאַנק, ריהרעוודיג, מיט אונגע־דולדיגע אויגען, כאָטש די באַקען זייערע האָבען אויסגעזעהען פער־דאַרט פון די לאַנגע יאָהרען טערקישען הונגער.

אָט דאָס איז געווען די בשורה, וואָס איך האָב געקאָנט ברענגען דעם קאָלאָנעל. זיין ערצעהלונג איז אָבער געווען אַ סך מעהר אומעטיג.

גענעראַל אַלענבי האָט אַרויסגעוויזען אַ גרויסע קאַלטקייט אי לגבי דעם לאַנדאָנער גדוד אי לגבי די היגע מתנדבים. פון קי־טשענער׳ן האָט ער בעקומען בירושה אַ שטאַרקע אָבנייגונג געגען „פענסי־באַטאַליאָנען״. געגוי און אַקוראַט, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען אידישע סאָלדאַטען, ווייס איך ביז היינט נישט — פּאַטערסאָן האָט זיך זשענירט דאָס איבערצו׳חזר׳ן פאַר אַ אידען, און אויך אין זיין בוך דערצעהלט ער נישט קיין פרטים. נאָר דאָס איינע האָט ער אונטערגעשטראָכען: נישט אַזוי אַלענבי אַליין איז דער הויפּט־געגנער, ווי זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב, אַ געוויסער גענעראַל לואיס באָלס, וועלכער האָט, מיט צוויי יאָהר שפּעטער, זייענדיג דער הויפּט־אַדמי־ניסטראַטאָר פון ארץ־ישראל, דערלאָזען דעם ערשטען פּאָגראָם אין ירושלים.

אומעטיג שוויגענדיג האָבען מיר ביידע שפּאַצירט הין און צוריק אויפ׳ן שטויביגען וועג צווישען די קאַקטוסען. איצט, אומקו־קענדיג זיך צוריק אויף יענע טעג, זעה איך, אַז דאָס איז געווען אַ נביאות׳דיגע הקדמה צו דעם גאַנצען פּעריאָד פון דער מיליטערישער פערוואַלטונג — אפשר נישט נאָר פון דער מיליטערישער. אויף איין זייט — התלהבות, האָפנונג, אַ בערייטשאַפט צו אַלע קרבנות, אַנ׳-אונגעדולד צו קעמפען און שאַפען; אויף דער אַנדערער — קאַלטע סקעפּטישע אויגען, מיט אַ פערמעדען, פערדאַכט־פולען בליק, אַנ׳אָב־נייגונג געגען אַלצדינג, וואָס איז אונגעוועהנליך, נישט באַנאַל, נישט רוטינע־מעסיג, געגען אַלצדינג, וואָס שמעקט מיט „פענס״ — למשל: ציוניזם...

קאָלאָנעל פּאַטערסאָן איז אָבער נישט פון יענע מענשען, וואָס

בלייבען לאַנג אין געדרוקטער שטימונג. ער האָט פון זיך באַלד אָב־געטרייסעלט זיין אומעט און געזאָגט:

— מאַכט נישט אויס. מיר האָבען שוין געהאַט שווערערע מכשולים אויפ׳ן וועג. ס׳וועט זיך איינאָרדנען. כ׳בין זיכער, אַז דער קאָמאַנדער־אין־טשיעף (הויפּט־קאָמאַנדיר) וועט נאָך ענדערען זיין מיינונג.

פּאַטערסאָן האָט רעכט געהאַט, אפילו צו פיעל רעכט: נישט איין מאָל — צעהן מאָל האָט אַלענבי געענדערט זיינע מיינונגען אי בנוגע דעם לעגיאָן, אי בנוגע דער גאַנצער ציוניסטישער פראַגע. מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָט ער געגעבען אַ הסכמה צו רעקרו־טירען אין ארץ־ישראל, דאַן ווידער פערשלעפּט די זאַך אויף אַ פּאָר חדשים; דאַן פערשפּראָכען צו שאַפען אַ אידישע בריגאַדע מיט פּאַ־טערסאָנ׳ען אַלס גענעראַל; דאַן ווידער זיך אָבגעזאָגט פון זיין הבטחה, כאָטש זי איז געשטאַנען אין אַ בריעף שוואַרץ אויף ווייס...

מערקווירדיג, אָבער אַ בעקאַנטע זאַך: די שטאַרקסטע סאָל־דאַטען זענען אָפט שוואַכע מענשען, וואָס מ׳קאָן אויף זיי ווירקען מיט צופעליגע איינפלוסען. אַלס גענעראַל איז אַלענבי אַ פּנים אַ שטאַרקער סטראַטעג — וועניגסטענס, אַזוי זאָגט מען, און איך בין נישט קיין מבין גענוג צו זאָגען, יאָ אָדער ניין. אָבער מ׳האָט אויך געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען פון איהם אַ שטאַאַטסמאַן. און אין אָט דער ראָלע האָט ער זיך דערוויזען שטאַרק נאָר אַלס אַנ׳ „עגזע־קוטיוו״, ווי מען זאָגט אין אַמעריקאַ, — נאָר אַלס אויספיהרער פון פרעמדע עצות, נישט אַלס דער אמת׳ער דיריגירענדער גייסט. אַ גע־וואַלדיגער „מאַטאָר־קאַר״, וואָס יעדער, וועלכער האָט אַ ביסעל „סקול״ און אַ ביסעל גליק, קאָן אויף איהם זיין אַ רייזענדער. ס׳איז שטענדיג אַ געפעהרליכע זאַך, אָט די קאָמבינאַציע פון אַ מענשען, וואָס צוליעב זיין קאַריערע און זיין אויסזעהען האָט ער אַ פעסטגע־שטעלטע רעפּוטאַציע פון כח און רצון און עקשנות (זיינע לייט אין הויפּט־קוואַרטיר פלעגען איהם רופען „דער שור־הבשן״) — און טיעף אין האַרצען ווייסט ער נישט, וואָס אייגענטליך זאָל ער אַזוי שטאַרק „רוצה״ זיין און מוז דעריבער זוכען עצות־געבער. אַ זעהר געפעהרליכע קאָמבינאַציע: ווייל ביי אַזאַ מענשען קאָנען

האָבען ערפאָלג מעהרסטענס נאָר יענע בעראַטער, וועלכע פּאַסען זיך צו צו דער שור-הבשן-לעגענדע, וועלכע העלפען איהם צו אויסצו-זעהען אַזוי געוואַלדיג און אונגעהויער, ווי זיין רעפּוטאַציע איז — בעראַטער, וואָס רעדען איהם איין, אַז ער מוז זיין געגען יעדער „סענטימענטאַליטעט”, יעדען „ווייכען ניואַנס”. אַלענבי איז וואָהר-שיינליך גאָרנישט קיין אידען-פרעסער, אַפילו נישט קיין אַנטי-ציוניסט — בכלל איז ער נישט קיין מענש, וואָס קאָן האָבען טעאָרעטישע אנ-שויאונגען; אָבער צוליעב אָט דער נטיה זיינער צוצוהערען זיך צו אַזעלכע עצות-געבער, צו האָבען תיכף חרטה אויף יעדען אַקט, וואָס האָט געשמעקט מיט הנחה פאַר עפּיס אַנ' „אידעאַליסטישען הומבוג”, האָט ער געשאַפען אין זיין שטאַב, אין זיין אַרמעע, אין זיין פער-וואַלטונג אַ פערגיפטעטע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע, וואָס קיין ערגערע געדענק איך נישט אין רוסלאַנד אָדער ערגיץ אַנדערש.

אָבער מען האָט זיך יאָ פער'עקשנ'ט צו געבען איהם פונקציעס פון אַ שטאַאַטסמאַן. כ'האָב אַמאָל — פיצל שפּעטער — געפרעגט ביי אַ קלוגען ענגלענדער, וועלכער האָט לאַנג געלעבט אין אויסלאַנד און קאָן דעריבער בעסער אורטיילען איבער זיינע לאַנדסלייט:

— ווי קאָן דאָס זיין? ווייסט מען דען נישט, אַז ער טויג נישט פאַר דער דאָזיגער ראָלע?

האָט ער געענטפערט:

— דאָס ענגלישע פאָלק האָט שטענדיג ליעב געהאַט אַ הויכען, שענעם מאַן מיט נישט צופיעל מוח-גלאַנץ — „ביג, הענסאַם ענד באָט טו בראַיט”.

קאַפּיטעל צעהן.

תיכף נאָך אונזער צוריקקומען קיין העלמיא, האָט דער קאַ־פּיטאַן פּעטערסאָן געגרינדעט אַ „רעקרוטירונג־אָבטיילונג" פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז בעשטאַנען פון אונטער־אָפיצירען, וואָס האָבען גע־קאָנט העברעאיש; בראש פון דער גרופּע האָט ער געשטעלט דעם לייטענאַנט ליפּסי מיט'ן בעפעהל: „אין אַ חודש צייט זאָלט איהר מיר רעדען לשון־קודש".

פּעטערסאָן האָט לאַכענדיג צוגעגעבען, אַז ער אַליין האָט זיך אויסגעלערנט „העברעאיש" אין גאַליפּאָלי. און באמת — די ציון־מיול־קאָרפּוס־לייט פלעגען אָפט ציטירען פּערל פון זיין העברעאיש, למשל: „לשתות את הסוסים", „טרינקען" די פערד! ליפּסי אָבער האָט געהאַט פאַר זיין העברעאיש אַ געננוגענדען באַזיס — ער איז געווען אַ זוהן פון רעליגיעזע עלטערען אין גלאַזגאָ און געקאָנט זיין סידור.

— גאַנץ גענוג,—האָט ערקלערט דער „פּאַדרע", זיין לעהרער,— אַלצדינג, וואָס מ'דאַרף, שטעהט אין שמונה עשרה.

אַ חוץ שמונה עשרה האָט אָבער מר. ליפּסי איצט אויך אויס־געלערנט אונזערע העברעאישע קאָמאַנדאָ־טערמינען, די זעלבע, וואָס מיר האָבען צוזאַמענגעשטעלט נאָך אין „פּלוטאָן זעכצעהן", און זיין רעקרוטירונג־אָבטיילונג האָט לוסטיג אָנגעפאַנגען פאָרצובערייטען זיך צו איהר אויפגאַבע. דער קאָלאָנעל האָט דאָס גאָרנישט געהאַלטען פאַר צו פריה: ער האָט שטאַרק געגלויבט, אַז ביי דעם „ה' צבאות"

האט אַמאָל גענעראַל אַלענבי׳ס שטימונג פּונקט אַזאַ חשיבות, ווי פעלד-מאַרשאַל קיטשענער׳ס, אַלענבי׳ן אויף לענגערע יאָהרען.

און אַזוי איז דאָס געווען. קורץ פאַר פּסח איז צו אונז געקומען דער צווייטער אידישער באַטאַליאָן — מעהר ווי אַ העלפט פון איהם אַמעריקאַנער, מיט קאָלאָנעל מאַרגאָלין בראש. אַ ביסעל שפּעטער איז געקומען די „ציוניסטישע קאָמיסיע״ מיט דר. ווייצמאַן אין דער שפּיץ און מיט קאַפּיטאַן אָרמבסי-גאָר (איצט—אונטער-סעקרעטאַר פון קאָלאָניאַל-מיניסטעריום) אַלס אָפיציעלער פערמיטלער צווישען דער קאָמיסיע און דער הויפּט-קוואַרטיר. צו דער קאָמיסיע האָט געהערט אויך מאַיאָר דזשעמס ראָטשילד, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט געווען אַן אָפיציר אין מאַרגאָלינ׳ס באַטאַליאָן. גענעראַל אַלענבי האָט געמוזט זיך איבערצייגען, אַז די לאָנדאָנער רעגירונג האָט זיך טאַקי פער׳עקשנ׳ט אויף ציוניזם, און דוקא מיט אַ לעגיאָן, און עס וועט נישט העלפען.

אָבער נאָך לאַנג איז די „התנדבות-בעוועגונג״ געבליבען „אונפּאָפּולער״ און אַפילו „געפעהרליך״. גוטע פריינד פון הויפּט-קוואַרטיר האָבען געגעבען דעם ועד-הצירים (אַזוי האָט מען אָנגעהויבען רופען די ציוניסטישע קאָמיסיע) אַ פּראַקטישע עצה: האַלט זיך פון דערווייטענס״...

און ביי אונז האָט מען ליעב „פּראַקטישע״ עצות; מען האָט עס פאַר שטאַאַטסמעניש, אַפילו ווען מען ריזיקירט דערביי צו צושטערען אַ וויכטיגע און נוצליכע זאַך.

ס׳איז געווען אַ טאָג, ווען איך האָב אויף אַ מאָמענט געהאַט מורא, אַז די „פּראַקטיגקייט״ וועט טאַקי שטערען די התנדבות. סמיליאַנסקי האָט צונויפגערופען ביי זיך אין רחובות אַ מאַסען-פערזאַמלונג פון אַלע וואָלאָנטערען. כמעט אַ טויזענד זענען געקומען פון ירושלים, די מעהרסטע צו פוס, ווייל אויף צו פאָהרען מיט דער באַהן האָט מען געדאַרפט אַ מיליטערישען פּאַס, און אויף אַ וואָגען מיט פערד האָבען זיי קיין געלד נישט געהאַט... איך זאָג: אַ וואָגען — ווייל פון אַ אויטאָמאָביל-פערקעהר האָט מען דאַמאָלס נאָך נישט געהערט אין ארץ-ישראל. דעם ערשטען נישט-מיליטערישען מאָטאָר-וואָגען האָט מיט זיך געבראַכט דער ועד-הצירים, און ס׳האָט

אויסגעזעהען, ווי אַ אונגעהויערער לוקסוס. אַלזאָ — צו פוס: און דאָס הייסט צוויי טעג געהען אין דער היץ.

דער ועד המתנדבים האָט איינגעלאַדען די גאַנצע ציוניסטישע קאָמיסיע; קיין איינציגער פון די צירים איז אָבער נישט געקומען. כ'האָב פשוט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון. פאַטערסאָן וואָלט נישט געהאַט מורא צו ערשיינען ביי דער פערזאַמלונג, כאָטש רחובות ליגט צוויי טריט פון הויפט-קוואַרטיר און פון דעם ברוגז'ן גענעראַל באָלס; אָבער פאַטערסאָן איז געווען אין מצרים. אין יאוש בין איך געפאָהרען אין הויפט-קוואַרטיר צו גענעראַל קלעיטאָנ'ען (שפעטער איז ער געווען ציוויל-סעקרעטאַר ד. ה. שעף פון דער רעגירונג אין הערבערט סעמיועלס אַדמיניסטראַציע) און געבעטען ביי איהם צו שיקען קיין רחובות עפעס אַ העכערען אָפיציר, אָדער כאָטש אַ געשריבענע פאָר ווערטער פון ערמונטערונג.

ער האָט געזאָגט:

— כ'קאָן נישט. זאָגט זיי בעל פה, אַז זיי זענען בראַווע יונגעלייט, און אַז איך האָף...

אָט די שוואַכע בשורה איז געווען אַלצדינג, וואָס איך האָב געקאָנט ברענגען דער אסיפה אין רחובות. אָבער איך האָב זיי נישט געקענט: זיי האָבען גאָרנישט געדאַרפט קיין ערמונטערונג, גאַנץ גענוג איז געווען דער אייגענער פייער און בטחון. מיט דונערנדע אָוואַציעס האָבען זיי ווידער פראָקלאַמירט זייער ווילען צו קעמפען פאַר ארץ-ישראל. זיי האָבען אַפילו בעשלאָסען צו מאַרשירען, תיכף ומיד, קיין באר יעקב און פערלאַנגען אַ געשפרעך מיט גענעראַל אַלענבי. איך האָב זיי קוים אָבגערעדט. ס'איז געווען זעהר „פאַרזיכטיג" פון מיין זייט — און ביז היינט האָב איך אויף דעם חרטה. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וואָלט דערנעהנטערט די רעקרוטירונגקאַמפיין אויף עטליכע חדשים.

אָבער דאָך האָט די אסיפה געהאַט אַ ווירקונג אויפ'ן הויפטקוואַרטיר. נעבען דעם בנין, וואו זי איז פאָרגעקומען, איז געשטאַנען דער צעלט פון אַ פערבינדונגס-אָפיציר—אַ קאַפּיטאַן, וועמענס נאָמען איז מיר געבליבען אונבעקאַנט. נאָך דער פערזאַמלונג האָט ער מיך אַריינגערופען.

— וואָס איז דאָס?

— אידישע וואָלאָנטערען. גענעראַל קלעיטאָן האָט מיר איבער־געגעבען פאַר זיי אַ בעגריסונג.

— מאָדנע מענשען, — זאָגט ער־שטופען זיך אין דער אַרמעע, בעזונדערהייד, ווען קיינער צווינגט זיי נישט. ווער האָט אַזעלכעס געהערט — אין פיערטען יאָהר מלחמה? און דערצו נאָך אַזאַ מאַסע. כ׳האָב זיי געזעהען מאַרשירען — אָהן אַ סוף. וויפיעל זענען זיי? צוויי טויזענד, דריי טויזענד?

— הם...—ענטפער איך „פאָרזיכטיג" — כ׳האָב נישט געצעהלט, אָבער אַ סך.

— פיינע יונגעלייט,—זאָגט ער, — און זיי קאָנען יאָ מאַרשירען. איך מוז שיקען אַ בעריכט.

אַלזאָ זענען זיי דאָך „געקומען" צום הויפּט־קוואַרטיר, כאָטש נאָר אויפ׳ן פּאַפּיער.

פון דער „התנדבות" אַליין — וואָס אַפילו געגנער זענען אין דעם מודה, אַז אַן׳עהנליכע בעגייסטערונג האָט דער ישוב נישט פריהער און נישט שפּעטער נישט דורכגעלעבט — האָב איך ליידער געזעהען זעהר וועניג. אין אָנפאַנג יוני איז מיין באַטאַליאָן שוין געווען אויפ׳ן פראָנט, אין די הרי אפרים, אויפ׳ן האַלבען וועג צווישען ירושלים און שכם. מ׳האָט מיך נאָר דעלעגירט אויף צוויי דריי טעג קיין ירושלים, אָבצוהאַלטען אַ פּאָר דרשות, גאַנץ איבעריגע, און דאָרטען האָב איך געזעהען אַ קליין ווינקעל פונ׳ם אונפערגעסליכען חזיון. דאָרט זענען צו מיר געקומען אַלטע און יונגע מאַמעס, ספרדישע און אשכנזישע, בעקלאָגען זיך, אַז די דאָקטוירים־קאָמיסיע האָט אויף זייערע זיהן „געוואָרפען אַ חרפה" — נישט אָנגענומען אין גדוד. „איך טאָר זיך נישט ווייזען אויף דער גאַס פאַר פינסטערער חרפה" — איז געווען זייער לייט־מאָטיוו. אַ קראַנקער איד, וואָס האָט

אויסגעזעהען, ווי מתושלח׳ס אַ זיידע, איז געקומען פּראָטעסטירען, וואָס מ׳האָט איהם נישט געלאָזט אָבנאַרען דעם דאָקטאָר: ער האָט געזאָגט, אַז ער איז 40 יאָהר אַלט — איז אָבער דער דאָקטאָר אַ רשע... וועגען זעכצעהן-יעהריגע יונגלעך איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו רעדען. אָבער איך האָב געהערט, אַז דאָס איז נאָך געווען גאָר־נישט אין פערגלייך מיט דער התלהבות, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין יענער צייט אין יפו און ביי די אַרבייטער אין די קאָלאָניעס.

מאַיאָר ראָטשילד, דער אָנפיהרער פון רעקרוטירונג-קאָמפּיין, האָט מיר געהייסען בעזוכען יפו, פאַר׳ן צוריקקעהרען צו מיין באַטאַליאָן. דאָרט האָב איך ווידער אַמאָל געזעהען מיינע פריינד פון דער אסיפה אין רחובות — אָבער מיט אַ נייעם אויסדרוק אויף׳ן פּנים: סמי־ליאַנסקי, האַז, גאָלאָמב, בערל קאַצענעלסאָן מיט זיינע פּועלי-ציון, סוועדלאָוו מיט זיינע „כופרים-בעיקר" פון צעירי-ציון, יבנאלי מיט זיינע תימנים; דער יונגער ביילים, מענדעל ביילים׳עס אַ זוהן; דער יונגער עוזיאל, זוהן פון יפו׳ער ספרדישען רב, מיט אַ שענער גרופּע פון ספרדים... און צווישען זיי די רעקרוטירונגס-פּאַרטיי, מאַנכע גאָר עלטערע פריינד, די אָנהענגער, וואָס זענען אויסגע־שטאַנען שווערצע, ביטערע יאָהרען פון איינזאַמקייט און ענטוישונג: וואַרשאַווסקי—אַ קאַפּראַל, הערדי פירסט—אַ סאָלדאַט; און די עלטסטע, די ערשטע פון אַלע, די חברה פון גאַבאַרי און ציון-מיול-קאָרפּוס. סערזשאַנט ניסעל ראָזענבערג, די גרים, די גרוזינישע שוויליס און אַרום און אַרום, אויף אַלע גאַלעריען פון בית-ספר לבנות, אַ מענגע פון יפו׳ער ישוב, מענער, פרויען, קינדער, אָנגעטהון אין זייערע אָרימע, בעסטע מלבושים, מיידלעך מיט בלומען אין די האָר, פּיעל מיט ציוניסטישע פּעהנער; ענגלישע אָפיצירען, איטאַליענישע אָפיצירען פון אַ „דעטאַטשעמענט", וואָס איז געשטאַנען אין תל-אביב, אַראַבישע צושויער, אַזוי בעגייסטערט, ווי מיר.

צו אַט די מתנדבים האָב איך גערעדט מוסר, וואָס איז אפשר נישט געווען אַזוי נוצלאָז:

— חברים, וועגען דעם, אַז איהר זענט בראַוו, איז איבריג צו רעדען. דאָס דאַרפט איהר נישט לערנען. אָבער נישט די סכנה איז דאָס שווערסטע, וואָס אַ סאָלדאַט מוז אויסשטעהן. אַ סך שווערער

ווענען צוויי אַנדערע צרות פון אַרמעע-לעבען: לאַנגווײַליקייט און נראַבקייט. די סכנה זעהט מען איינמאָל אין אַ חודש; אָבער צווישען צוויי אַטאַקעס מוז מען זיצען וואָכענלאַנג אין דער טראַנשעע, איבער־חזר'ענדיג פער'מיאוס'טע לאַנגווײַליגע טאָג-פליכטען אָהן זאַלץ און אָהן פעפער—און דערביי ווערט אייך דער סערזשאַנט, אַפילו דער אייגענער, מכבד זיין מיט'ן טיטעל „בלאַדי פולס", אָדער מיט אַ עקוויוואַלענט אויף העברעאיש. דאָס זאָלט איהר אויך קאָנען אויסהאַלטען. נישט דער איז דער בעסטער סאָלדאַט, וואָס קאָן שיסען, דער בעסטער סאָלדאַט איז דער, וואָס קאָן מעהר אויסהאַלטען... און בשעת דער ענגלישער אונטער-אָפיציר זידעלט דיך, מיינט נישט, אַז ער איז גראָב. דער ענגלענדער איז היינט אונזער פאַרטנער און פאַר איהם איז דאָס לעבען אַ שפיעל, פאַר אונז נישט; אָבער אפשר איז זיין פילאָזאָפיע אויך אַ שענע פילאָזאָפיע; ווייל אין אַ שפיעל איז יעדער דורכשניט-מענש אי עהרליכער, אי געדולדיגער ווי אין לעבען. אַ סוחר ווערט אַמאָל אָבגנאַרען אַ קונה—אָבער בשעת ער שפּיעלט „זעקס-און-זעכציג", ווערט ער דאָס האַלטען פאַר אַ שאַנדע, אָבצונאַרען אַ געגנער: ווייל כאָטש אין שפיעל, אויב נישט אין לעבען, וויל יעדערער זיין אַ דזשענטעלמען, און איהר געדענקט, אַז אַלס קינדער פלעגט איהר אַמאָל שפּיעלען מיט אַנדערע קינדער „אויף פּעטש": ווער עס פער־לירט, קריגט אַ פּאַטש. זאָל עמיצער פּרובען געבען אייך אַ פּאַטש נישט אין שפיעל, וואָלט איהר מסתמא איהם געמאַכט פאַר אַ „טויג-ניט" צו מיליטער; אָבער אין שפיעל — האָט איהר איינגעשלונגען דעם פּאַטש און געלאַכט. אָט דאָס איז דעם ענגלענדערס וועלט-אָנשויאונג. אַלצדינג אַ שפיעל, בעזונדערס אַ מלחמה. דער סערזשאַנט זידעלט אייך? ס'איז דאָך נאָר אַ שפיעל-פּאַטש; זיי נישט ברוגז. אַרום דיר איז קויטיג? ס'איז נאָר, ווי אַ שלעכטע קאָרט אין שפיעל; האָב געדולד. קומט אַ קויל, אַ באָמבע? אויך אַ טייל פון שפיעל! בכלל האַלט איך נישט פון זיין פילאָזאָפיע, אָבער אין קריעג איז דאָס דאָס בעסטע—שפּיעלט אייער שפיעל, ווי עהרליכע שפיעלער און האַלט אויס...

פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָב איך זיך געזעהען מיט דר. ווייצמאַן. ער איז געווען בעגייסטערט און האַלב אונצופרידען.

— איהר האָט פולשטענדיג אויסגעקעהרט דאָס לאַנד,—האָט ער געזאָגט צו דזשעמס ראָטשילד'ן,—וואו נעהמט מען איצט אַרבייטער, לעהרער, בעאַמטע?

שפּעטער אָבער, בשעת די מתנדבים האָבען געמוזט אַוועק-פאָהרען אויף זייערע קאַמפּס-איבונגען, האָט ער זיי ביי אַ גרויסען פּאַראַד איבערגעגעבען אַ אידישע פאָהן און געזאָגט, טיעף געריהרט, שענע און ריהרענדע ווערטער; האָט זיי געדאַנקט אין נאָמען פון אידישען פאָלק, פאַר דער קאָלאָסאַלער מאַניפעסטאַציע, וואָס וועט העלפען צו בעפעסטיגען די אידישע רעכט אויף ארץ-ישראל, און האָט זיי גע-וואונשען הצלחה און נצחון. איך האָב דאָס אָבער שוין נישט גע-זעהען און נישט געהערט, נאָר געלעזען אין אַ בריעף אין די טראַנשעען.

אַ טייל פון דער התנדבות-בעוועגונג איז געבליבען אויסגע-שלאָסען פון דער שמחה,—די מיידלעך. וועגען קיין „אמאַזאָנען" איז, נאַטירליך, אונמעגליך געווען צו דענקען, און באמת, וועגען דעם האָבען זיי אַליין ערנסט נישט געטראַכט, אָבער זיי האָבען יאָ גע-האָפט, אַז מען וועט שאַפען אַ „רויטען מגן-דוד".

דאָס איז אויך געקומען, כאָטש אַ סך שפּעטער, און אין אַ גאַנץ קליינער פאָרם. נאָר אַ קליינע גרופּע האָט מען צוגענומען צו מילי-טערישען שפּיטאָל-דיענסט — אפשר דערפאַר, וואָס נאָר יענע האָבען געהאַט די נויטיגע ערפאַהרונג, האָבענדיג געאַרבייט אין פּריוואַטע שפּיטאָלען נאָך אין דער טערקישער צייט, — און אויסצוּלערנען גאַנץ אונערפאַהרענע „שוועסטער" איז געווען צו שפּעט. אָבער אָט די קליינע גרופּע האָט מען אָפיציעל אָנערקענט אַלס דעם אידישען „רויטען-קרייץ", אַ בעזונדערען קאָרפּוס, פערבונדען מיט'ן גדוד. זייער אָפיציעלער נאָמען און זייער אָבצייכנונג איז געווען דער רויטער מגן-דוד. זיי האָבען געדיענט אַלע צוזאַמען אין מיליטער-

שפיטאָל ביי בילא, אויף דער גרעניץ צווישן ארץ-ישראל און מצרים, נישט ווייט פון אַ גרויסן לאַגער, וואו אין די וואָפּענשטילשטאַנד-יאָהרען איז כּמעט שטענדיג געשטאַנען איינער פון די דריי אידישע לעגיאָנען.

ס'זענען געווען גוטע „בּאַרמהערציגע שוועסטער" און בּכלל פיינע, יונגע פרויען. אידען זענען נאָך אויף צעהן פּראָצענט אַ מזרח-פאָלק מיט איינציגע מזרח-פּאָראורטיילען, און דעריבּער האָב איך אַ ביסעל מורא, אַז עטליכע פון מיינע לעזער וועלען אפשר געפינען פאַר נישט נויטיג דעם עפּיזאָד, וואָס איך וועל דאָ דערצעהלען. איך האַלט אָבער נישט פון „מזרח" און זיינע פּאָראורטיילען; איך גלויב, אַז מיר זענען אי די קינדער, אי וויכטיגע מיטשעפער פון דער אייראָפּעאישער קולטור, און איינע פון איהרע מעלות איז צו זיין שטאָלץ מיט'ן ווייבערישען צויבער פון פרויען. כ'געדענק, ווי ביי די ערשטע פערזאַמלונגען פון פעלקער-בונד אין גענף האָט די גאַנצע וועלט-פרעסע געערדט וועגען אַ קלוגען „טריק", וואָס די ענגלישע דעלעגאַציע האָט געמאַכט דערמיט, וואָס דער גאַנצער פולק מאַשי-נענשרייבערינס, וואָס זיי האָבען געבראַכט, איז בעשטאַנען אויס-שליסליך פון ערשטקלאַסיגע שענהייטען. איך קען גוט די ענגלישע פרויען; דער דורכשניט איז גאָרנישט אַזוי שען. אָבער פאַר גענף האָבען זיי געמאַכט אַ ספּעציעלע אויסוואַהל. און גאַנץ גערעכט. דאָס איז אויך אַ טייל פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ.

דער עפּיזאָד איז געווען אין יענעם לאַגער, נעבען דעם שפּיטאָל אין בילא, וואו אונזער רויטער „מגן-דוד" האָט געדיענט. אין וואָפּענ-שטילשטאַנד-צייט האָבען די „אַנזאַקס" (אַזוי האָט מען גערופען די סאָלדאַטען פון אויסטראַליען און ניי-זעלאַנד) ביי זיך איינגעריכטעט אַ פערד-געיעג, און האָבען איינגעלאַדען אונזער באַטאַליאָן. קאָמאַנדיר פּאַטערסאָן האָט מיט זיך געבראַכט צוויי פון די אידישע „שוועסטער". נאָך פיעל אַנדערע דאַמען זענען געקומען צום פעסט, ענגלישע „שוועסטער", מיט דער „מעטראָן" בראש, פיעל פון זיי זעהר עלעגאַנט, אין זייערע אוניפאָרמען, פיעל פון זיי פרויען פון דער בעסטער גע-זעלשאַפט. אָבער אין דער הפסקה, צווישען צוויי טיילען פון

אַ גרופּע שוועסטער פון רויטען מגן־דוד



אַ תפלה אויפ׳ן פרייען פעלד

דעם „גציעג" — האָט זיך תּיכּף געבילדעט אַ קרייז דוקא אַרום אונ־זערע צוויי „שוועסטער": דער „אנזאק" גענעראַל טשייטשאָר, זיין שטאַב, זיינע קאָלאָנעלס און מאַיאָרען און לייטענאַנטען, עפּעס אַ פופציג נפשות, אויב נישט מעהר, האָבען אַוועקגעשטופּט אונז אַלע (אַ חוץ קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, וועלכער האַלט, אַז קיין אירלענדער טאָר מען נישט אַוועקשטופּען פון אַ יונגער דאַמע), און כּמעט די גאַנצע האַלבע שעה פון דער הפסקה האָט מען פערבראַכט אין איין געשפּרעך פון לאַכען און וויץ און קאָמפּלימענטען. ווייל דער ישוב האָט אי שטאַרקע מענער אי שענע פרויען — און דערביי קלוגע, אי די, אי יענע; און אויף ביידע מוזען מיר זיין שטאָלץ.

דאָס איז אָבער געווען שפּעטער, און דאָ רעד איך דערווייל פון די לעצטע חדשים פון דער מלחמה. פרעהליך איז געווען אין ארץ־ישראל אין יענע חדשים. דער ישוב האָט געהאַט איבערגעלעבט שרעק־ליכע יאָהרען. פון זעכציג טויזענד אידען, וואָס מען פלעגט צעהלען אין ירושלים פאַר'ן קריעג, איז געבליבען עטליכע און צוואַנציג. נאָר אַ קליינער טייל האָט געקאָנט עמיגרירען: מעהר ווי פינף און צוואַנציג טויזענד זענען אויסגעשטאָרבען פון הונגער און קרענק. נאָך אין מערץ 1915, פיער מאָנאַטען נאָך דער עראָבערונג פון ירושלים, האָט מען געפונען אין דער הייליגער שטאָדט אַ שרעקליכע אָרימקייט. קינדער האָבען געבעטען ברויט אויף די גאַסען: „גיט מיר נישט קיין געלד, אויב איהר ווילט נישט — קויפט מיר אַ שטיק ברויט" — איך האָב דאָס אַליין געהערט. אידישע קינדער אַלס בעטלער — דאָס איז בכלל געווען אַ נייע זאַך פאַר ירושלים. פאַר'ן קריעג האָט מען אידישע בעטלער געזעהען נאָר ביי דער כותל־מערבי.

אַפילו די חלוקה־אידען האָבען קיינמאָל נישט אויסגעשטרעקט קיין האַנד אויף דער גאַס און זייערע יונגלעך פון אין דער פריה

ביז שפּעט ביינאַכט געהאַלטען אין חדר, זייערע מיידלעך — אין דער היים. אָבער מיט הונגער שפּאַסט מען נישט.

נאָך אַ שווערערע טראַגעדיע, ווי דער הונגער, האָט אויסגעבראָכען אין ישוב אין דעם לעצטען יאָהר פאַר דעם ענגלישען כבוש. „ריגול" רופען זיי דאָס. „ריגול" אין העברעאיש הייסט „שפּיאָנאַזש". אַ שטאַרקער מאַן, אַ גרויסער טאַלענט, גרויס אין זיינע מעלות, גרויס אין זיינע חסרונות, האָט אויפגעבויט, אונטער דער נאָז פון דזשעמאַל-פּאַשאַ און זיינע טערקישע און דייטשע שטאַב-אָפיצירען, אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע צו העלפען די ענגלענדער מיט אינפאָרמאַציע וועגען דעם צושטאַנד אין לאַנד און אין דער טערקישער אַרמעע. ער האָט געשאַפען פערבינדונגען צווישען זיין מרכז אין ארץ-ישראל און די הויפּט-שטאַבען אין מצרים; עטליכע מאָל האָבען ענגלישע ים-שיפלעך געבראַכט זיינע אַגענטען קיין פּאָרט-סאַיד און צוריק. די ענגלענדער זאָגען, אַז אָט-די אָרגאַניזאַציע האָט זיי בעדייטענד געהאָלפען צום נצחון; דער ישוב אָבער, דער גרעסטער און בעסטער טייל זיינער, רעדט פון איהר ביז היינט מיט האַס און עקעל. איך בין נישט קיין שופט אין דעם וכּוח. אָבער צוויי זאַכען ווייס איך: ערשטענס, אַז צווישען די מענשען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין „ריגול", זענען געווען פיגורען פון עפּישער ווילענס-מאַכט, פון ראָמאַנטישער בע-רייטשאַפט צו ריזיקירען, צו אָבגעבען דעם לעצטען קרבן; און איך האָף, אַז ס'וועט זיך נאָך געפינען אַ דיכטער, וואָס וועט בעשריי-בען יענע עפּאָכע, יענע געשטאַלטען מיט זייערע שוואַרצע זינד און זייערע הויכע גבורות, מיט זייער לייכטזין און בראַווקייט ביז צום טויט. און די אַנדערע זאַך, וואָס איך ווייס, איז — דאָס שרעקליכע עלענד, וועלכעס אָט די אונטערנעהמונג האָט געבראַכט דעם גאַנצען ישוב. שרה אַהרנסאָן, וועלכע די טערקען האָבען געפייניגט צוויי טעג דורכאַנאַנד אין זכרון יעקב, געקאַטעוועט מיט אַ מיטעלאַלטערליכער אכזריות, מיט באַמבו-שטעקען, מיט הייסע אייער אונטער די אָרעמס, מיט דער טייוועל ווייס וואָס נאָך, ביז זי האָט זיך דערשאָסען אונטער זייערע אויגען און נישט אָנגערופען קיין איינציגען נאָמען; און די צוויי אָדער דריי יונגעלייט, וואָס מ'האָט אויפגעהאָנגען אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ אין דמשק, — זענען נישט געווען די איינציגע קרבנות.

אַרעסטען און דורכזוכונגען האָבען געבושעוועט אין גאַנצען לאַנד, מדן ועד באר שבע. עס געהען אַרום אין ארץ־ישראל אַ סך מענשען, גאַנץ אונשולדיגע, וואָס אין יענע טעג האָבען די טערקישע „ריכטער" געהייסען ברעכען זיי די פינגער, אויסדרעהען די הענד, שלאָגען שטונדענוויין אויף די פוס-זוילען, כדי אַרויסצורייסען ביי זיי עפּיס אַ וואָרט. ס'איז געווען אַ תקופה פון ביטערען אונמענשליכען טעראָר.

און דאַן פּלוצלונג, דעם 2-טען נאָוועמבער 1917, האָט זיך דערהערט דער ערשטער האַרמאַטען-שאָס פון אַלענבי'ס אַטאַקע אויף עזה, און אין עטליכע וואָכען אַרום איז גאַנץ נגב און גאַנץ יהודה, פון ירושלים ביז פּתח-תקוה און יפו, געוואָרען פריי. און דער ישוב האָט זיך דערוואוסט, אַז דעמזעלבען 2-טען נאָוועמבער האָט די וועלט דערהערט נאָך אַן'אַנדערען האַרמאַטען-דונער, געריכטעט געגען די אַלטע פעסטונג פון גלות, די באַלפור-דעקלאַראַציע, און אַז די „אידישע אַרמעע", וועגען וועלכער זיי האָבען אַזוי לאַנג דערצעהלט אונקלאָרע מעשיות, איז אויפ'ן וועג, זי געהט צו עראָבערן שומרון, דעם גליל, דעם עבר-הירדן... די זון פון גאולה איז אויפגעגאַנגען!

פאַר אייך, וואָס איהר לעבט אין די גרויסע שטעדט, איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַן'איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויפ'ן ישוב. אינגאַנצען זענען געווען אפשר אַ פופציג טויזענד נפשות. ווען אַ גרויסער צייט-גייסט שוועבט פלוצלונג איבער אַ קליינער קהלה, דערזעהט מען וואונדערבאַרע ערשיינונגען. דאָס איז אפשר געווען איינער פון די סודות פון אַלטען אַטהען, אין דעם מערקווירדיגען יאָהרהונדערט, וואָס האָט געזעהען אי פּעריקלעס'ן, אי סאָקראַטעס'ן, אי סאָפאָקלעס'ן, בשעת די גאַנצע פרייע בעפעלקערונג פון דער הויפּט-שטאָדט האָט געצעהלט אַרום דרייסיג טויזענד נפשות. פערשטעהט זיך, איך פערגלייך נישט דעם ישוב מיט אַטהען; אָבער בנוגע צום אידעאַליזם מעג מען רוהיג זאָגען, אַז די גרעסטע שטאָדט האָט נישט פערמאָגט קיין גרעסערע צאָהל פון מענשען, וואָס לעבען פאַר אַ אידעאַל, ווי דער ישוב אין יענע יאָהרען. ס'איז געווען אַן'אויס-וואהל, איך זאָג נישט פון די גרעסטע, אָבער אוודאי פון די ערנס-טעסטע גייסטער, וואָס חבת ציון און הערצל'ס ציוניזם האָבען דעם אידענטום געשאָנקען. כמעט אין יעדען הייזעל אין תל-אביב, אין זכרון-

משה פון ירושלים, אין רחובות, אין ראשון האָט מען געקאָנט גע־פינען מענער, וואָס זייט צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר איז זייער נאָמען געווען עהרליך און כשר און בכבוד׳יג פערפלאָכטען מיט דער גאולה־בעוועגונג. און זיי האָבען געליטען, אויסגעשטאַנען צו־ערשט די ליצנות פון סקעפּטיקער, דאַן מאַטעריעלע, גייסטיגע אָרימ־קייט פון אַ ווילדען לאַנד, דאַן די שרעקען פון מלחמה־צייט אונטער אַ טערקישער ממשלה. און צו זיי, גראַד צו זיי, איז געקומען דער הויפּט־שטראַהל פון תחיה; פאַר זייערע אויגען שפּיעלט זיך אָב דער לעצטער אַקט פון דער אידישער טראַגעדיע; אין זייערע הייזער וואוינען די ענגלישע גענעראַלען, און זייערע זיהן געהען זיך שלאָ־גען אויף די הרי אפרים, אויפ׳ן ירדן. כ׳ווייס נישט, צי ס׳איז דאָ אין דער וועלט־געשיכטע אַנ׳אַנדער ביישפּיעל, וואו ס׳האָבען זיך פערפלאָכטען אין אַזאַ אונגלויבליכער מאָס אַזאַ שטיק אַלטערטום, אַזעלכע זכרונות פון גלאַנץ, אַזאַ טיעפקייט פון עלענד און צער, און אַזאַ שוואונג פון האָפנונגען. אפשר נאָר איין מאָל, מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק, אין די טעג פון גריכענלאַנד׳ס בעפרייאונג; און אפשר אויך דאַמאָלס נישט. אַ פרעהליכע, אויפגערעגטע כלה׳ס צד איז דאָס גע־ווען ביי דעם קליינינקען אידישען ישוב.

און פאַרט איז דאָס געווען אַ קליינער ישוב, וואו יעדער איז בעקאַנט מיט יעדען, און יעדע גרינגסטע פּאַסירונג ווערט פערגרע־סערט ביז צו אַ געשעהעניש. די פראַגע פון איינאָרדנען דירות פאַר די צעהן מיטגלידער פון ועד הצירים האָט בעשעפטיגט די גאַנצע „אויבערשיכט״ פון ירושלים און תל־אביב. אויף דעם אויטאָמאָביל פון ועד־הצירים איז מען געלאָפען קוקען מיילענווייז, פון עקרון, און גדרה, און ארטוף. יגאל, אַ יונגער אַרבייטער, האָט זיך דורכגעריסען דורך די טערקישע ליניען, געבראַכט אַ גרוס. פון חיפה און דעם גליל, ידיעות וועגען דיזענהאָפ׳ען און משה גליקינ׳ען און אחד־העם׳ס טאָכטער — אויפרעגונג ביי די אַרבייטער, וואָס זענען נישט געגאַנ־גען אין גדוד, אויפרעגונג ביי די אַרבייטער, וואָס לערנען זיך שיסען ביי תל־אל־קעביר אין מצרים, אויפרעגונג אין די בירגערליכע הייזער פון ירושלים און יפו און אין יעדער קאָלאָניע. און דאַן קומט די ערשטע „הדסה״, ד״ר רובינאָוו מיט דרייסיג דאָקטוירים און „שוועס־

טער״, מיט פעק אפטייקען־מאטעריאל, מיט א קאנוואי פון אמעריקא, א הילף און א שמחה אויף היינט, א הבטחה פון מיליא־נען און מיליארדען פאר קנין הארץ אויף מארגען.

אויך פון דער אנדערער זייט פלעגען זיי איבערטרייבען: געזעהען „סכנות״ אין יעדען שאטען — דוקא נישט דארטען, וואו די אמת׳ע געפאהר איז געלעגען. אידישע מיידלעך געהען שפאצירען מיט אויסטראלישע סאלדאטען — א סכנה פאר מאראל! ארעמעלייט האבען געעפענט טיי־הייזער און פערקויפען „קעיקס״ צו ענגלענ־דער, — א געפאהר, אז דער ישוב וועט חלילה פערוואנדעלט ווערען אין א צבור פון האטעל־ און רעסטאראן־משרתים פאר טוריסטען. „מיר ווילען נישט שאפען קיין צווייטע שווייץ״! אין דער „איבערשטער שיכטע״ האט מען בעהאלטען די דייטשע און פראנצויזישע ביכער, וואס זענען איבערגעבליבען פון דער טערקישער צייט, און מ׳לערנט זיך שוין זאגען „אל־רייט״ און „האו־דו־יו־דו״ — ענגלישע אסימילא־ציע! אביסעלע צו פוריטאניש זענען זיי געווען, אבער דאס שאדט נישט אין אנפאנג.

ס׳האט אויך נישט געשאדט צו דער אלגעמיינער אטמאספערע פון שמחה, פון ווארטען אויפ׳ן חתן. כ׳האב געשעפט פון זייער לופט נאר פון צייט צו צייט, אין קורצע דורכלויפענדע בעזוכען צווישען מצרים און דער הויפט־קווארטיר פון באטאליאן; אבער אין מיין לעבען האב איך זיך נישט אזוי אנגעזאפט מיט ריינער, הויכער, קינדערישער פרייד.

... אין אקטאבער, בשעת מיר זענען געקומען צוריק פון עבר הירדן, נאכ׳ן זיעג פון די פערבינדעטע אויף אלע פראנטען, איז שוין די שטימונג געווען גאנץ אנדערש.

קאַפּיטעל עלף.

די אייגענטליכע מיליטער-געשיכטע פון אונזערע באַטאַליאָנען צופאַלט זיך אויף דריי חלקים: די זומער-חדשים אויפ'ן פראָנט פון שכם, די גרויסע אָפענסיווע אין עמק-הירדן, און דער וואָפענ-שטילשטאַנד.

דער ערשטער פעריאָד איז געווען אַ פערהעלטניסמעסיג שטילער. נאָכ'ן שווערען קאַמף פון לעצטען ווינטער, וועלכער האָט באַפרייט פון דער טערקישער הערשאַפט דעם דרום פון לאַנד, האָבען ביידע צדדים בעשלאָסען אָבצורוהען. בפרט די טערקען האָבען זיך אָבגע-זאָגט פון יעדער איניציאַטיווע; אויב מ'האָט אין יענע חדשים חוץ ס'איז געהערט וועגען אַ קלענערען צוזאַמענשטויס, זענען דאָס שטענדיג געווען נאָר ענגלישע לאָקאַלע אָנפאַלען, און דערצו זעהר זעלטענע.

פיעל פון מיינע יונגערע לעזער האָבען מסתמא אַליין בעזעהען דעם קריעג, אָבער אפשר נישט אַלע זענען בעקאַנט מיט דער מאָ-דערנער מלחמה אין אַ באַרג-געגענד. אונזער פראָנט איז געווען, ווי געזאָגט, אויפ'ן האַלבען וועג אין אַ גראַדער ליניע צווישען ירושלים און שכם. בשעת איהר פאָהרט מיט'ן אויטאָמאָביל פון ירושלים קיין שכם, קומט איהר צוערשט אין דאָרף „על-בידע" — דאָס איז די אַלטע „בארות בנימין" (שמואל ב', ד', וכו), דאַן אין „עין סיניא", וואָס אין דברי-הימים ב' הייסט זי ישנה (י"ג, כ"ט). באַלד נאָכדעם מוז מען זיך נעהמען לינקס פון וועג, צום ענגען טאָל, וואָס הייסט ביי די אַראַבער „וואדי-על-דזיב". דאָ, צווישען צוויי פּוסטע אַראַבישע דערפער, אַבוען אויף דער לינקער זייט און דזשילדזשיליה

איינער פון די פיעלע מקומות, וואָס אין תנ״ך הייסען זיי „גלגל״, אויף דער רעכטער, איז געווען אונזער ערשטער פראָנט. שטעלט זיך פאָר אַ לאַנגען באַרג, אפשר ביז 2500 פוס הויך, וואָס לויפט ווי אַ קייט פון מערב צו מזרח. צו צפון־זייט פונ׳ם באַרג ציהט זיך אַ טיעפער טאָל, און איבער׳ן טאָל — אַ צווייטע, פּאַראַלעלע קייט פון בערג, נאָך העכער ווי די ערשטע. אויף דער ערשטער איז געווען אונזער לאַגער, אויף דער צווייטער — דער לאַגער פון די טערקען. דער מרחק פון איין שפּיץ באַרג צום צווייטען איז אַנ׳ערך צוויי מייל. זעהען דעם שונא׳ס געצעלטען קאָן מען אפילו נישט דורך אַ בינאָקל, ווייל זיי שטעהען נישט אויפ׳ן שפּיץ באַרג, נאָר אַ צוויי הונדערט פוס נידעריגער, אויף דער אַנדערער זייט באַרג. ביי טאָג איז פערבאָטען געווען אַרומצוגעהן אויפ׳ן שפּיץ באַרג; די וואַך איז געזעסען פערבאָרגען אין שטיינערנע בעאָבאַכטונגס־פּונקטען. ביינאַכט פלעגט מען אַרויסשיקען אַ שטאַרקערע וואַך אויף יענער זייט באַרג, וואָס איז געווען געווענדעט צום שונא; די וואַך פלעגט געשטעלט ווערען הינטער נידעריגע שטיינערנע צוימען, וואָס מ׳רופט זיי מיט אַ הינדוסטאַנישען נאָמען — „סאַנגאַרס״; אַ חוץ דעם פלעגט יעדע נאַכט געהן אַ פּאַטרול סאָלדאַטען אַראָב אין טאָל און בלייבען דאָרטען אַזוי לאַנג ווי ס׳איז געווען פינסטער, צו וואָרענען אונז אין פאַל פון אַ טערקישער אַטאַקע.

אַ רוהיגע צייט איז דאָס געווען; זעהר גוט צום איינגעוועהנען פרישע סאָלדאַטען צו דער קריעגס־אַטמאָספערע. יעדען אינדערפריה פלעגען די טערקען אונז מכבד זיין מיט אַ האַלבער שעה באָמבאַרדירונג; אָבער ערשטענס האָבען זיי שטענדיג געשאָסען ווייט אויף רעכטס פון אונזער מחנה, און פיעל העכער, אויף אַ איינזאַמען באַרג, וואו ס׳זענען בכלל נישט געווען קיין מענשען; און צווייטענס האָבען אַ דריטעל פון זייערע באָמבעס נישט געוואָלט פּלאַצען. נאָר דריי אָדער פיער מאָל האָבען זיי ווירקליך געשאָסען אויף אונזער פּאָזיציע, איינמאָל זאָגאַר שפּעט ביינאַכט; אָבער קיין שאָדען האָט דאָס אונז נישט געקאָנט ברענגען. די בערג אין יענער געגענד פאַלען נישט גלייך ווי אַ ברעט, נאָר אין טעראַסען, ווי אַ טרעפּ; יעדע טעראַסע איז ברייט, לאָמיר זאָגען, ווי אַ טראָטואַר אויף דער איסט־

בראָדוויי אין ניו־יאָרק, און דער באַרג־אַרויף איבער איהר הויבט זיך אויף שטייף און הויך ווי אַ צוויי־ אָדער דריי־שטאָקיג הויז. אַמאָל וועלען מיר אפשר אויסנוצען די דאָזיגע טעראַסען פאַר פלאַנצונגען; דערווייל האָבען מיר זיי אויסגענוצט אַנדערש. די צעלטען אונזערע זענען געשטאַנען געדיכט אונטער׳ן באַרג־אַרויף; אַזוי ווי אַ באָמבע קאָן נישט פאַלען גלייך פון אויבען אַראָב, נאָר מוז שטענדיג געהן אין אַ קרומער ליניע, האָט אונז דאָס טערקישע פייער ווייניג געאַרט. מסתמא האָט זיי אונזער פייער אויך נישט געאַרט; אָבער די ענגלישע אַרטילעריע האָט זעהר זעלטען געשאָסען.

דעם קריעג אויף אונזער פראָנט רעכענט מען היינט צו דער קאַטעגאָריע פון „קליין־קריעג״. קיין מאָדערנע וויסענשאַפטליכע טייוועל־קונצען האָט מען ביי אונז כמעט נישט געקענט. נאָר זעלטען האָבען מיר געזעהען אַ „דועל״ פון עראָפּלאַנען, ווען ביידע דרעהען זיך אין דער לופט אַרום איין צענטער, ווי צוויי וואַגענס אָדער פערדלעך פון אַ קאַרוזעלע, קראַקענדיג מיט זייערע מאַשין־געוועהרען און בעדעקענדיג דעם הימעל מיט ווייסע פלעקעלעך, ווי פון שעפּסענוואָל. וועגען גאַז האָט מען אויך נישט געהערט. אמת, אינמיטען יולי האָט מען ביי אונז פּלוצלונג איינגעפיהרט „גאַז־איבונגען״, געצוואונגען אַלע אַרומצוגעהן אַ גאַנצען טאָג מיט שווערע אַנטי־גאַז־קאַסטענס אויפ׳ן בויך און איבער׳חזר׳ן יעדען פריהמאָרגען די חכמה פון אָנטהון אַ גאַז־מאַסקע אין משך פון דער צייט, וואָס מ׳קאָן אָבצעהלען ביז זעקס. און מ׳האָט אונז געזאָגט, אַז דאָס איז צוליעב דעם, וואָס דער נאַכריכטען־דיענסט האָט זיך דערוואוסט, אַז די טערקען האָבען אָנגעפאַנגען גאַז־איבונגען. שפּעטער אָבער האָבען מיר געפרעגט ביי געפאַנגענע טערקישע אָפיצירען, וואָס עס איז די סבה פון זייערע גאַז־איבונגען, האָבען זיי געענטפערט:

— ווייל אונזער נאַכריכטען־דיענסט האָט בעריכטעט, אַז מען מאַכט גאַז־איבונגען ביי די ענגלענדער...

געפעהרליך אין יענע חדשים זענען געווען נאָר צוויי זאַכען: געהן אויף נאַכט־פּאַטרול און אָבזיצען אַ וואָך אין דאָרף אבו־עין.

אויף נאַכט־פּאַטרול פלעגט מען אַרויסשיקען אַכט ביז צוועלף סאָלדאַטען מיט אַ לייטענאַנט בראש. זיי האָבען געמוזט איינוויקלען

די שווערע מיליטערישע שיך אין דיקע שמאַטעס, כדי צו מאַכן וואָס ווייניקער ליאַרם, און מיט אַנדערע שמאַטעס האָט מען ווידער בעדעקט די נאַקעטע קניע, ווייל אין זומער האָבן מיר אַלע געטראָגן קורצינקע הויזן, ווי קליינע יונגלעך, און די בערג זענען געווען בעדעקט מיט אַ שפּע פון שטעכעדיגע געוויקסן. עטליכע שעה פאַר׳ן אַרויסגעהן פלעגט דער אָפיציר בעקומען אַ פער׳חתמ׳עטען קאָנווערט פון דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדאָ, מיט אַ גענויער בעשרייבונג פון דעם וועג, וואָס דער פּאַטרול מוז היינט ביינאַכט דורכמאַכן. אָפט איז דאָס געווען נישט נאָר אַ שפּאַציר-גאַנג אין טאָל גופא, נאָר אויך אַ קלעטערניש אויפ׳ן שונא׳ס באַרג—אַמאָל ביז צוויי־הונדערט פוס אונטער דעם אָרט, וואו אויף אונזער קאַרטע איז געווען געצייכנט מיט רויטען טינט זיין וואַך-פּאָסטען. ס׳איז געווען נישט קיין לייכטער דיענסט. קודם-כל האָט מען געמוזט קלעטערן אין דער פינסטערניש באַרג-אַראָב, מעהר ווי אַ טויזענד פוס איבער שטיינער און שטעכעדיגען גראָז, מיט די ביקסען אין די הענד, און דערצו נאָך אָהן רעש. דאָס אַליין האָט געדויערט אַ גוטע שעה. דאַן האָט מען געמוזט אַרומקריכען אַ מייל אויף רעכטס און אַ מייל אויף לינקס אין טאָל, בעהאַלטענדיג זיך אונטער די בוימער און שושקענדיג זיך מיט׳ן סערזשאַנט, צי יענער פלעק איז אַ טערקישער פּאַטרול-מאַן אָדער פּשוט אַ קאַקטוס. דאַן פלעגט קומען דער שווערסטער טייל: דאָס קריכען אויפ׳ן טערקישען באַרג, זוכענדיג דעם וועג מיט׳ן קאָמפּאַס און לויט אַזעלכע סימנים פונ׳ם נאַכריכטען-דיענסט, ווי: „לינקס פון אַ צושפּאָלטענעם פייגענבוים״, אָדער „צעהן שריט רעכטס פון אַ קאַלוזשע בלאָטע״. צום סוף אָבער דערלאַנגט מען צו „אַ שטיין, פופצעהן פוס הויך, וואָס, קוקענדיג פון צפון-זייט, זעהט ער אויס ווי אַ קאָפּ פון אַ היפּאָפּאָטאַם״! אָבער ווער האָט געזעהן אַ היפּאָפּאָטאַם, און נאָך אַזוי נאָהענט, אַז מ׳זאָל דערקענען זיין פּראָפיל אין אַ פינסטערער נאַכט? דאָ רוהט מען זיך אָב, און מ׳טיילט די סאָלדאַטען שטיקלעך שאָקאָלאַד. און דאַן — צוריק, נאָכאַמאָל צוויי שעה קריכען און קלעטערן, בשעת מ׳איז שוין מיעד. דאָס איז אפשר דער ערגסטער מאָמענט. מ׳איז צו נאָהענט צום שונא — און מ׳קאָן נישט העלפען, שטיינער שיטען זיך פון אונטער די פיס. פלוצלונג

דערהערט מען אַ שאָס און דעם טראַסק פון אַ קויל ערגיץ-וואו, נישט ווייט פון אייער לעצטען סאָלדאַט (ווייל מ'געהט ווי די גענז, איינער נאָכ'ן אַנדערען; קויט'ן געזעץ מוז דער אָפיציר זיין אין דער מיט, אָבער דער שיק פערלאַנגט, אַז ער זאָל נעהן דער ערשטער, און שיק איז שטאַרקער ווי געזעץ). איהר „שרייט" שטילערהייד: „דאָון" (אַנידערפאַלען), און דער גאַנצער פאַטרול ליגעט שוין אויף דער ערד. און איהר זעהט, ווי עס שפּרינגט אין דער לופט, דרייהונדערט שריט פון אייער אָרט, אַ קליין פינטעלע פייער, און אויבען ווערט עס פערוואַנדעלט אין אַ ראַקעטע, וואָס בעגיסט מיט רויטען ליכט אַ גאַנצען שטח פון טאָל, מיט וואַלד און אַ טרוקענעם פלוס-בעט און פעלזען און תהומות. דאָס איז גאַנץ שען, ווען נאָר דער קאָפּ וואָלט געווען דערביי. דאָס האָט דער טערקישער געגען-פאַטרול אויסגעשאָסען. דאַן אָבער נעהמט זיך אָן פאַר אייער קריוודע אייער איינענער באַטאַליאָן: פון אבועין, פון דזשילדזשיליה, פון די „סאַנגארס" אויבען-אָן ברעכט אויס אַ ווילדער קאָנצערט פון ביקסען, און אַ מינוט שפּעטער טרעט אַריין אין וכוח, ערגיץ-וואו פון דערווייטענס, די ענגלישע אַרטילעריע. ווי אַן'אייזענבאַהן-צוג, וואָס מ'זעהט איהם בײנאַכט אין די שווייצאַרישע בערג, פאָהרט מאַיעסטעטיש דורך דעם הימעל איבער אייערע קעפּ אַ פייערדיגער קאָמעט, און נאָך איינער מיט אַ דונערנדיגען געררויש, און פלאַצט אויף דעם טערקישען באַרג. אַלץ צוליעב אייך! מ'וואָלט זיך געפיהלט זעהר שטאָלץ — ווען דער קאָפּ וואָלט געווען דערביי. דער טאַראַראַם דויערט אַ האַלבע שעה; דאַן ווערט ווידער שטיל, און מ'קריכט ווייטער, ביז מען דערקלעטערט צום לאַגער, וואו עס זידט פאַר אייך אַ קעסעל הייסע, זיסע טיי — אַ מחיה.

דער צווייטער סכנה-פּלאַץ איז געווען אבועין. דאָס דאַרף געהערט צו אונזער פראָנט, ווייל עס געהערט נישט צו די טערקען. אָבער ליגען ליגט עס אין „נאָ-מענס-לאַנד". (אין דעם שטח, וואָס געהערט צו קיינעם נישט). בעת איהר געהט אַראָב פון אונזער באַרג אין דער ריכטונג פון דער טערקישער זייט, טרעפט איהר, דרייהונדערט פוס נידעריגער, אַ מין אויסוואוקס פון דעם זעלבען באַרג, אַ געוואַלדיגע „טעראַסע", אָדער אַ אונגעהויערען „טיש", און אויף

יענעם טיש האָבען זיך די אַראַבער געבויט אַ דאָרף פון בערך פופציג הייזלעך. „אבועין" הייסט אויף אַראַביש „צוויי טאַטעס"; נישט אין תנ"ך און נישט אין תלמוד, גלויב איך, ווערט דאָס אָרט נישט דערמאָהנט. ס'מוז אָבער האָבען געווען נישט קיין אָרעם דאָרף, ווען מ'אורטיילט לויט די חורבות, וואָס זענען פון איהם געבליבען. יעדע וואָך שיקען מיר קיין אבועין אַנ'אַנדערען פלוטאָן, וועלכער מוז דאָרטען אָבזיצען זיינע זיבען טעג. בייטאָג קאָן מען, פערשטעהט זיך, נישט אַרומגעהן צווישען דעם דאָרף און דעם לאַגער פונ'ם באַטאַליאָן: מ'וועט אייך דערזעהען פון די טערקישע פּאָזיציעס. מ'געהט נאָר ביינאַכט. בווישען דעם אָבסערוואַציאָנס-פונקט אין אבועין און דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדאַ לויפט אָבער אַ פעלד-טעלעפאָן, וואָס פון יעדע צעהן ווערטער קאָנט איהר אויף איהם דערהערען אפשר צוויי — און אפשר דאָס אויך נישט. דורך אָט-דעם שטיקעל ציווילי-זאַציע קאָנט איהר „בעשטעלען" פון באַטאַליאָן אַלצדינג, וואָס איהר דאַרפט—שוועבעלעך, טאַבאַק, כיניך, באַנדאַזשען, אַמוניציע, אַ בריעף, אויב ס'איז דאָ; און ביינאַכט קומט צו אייך אַ „פּאַרטיע" סאָלדאַטען מיט זעקס קליינע אייזלען און ברענגט אייך, וואָס איהר דאַרפט און וואָס איהר דאַרפט נישט.

ביי מיר אין דער היים זענען דאָ עטליכע בריעף, וואָס איך האָב געשריבען פון אבועין; איך איבערזעץ אייניגע פראַגמענטען פון די דאָזיגע בריעף:

„... יעדער מענש האָט אין זיין יוגענד צוויי חלומות: ערשטענס, צו זיין אַ מלך אָדער כאָטש אַ גובערנאַטאָר; צווייטענס, צו דער-זעהען אַמאָל, ווי ס'זעהט אויס — פון אינעווייניג — אַ מחמד'אַנישער הארעם. ביי מיר זענעןביידע חלומות מקוים געוואָרען. אויף זיבען טעג בין איך דער גובערנאַטאָר פון אבועין, קאָן בעפעהלען וואָס איך וויל, קאָן צושטערען דאָס גאַנצע דאָרף, אויב איך וויל (דאָס הייסט, אויב איך בין גרייט צו האָבען אַ געריכטס-אורטייל אויפ'ן אַכטען טאָג), און איך לעב אין אַ הארעם, אַנ'אמתן הארעם מיט געדיכטע הילצערנע קראַטען אין יעדען פענסטער. ס'פערשטערט אַביסעלע די שמחה דער פאַקט, וואָס די דאַמען פון הארעם געפינען זיך ערגיץ אַנדערש, און וואָס בכלל בעשטעהט די בעפעלקערונג פון

מיין סאטראפיע נאָר פון מיין פלוטאָן; אָבער פּאָרט איז עס אַ איבּ־טערעסאַנטע ערפאַהרונג״.

„... באמת לעבען מיר דאָ נאָר ביינאַכט. אַזוי ווי עס ווערט נאָר פינסטער, צושטעלען מיר די וואך אין דריי פערשידענע פונקטען, וואָס קוקען איבער׳ן גאַנצען טאָל; און נאָך אַ פערטעל שעה מוז מען אָנזאָגען דער פייערדיגען קארפּאראל סאלאמאָן, דעם שעף פון וואך־פּאָסטען נומער 2, אַז איידער ער הויבט אָן שיסען, זאָל ער זיך פערזיכערען, צי ער שיסט אויפ׳ן טערק אָדער אויף אונזער אייגענעם פּאַטרול, וואָס קומט צוריק אין לאַגער אַריין. דאַן הויבט זיך אָן די קאָנסטרוקטיווע טעטיגקייט. דער קאָלאָנעל האָט געהייסען פעררייכטען די „באַרבעד־וואָיר״, וואו די טערקישע באָמבעס האָבען זי צעריסען, און העכער מאַכען אַ וואַנד, הינטער וועלכער מ׳מוז זיך בעהאַלטען בייטאָג, בשעת מ׳געהט איבערבייטען דעם טעלעפאָניסט, וואָס זיצט אין דעם אָבסערוואַציאָנס־פּונקט: די וואַנד איז צו נידעריג, און דער קאָלאָנעל האָט מורא, אַז דער ווייטער טערקישער קוק וועט דערקענען אַ געל היטעל צווישען געלע שטיינער, אויף אַ מרחק פון צוויי מייל ווייט. אַלזאָ נעהם איך יענע סאָלדאַטען, וואָס זענען פריי פון דער וואך — און פון מאַ־לאַריע — און צוזאַמען זענען מיר מקיים די מצוה פון בנין־הארץ״.

„... הידד! מיר האָבען בעזיעגט די מאַלאַריע. בשעת איך האָב אייך געשריבען, אַז קיין בעפעלקערונג איז אין מיין קעניגרייך נישטאָ, האָב איך געמיינט נאָר מענשען. אָבער אַנ׳אַנדער מין איינוואוינער פון אבוען זענען יאָ געבליבען — מיליאָנען איינוואוינער! אין מיין לעבען האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַזוי פיעל מאָסקיטען. נאָך פּאָר זון־אונטערגאַנג פערבינדען מיר זיך די נאַקעטע קניע און שמירען אַריין עפּעס אַ פעטע רפואה אין די הענד און אין פנים און האלז; אָבער די חיות שמעקט אונזער שמירעכץ ממש ווי איינגעמאַכטס, און זיי בייסען מיט אַזאַ בעגייס־טערונג, אַז מ׳ווערט מיעד זיך צו קראַצען. דער רעזולטאַט: דעם ערשטען אין דער פריה — צוויי סאָלדאַטען אַוועק מיט מאַלאַריע. כ׳האָב אָבגעהאַלטען אַ קריעגס־ראַט מיט מיין סערזשאַנט פיינמאַן (ער לעבט אויך אין מיין הארעם), און מיר האָבען בעשלאָסען צו

צוואַקואירען פון דאָרף זיין פליגעלדיגע בעפעלקערונג אויך. דעם סאָלדאַט פון אָבסערוואַציאָנס-פונקט האָב איך אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל בעשטעלען אין דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדאָ צוויי גרויסע פעסער נאַפט; און דעם קאָרפּאָראַל סטוקאַלין — איינער פון די פיינסטע גרים — און קאָרפּאָראַל איזראַעל, וועלכער איז ווידער מיט אונז, נאָכ'ן אָבזיצען צוויי וואָכען אין תפיסה פאַר אַ פּאַטשעריי מיט דער מיליטער-פּאָליציע אין דער קאַנטינע, — דיביידע האָב איך געהייסען אַרומקריכען דעם גאַנצען טאָג פון הויז צו הויז און פון לאָך צו לאָך, ביז זיי וועלען געפינען און רעגיסטרירען אַלע נאַסע פלעצער, וואו ס'קאָנען זיין נעסטען פון מאָסקיטען. ביי מיין גאַנצען רעספּעקט צו אונזערע „שניידער", פון וועלכע איך האַלט זעהר שטאַרק, איז דאָס אַ שטיק פעראַנטוואָרטליכע אַרבייט, ביי וועלכער איך קאָן זיך פערלאָזען נאָר אויף די „ציון-מיול-קאָרפּוס-באַיס". שפּעט אין אָווענד זענען זיי געקומען צוריק פון דער עקספּעדיציע, שטויביג און קויטיג ביז אין די אויגען פון קריכען אויף דער ערד (געזהן טאָר מען דאָך נישט בייטאָג); אָבער זיי האָבען אונז געבראַכט דריי אַדרעסען פון מאָסקיטען-הויפּט-קוואַרטירען — אַ ברונען, אַ נאַסע הייל און אַ צוּשטערטע באָד. שפּעטער ביינאַכט האָבען די געבענשטע פינף באַטאַליאָנען-אייזלען געבראַכט דעם נאַפט — דורך אַ גאָט'ס נס איז עס דעם טעלעפאָניסט געלונגען, אַז מ'זאָל איהם ריכטיג פערשטעהן אויף יענער זייט באַרג. און מיט גרויס צערעמאָניע זענען מיר געגאַנגען פער'סמ'ען מיט נאַפט די פּאָזיציעס פונ'ם שונא. ער האָט געמאַכט אַ שרעקליכע קאָנטר-אַטאַקע — איך בין נאָך ביז היינט גאַנץ צוביסען, און ס'איז שוין דריי טעג פערביי. אָבער היינט ביינאַכט איז שוין נישטאָ אין אבועין מעהר ווי אַ קאַרגער פלוטאָן פון איינזאַמע, אומעטיגע מאָסקיטען, וואָס פליהען אַרום אָהן געזאַנג און האָבען אַליין נישט קיין אַפּעטיט נישט בלויז צו אונזער בלוט, נאָר אַפילו נישט צו יענעם שמירעכץ..."

„... און פון די „שניידער" אונזערע האַלט איך יעדען טאָג מעהר און מעהר. איין עפּיזאָד מוז איך אייך דערצעהלען. נעכטען איז געווען אַ גרויסער טאָג. קאָלאָניסטען פון ראשון האָבען אונז געשיקט אַ מתנה, וואָס גאַנצע צוויי אייזלען האָבען זי געדאַרפט

שלעפּען ווײַנטרויבען, פײַגען, שטרודעל מיט טײַטלען-טײַג... כ׳האָב אַ חשד, אַז ווײַן איז דערבײַ אויך געווען — אָבער דער אידישער עלעמענט אין דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדאָ מוז האָבען בעשלאָסען, אַז ס׳איז נישט געזונד פאַר מענשען, וואָס זיצען אין „נאָ-מענס-לאַנד"... אַרום צוועלף בײַטאָג, ווען דער פלוטאָן האָט זיך אויסגעשלאָפען נאָך אַ נאַכט אַרבײַט, האָט דער סערזשאַנט צוטיילט די ממתקים. איהר מוזט וויסען, אַז מיר לעבען אַלע אין איין הויז — דער סערזשאַנט און איך אויפ׳ן צווייטען שטאָק, די סאָלדאַטען אין דרײַ גרויסע צימער אַרום הויף. פון די טערקישע פּאָזיציעס זעהט מען נאָר אונזער דאַך; אַלזאָ, איך ערלויב די סאָלדאַטען צו זיצען אין הויף. מייס-טענטיילס שפּיעלען זיי אין קאָרטען — כ׳וויל האָפען, אַז נישט אויף געלד, ווײַל דאָס איז פערבאָטען. הײַנט זענען זיי אויך אַזוי געזעסען אין שאָטענדיגע ווינקעלעך פון הויף, עסענדיג זייערע ווײַנטרויבען און שפּיעלענדיג. אין איך ווייס נישט וואָס—ווען פּלוצלונג האָט דער טערק אָנגעהויבען אַ גאַנצע סימפאָניע פון האַרמאַטען-מוזיק. כאָטש ס׳טרעפט זעלטען בײַטאָג, אָבער אין אַלגעמיין זענען מיר שוין בע-קאַנט מיט זײַן אַרטילעריע: ער בעשיסט דאָך כסדר יענעם הויכען באַרג רעכטס פונ׳ם לאַגער, וואו ס׳איז אפילו קיין פויגעל נישטאָ. כ׳האָב ווייטער געלעזען מײַן בוך, די באַיס אין הויף האָבען פאַרט-געזעצט זייערס. אָבער מיט אַ פינף מינוט שפּעטער געהט צו מיר אַרײַן דער סערזשאַנט און זאָגט: „סער, כ׳האָב מורא, אַז דאָס מיינט מען דוקא אונז — דער קלאַנג איז אַנ׳אַנדערער, ווי שטענדיג; זיי זוכען אָנצוטאַפּען אבועין". און באמת, דער נעכסטער „שעל" פּלאַצט שוין כמעט אין דאָרף. איך בויג מיך אַרויס פון פענסטער און הייס די סאָלדאַטען: „טעיק קאָווער" (געהט אַרײַן אין שטוב!). זיי האָבען שוין אַלײַן דערהערט, וואָס עס קומט פאָר, אָבער ס׳ווילט זיך זיי נישט איבעררײַסען דאָס שפּיעל און ווידער אַרײַנקריכען אין די פינסטערע אַראַבישע צימער. לאַנגזאַם, פערדראָסען אויף מײַן צווייטען געשרײַ, געהען זיי זיך פונאַנדער, מיט קאָרטען און ווײַנטרויבען און שטיקלעך שטרודעל אין די הענד. מיר וואַרטען. יעדע פינף מינוט קומט אַ שאָס; ער טאַפּט אָן פון רעכטס, דאַן פון לינקס,

און נאָכאַמאָל רעכטס... „קיין גרויסע שיסער זענען זיי נישט", זאָגט דער סערזשאַנט. ער שטעהט ביים פענסטער; פּלוצלונג שמייכעלט ער און גיט מיר אַ וואונק. איך געה צו איהם צו און קוק אַרונטער אין הויף. פיער פון אונזערע לאָנדאָנער באָיס זיצען ווידער אונטער'ן פרייען הימעל, פערטיעפט אין זייערע קאָרטען און אין זייער טייטעלטייג; נאָר זיי זיצען אין אַ ווינקעל, וואו ס'איז שווער זיי צו דערזעהען פון מיין פענסטער, און רעדען שטיל. פּלוצלינג הויבט איינער אויף דעם קאָפּ און זאָגט אויף אידיש: „דער אָפיציר קוקט". און פונקט אין אָט־דעם מאָמענט פּלאַצט אַ באָמבע, איצט שוין אָהן צווייפעל אין אבועין גופא, נישט ווייטער ווי אַ הונדערט שריט פון אונז. און איך זעה, אַז דריי פון די שפּיעלער הויבען אויף די קעפּ, אָבער בלייבען דאָך זיצען; און דער פיערטער קוקט זיך אַפילו נישט אום, שלאָגט מיט אַ קלאַפּ דעם געגנערס קאָרט און ענטפערט — מיט אַ ניגון, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פערטיעפטע קאָרטען־שפּיעלער: „דער אָפיציר? האָב־איך־איהם־אין־דר'ערד"... איך מאַך אַ בייז פנים און פערטרייב די „פערברעכער" ווידער אין „קאָווער"; אָבער אינווענינג בין איך שטאָלץ אויף מיינע שניידער...

„... איז דער איד דיסציפּלינירט אָדער נישט? בלייבט אַ קשיא... אָט האָט איהר אַ ביישפּיעל. ענגלישע און אויסטראַלישע סאָלדאַטען האָבען אויסגעהאַקט אַזוי פיעל ביימער (ליידער אויך פון אונזער הערצל־וואַלד ביי נוד), אַז מ'האָט געמוזט פונאַנדערשיקען אַ צירקולאַר: ווער ס'וועט קאַליע מאַכען אַ בוים, וועט צאָהלען שטראָף — ביז הונדערט פונט. דאָ אַרום אבועין וואַקסען גאַנצע וועלדער, און ביי אונז פעהלט האָלץ אויף צו קאָכען טיי; אָבער קיינמאָל וועט עס אונזערע סאָלדאַטען נישט איינפאַלען, זיך צוצוריהרען צו אַ געוויקס. זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז איך וועל נישט אונטערזוכען, פון וואַנען ס'קומט זייער האָלץ — ס'איז אויך אָהן דעם שווער צו לעבען אין „נאָ־מענס־לאַנד". אָבער זיי זענען שטאָדט־קינדער; אויסגעוואַקסען מיט דעם איינדרוק, אַז אַ בוים איז אַ קהל'שע זאַך, אַ געמיינדע־אייגענטום, וואָס מ'טאָר איהם נישט צושטערען, פונקט אַזוי ווי מ'טאָר נישט צוברעכען אַ מאָנומענט אין מיטען גאַס. פון וואַנען

זשע נעהמען זיי הייצונגס-מאַטעריאַל? אַ טיר, אַ פענסטער; אָדער זיי רייסען אַראָב דעם ליימענעם דאַך פון אַ הייזעל און נעהמען אַרויס די גרויסע צווייגען און וואורצלען, אַרום וועלכע די פעלאַכען בויען זייערע דעכער. אָבער אַ בוים? גאָט זאָל אָבהיטען...״

מאַיאָר דזשעמס ראָטשילד

קאַפּיטעל צוועלף.

נאָך אַ מאָנאַט אויפ'ן שכמ'ער פראָנט און צוויי וואָכען אָברוה, האָט מען אונז פערשיקט אין עמק הירדן.

דאָס איז געווען אָנהויב אויגוסט. פינף וואָכען זענען מיר דאָרט אויסגעשטאַנען — און נאָכדעם איז געקומען די גרויסע אָפענסיווע: נאָך צוויי וואָכען מאַרש, אין היץ און פייער, אין דעם הייסעסטען אָרט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען אין דער גאַנצער געגענד אַרום דעם מיטעל-מעער.

איך וויל, אַז דער לעזער זאָל דאָס פערשטעהן. דער עמק-הירדן ביי יריחו און ים המלח איז איינער פון די טיעפסטע ערטער, וואָס איז בכלל דאָ אויף דער וועלט: ס'ליגט בערך 1200 פוס אונטער דער פלעכע פון אָקעאַן.

בכלל רעכענט מען דעם קלימאַט אין ארץ-ישראל פאַר „סאַפּ-טראָפּיקאַל". דאָס הייסט אַזוי הייס, ווי פלאָרידא אָדער קאַליפאָרניען; אין די העכערע ערטער, בעזונדערס אין ירושלים, צפת, איז דער ווינטער אַפילו גענוג קאַלט — אין 1920 איז ירושלים געלעגען דריי טעג אונטער אַ שניי, וואָס קיין גרעסערען געדענק איך נישט אַפילו אין פעטערבורג. אָבער דעם קלימאַט פון „עמק הירדן" ביי יריחו רעכענט מען אַפילו נישט פאַר „טראָפּיקאַל": דער אונטערשיעד איז אַן'אונגעהויערער, אַ אונגלויבליכער: בשעת יענעם שניי אין ירושלים, האָבען רויזען געבליהט אין יריחו = און פון יריחו קיין ירושלים איז איין שעה מיט אַ פיערטעל אין אויטאָמאָביל.

אין זומער איז דאָס אַ גיהנום. אין אַ שטאָדט, ווי יריחו, קען

מען נאָך אויסהאַלטען, ווייל פון 9 אַ זייגער אין דער פריה ביז 6 אין אָוועבד קאָן מען זיך פערשטעקען אין אַ בלינדער אַראַבישער שטוב אָהן פענסטער און כמעט אָהן אַ טהיר. אָבער אין דרויסען — אַ גיהנום. אַפילו בעדואינען געהען אַוועק אויף די צוויי חדשים — פון מיטען יולי ביז סעפּטעמבער — דוקא יענע צייט, וואָס אונזערע סאָלדאַטען האָבען פערבראַכט אין דער „מעללאַחאַ", — צוויי טריט פון יריחו, דריי טריט פון ים המלח — נישט ווייט, אויב איהר ווילט, פון סדום ועמורה.

פּאַטערסאָן זאָגט אין זיין בוך, אַז קיין אַנדערע ווייסע רעגי־מענטען (אַחוץ קאַוואַלעריע) האָט מען אין זומער דאָרטען קיינמאָל נישט געזאָזט בלייבען לענגער, ווי אַ פּאָר וואָכען. איך האָב דאָס אויך געהערט. כ'האָב נישט קיין פּאַראַיבעל אויפ'ן גענעראַל־שטאַב, וואָס אונז האָט מען דאָרטען אָבגעהאַלטען כמעט צוויי חדשים; און איך גלויב, אַז נישט די לאָנדאָנער, נישט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטען אונזערע (ווייל קאַלאָנעל מאַרגאָלין האָט דאָרט געבראַכט צוויי קאָמ־פּאַניעס זיינע, דאָס רוב אַמעריקאַנער) האָבען היינט נישט קיין חרטה אויף דעם, וואָס זיי האָבען געקעמפט אין עמק הירדן. פון אַלטע, ערפאַהרענע אָפיצירען, גאַנץ פרעמדע ענגלענדער און אויסטראַליער, האָב איך געהערט די בעשטעטיגונג, אַז אָט די צוויי מאָנאַטען אין דעם ערגסטען און טיעפסטען לאָך פון דעם גאַנצען וועלט־פראָנט זענען פאַר זיך אַליין אַנ'ערשטקלאַסיגע מיליטערישע לייסטונג, וואָס מען קאָן איהר מיט פולען רעכט פערגלייכען צו וועלכע ס'איז בע־ריהמטע נצחונות פון אויסדויער אין דער געשיכטע פון אַלע אַרמעען.

אָבער אויך אין דעם גאַנצען עמק־הירדן איז נישטאָ קיין אַנ־דער פּלאַץ, וואָס זאָל זיין אַזוי פערוויסט, ווי די מעללאַחאַ. ס'איז אַ שמאָלער טאָל, וואָס לויפט צוועלף מייל לאַנג פּאַראַלעל מיט'ן ירדן, כמעט אָהן אַנ'איינציגען פונקט מיט גרינס. די ערד איז וויים־גרוי, זאַלציג און ביטער אויף דער צונג — אפשר אַ רייכטום פאַר'ן צוקונפטיגען כעמיקער. אינמיטען טאָל רינט אַ דינער פּאַס זאַלץ־וואַסער—איין שריט אין דער ברייט, אָבער גענוג, כדי צו פער'סמ'ען די גאַנצע געגענד מיט די ערגסטע מינזמען פון מאַלאַריאַ.

יענע, וואָס האָבען אַ געשמאַק פאַר טראַגישער שענקייט, שענקייט

פון צושטערונג און אייביגען טויט, קאָנען זיך דאָ דערקוויקען די אויגען ביז צו זאַטקייט. די זעלבע ווייס-גרויע בערג פון אַלע זייטען,— יעדער זעהט אויס, ווי קויטיגע זאַלץ, געמישט מיט אַלקאַלי און סאַל-פּעטער, יעדער דערמאָהנט אָן סדום ועמורה׳ס סוף. און קריכט מען אַרויף אויף איינעם פון אָט-די בערג — זעהט מען ווייטער, אַרום און אַרום, די סצענע פון עפּעס אַ מעשה-בראשית׳דיגער ערד-קאַ-טאַסטראָפע: אומנאַטירליך-אויסגעדרעהטע, געקאַטעוועטע פעלזען (נישט אומזיסט גלויבען די קריסטען, אַז אויף איינעם פון יענע פעלזען האָט דער שטן געהאַלטען זיין פיערציג-טעגיגען אינטערוויאו מיט דעם נוצרי) און אַ געלבע, נאַקעטע וויסטע, וואו עס יאָגען זיך נאָכאַנאַנד הויכע ווירבלען פון שטויב און זאַמד.

מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל! אָט דאָ זענען געשטאַ-נען אונזערע צעלטען. אמת, די אַמעריקאַנער קאָמפּאַניעס האָבען גע-האַט אַ בעסערען לאַגער-פּלאַץ — צו מערב פון דער מעללאַהאַ, אין טאָל פון פּלוס אַדושאַ, וואָס זיין וואַסער איז זיס און וואָס מ׳האָט פריהער „קאָלאָניזירט״, דאָס הייסט, בעלעגט די ברעגען מיט שטיי-נער, ס׳זאָל נישט זיין קיין זומפּיגע טייכלעך, וואו ס׳קאָנען זיך ענטוויקלען מאַלאַריאַ-מאָסקיטען. אָבער ביי אונז אין דער מעללאַהא האָט די מאַלאַריאַ געהערשט, ווי ביי זיך אין דער היים. יעדען אָוונעד פלעגען מיר צוקוקען, ווי ס׳איז געגאַנגען לענג-אויס דעם טאָל אַ קייט קעמלען, צעהן חיות, אַמאָל פופצעהן, אַמאָל צוואַנציג, מיט זייער ווייכען שטאָלצען גאַנג, טראָגענדיג אַ בעטעל אויף יעדער זייט, און אין יעדען בעטעל איינעם פון אונזערע קראַנקע חברים. אָט זענען אַ פּאָר ציפערן: מיין באַטאַליאָן איז געקומען אין עמק-הירדן מיט 900 מענשען, ביז צו דער אָפענסיווע זענען געבלי-בען 550; צוריקגעקעהרט קיין לוד נאָכ׳ן נצחון זענען נאָר ניינציג, און פון דרייסיג אָפיצירען — פיער. מעהר ווי צוואַנציג האָבען מיר פערלוירען אין טויטע, פערוואונדעטע און געפאַנגענע. די איבעריגע זענען געוועזן קראַנק אויף מאַלאַריאַ. ברוך השם, דאָס רוב זענען שפּעטער אַרויס פון שפּיטאָל, דאַר און בלייך, אָבער געזונד; צווישען דרייסיג ביז פיערצ׳יג אָבער ליגען אויפ׳ן הר-הזיתים...

מיט קיין באָמבאַרדירען האָט אונז דער טערק דאָ נישט גע-

שטערט, כאָטש מאַרגאָליִנ׳ס צוויי קאָמפּאַניעס אין ווייטן דרום האָבן אַ סך געליטן פון אַ גרויסער טערקישער האַרמאַט, וואָס מען האָט איהר גערופן „דזשעריקאָ-דזשעין”. אָבער דער פּאַטרול-דיענסט איז געוואָרן אַ זעהר געפעהרליכער שפּאַס.

דער דרום-טייל פון עמק-הירדן, וואו מיר זענען געשטאַנען, איז אַ ברייטער און טיפער „קאַניאָן”; אָבער אין זיין מיטן לויפט אַ צווייטער ענגערער פלוס און ביי איהם פליסט דער ירדן. די טערקן האָבן נאָך געהאַלטן ביידע ברעגן פון ירדן.

די אויפגאַבע פון אונזערע פּאַטרולען איז געווען נישט נאָר אויפצופּאַסן אויף דעם, צי דער שונא וויל נישט אָנפאַלן אויף אונז, נאָר אויך אויסצוגעפינען דעם בעסטן וועג פאַר אונזערע פּאָזיציעס ביז צום שטראָם. דעריבער האָט מען געמוזט יעדע נאַכט געהן זעהר ווייט. דאָס איז, נאַטירליך, נאָר זעהר זעלטן געלונגען, ווייל דערצו האָט מען געמוזט אויסמיידן אי די טערקישע קאָנטר-פּאַטרולן, אי זייערע וואַך-פּאָסטענס — דורכ׳גנב׳נען זיך צווישן צוויי טערקישע פּאָרטען אַהין און צוריק. כמעט יעדע נאַכט האָט מען געהאַט אַ שיסעריי ערגיץ-וואו לענגאויס אונזער ליניע. אין דער דריטער נאַכט האָבן מיר אַזוי פערלוירען אונזער סערזשאַנט, ליווי, אַ׳ענגלישען איד, וועלכען איך האָב דערקענט בשעת מיר ביידע זענען נאָך געווען פשוט׳ע סאָלדאַטען אין 20-טען לאָנדאָנער רעגימענט, און וועלכער האָט זיך אויסגעבעטען איבערצוגעהן אין גדוד. זיין פּאַטרול האָט אפילו נישט געקאָנט געפינען זיין קערפּער אין דער פינסטערניש און איז געקומען צוריק אין אונזערע ליניעס, טראָגענדיג צוויי פערוואונדעטע סאָלדאַטען. דער קאָלאָנעל האָט תיכף אַרויסגערופן וואָלאָנטערען, צו געהן זוכען דעם סערזשאַנט. סעפּיאַשווילי, איינער פון די גרוזינישע אידען, וועלכע איך האָב שוין אָפט דערמאָהנט, איז געגאַנגען מיט דריי אַנדערע זוכען דעם קערפּער. דער שונא האָט זיי מסתמא בעמערקט, ווייל אַ פיערטעל שעה נאָך זייער אַוועקגעהן האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ קאָנצערט פון ביקסען-מוזיק. אָבער אין דריי שעה אַרום האָט סעפּיאַשווילי מיט זיינע חברים געבראַכט דעם סערזשאַנט אַ טויטען. אַזוי האָט דער יונגער זוהן פון אַ קליינעם קאַווקאַזישען אידען-שטאַם געוואונען די ערשטע

מיליטער-מעדאַל פאַר אונזער רעגימענט. סערזשאַנט ליווי איז נישט געבליבן דער איינציגער קרבן פון אונזער פאַטרול-דיענסט אין עמק-הירדן, אָבער ביז צו דער צייט פון דער אָפענסיווע האָבן שוין פיעל פון אונזערע לייטענאַנטען און סערזשאַנטען גאַנץ גוט געקענט אַלע וועגען, וואָס פיהרען פון דעם מעללאַחאַ-טאַל צום ירדן.

די בעזונדערקייט פון אונזער עמק-הירדן-פּאָזיציע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דער אידישער גדוד האָט זיך געטראָפען גראָד אין שפּיץ-ווינקעל פון׳ם גאַנצען בריטישען פראָנט — אַ לאַגע, וואָס אויף ענגליש הייסט זי „קאָרנער-סטאָון״ און אויף העברעאיש „ראש פנה״. אויב איהר טהוט אַ קוק אויף דער קאַרטע, קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען דעם ענגלישען פראָנט, ווי אַ האָריזאָנטאַלע ליניע, וואָס הויבט זיך אָן ביי׳ם ים אַ ביסעלע צו צפון פון פתח-תקוה און לויפט איבער אבוצין און דזשילדזשיליה ביז צו אַ פאַר מייל ווייט פון ירדן; דאָ מאַכט זי אַ גראַדען ווינקעל און געהט צו דרום לענגאויס דער מעללאַחאַ און ביז צום ים המלח. אָט דער ווינקעל, וואו די האָריזאָנטאַלע ליניע ברעכט זיך אָב און לויפט פלוצלונג געגען דרום-זייט, איז געווען איינגעאַנצען פערנומען פון אונז. אין אַ קריעג איז אַזאַ „קאָרנער-סטאָון״ פונקט אַזוי וויכטיג, ווי אין אַ בנין. פאַר׳ן שונא איז אַזאַ ווינקעל דער בעליעבטסטער פונקט פון אַטאַקע, צוליעב צוויי סיבות, וואָס איז לייכט צו פערשטעהן. ביי אַן׳אַטאַקע מוז מען זיך היטען פאַר יענעם סאָרט פייער, וועלכער הייסט אין טעכנישען לשון „ענפילעיד״ — דאָס הייסט, ווען מען שיסט אויף אייך נישט פון פאָרענט, נאָר פון פלאַנג, פון רעכטס אָדער לינקס. דאָס אָבער קומט שטענדיג פאַר, אויב איהר האָט זיך אַריינגעריסען אין אַ סעקטאָר, וועלכער ליגט אין דער מיטען פון אַ גראַדער פראָנט-ליניע: דאַן האָט איהר דעם שונא אי פון רעכטס אי פון לינקס, און ער קאָן אייך „ענפילעידען״ פוןביידע זייטען. האָט איהר אָבער דורכגע-

בראָכען אַ פּאָזיציע, וועלכע בילדעט אַ ווינקעל, דאַן האָט איהר נאָר דעם שונא פון איין זייט. ס'איז אונפערגלייכבאַר גרינגער און, צווייטענס, לוינט זיך עס אונפערגלייכבאַר מעהר, ווייל אויב ס'איז אייך געלונגען דורכצוברעכען אַ ווינקעל, געפינט איהר זיך דאַן הינטער נישט נאָך איינער, נאָר צוויי ליניען פון דעם געגנער'ס פראָנט, און קאָנט איהם אַטאַקירען פון הינטען איןביידע ריכטונגען. דעריבער זאָגט מען, אַז אַ פראָנט-ווינקעל „ציהט" צו צו זיך דעם שונא, ווי אַ טורם אָדער אַ הויכער בוים ציהט צו צו זיך דעם בליץ.

נאָך געפעהרליכער איז געוואָרען אונזער לאַגע צוליעב דעם, וואָס מיר זענען געבליבען כמעט אינגאַנצען אָהן אַרטילעריע-שטיצע. לויט אַ געהיימען פּלאַן פון דער אָפענסיווע, האָט אַלענבי פערזאַמעלט אַלע זיינע האַרמאַטען אין דער געגענד פון יפו, כדי דאָרט צו מאַכען דעם ענטשיידענדען אָנפאַל. דער רעזולטאַט האָט דערוויזען, אַז דאָס איז געווען אַ גוטער פּלאַן; אָבער דערווייל זענען אי מיר, אי די „אינזאק"-קאַוואַלעריע, וואָס איז געשטאַנען אין עמק הינטער אונזערע פּאָזיציעס, געבליבען אָהן קאַנאָנען-דעקונג. אין דערזעלבער צייט האָט דער אויסשפּירונגס-דיענסט בעריכטעט, אַז די טערקען האָבען זיבעציג האַרמאַטען דוקא אין עבר הירדן. וואָס דאָס בעדייט, איז געווען קלאָר. מ'האָט אונז געגעבען אי דעם געפעהרליכסטען, אי דעם שוואַכסטען פּונקט פון גאַנצען ארץ-ישראל-פראָנט, און דאָס אין דער שווערסטער צייט פון זומער-היץ, און דערצו נאָך אין יענעם מאָמענט, וואָס האָט געמוזט ענטשיידען דעם קריעג. ווידער: כ'האָב נישט קיין פּעראיבעל. קאָמענדאַנט ביאַנקיני, אַן'אָפיציר פון גרויסער ערפאַהרונג, וועלכען די איטאַליענישע רעגירונג האָט געשיקט אַלס איהר פערטרעטער אין ציוניסטישען ועד הצירים, האָט אונז שפּעטער געזאָגט:

— ביי מיין גאַנצען רעספּעקט אי צו די אידישע באַטאַליאָנען, אי צו אַלענבי, וואָלט איך אויף זיין פּלאַץ נישט געשיקט אויף אַזאַ פּונקט קיין סאָלדאַטען מיט נאָר דריי חדשים קריעגס-ערפאַהרונג; מסתמא האָט ער זעהר אַ גוטע מיינונג וועגען אייערע באַיס.

און איך בין נוטה צו גלויבען, אַז דאַמאָלס האָט ער יאָ געהאַט אַזאַ מיינונג וועגען אונזער דיענסט-רעקאָרד אין די הרי אפרים, וואָס איז געווען אַ ערשט-קלאַסיגער; אונזערע פּאַטרולען פלעגען זיך נאָכט

צו׳גנב׳נען ביז צו די וואָך־פּאָסטענס פון שונא און האָבן געזאַמעלט וויכטיגע אינפאָרמאַציעס וועגן דער צוזאַמענשטעלונג פון טערקישן פראָנט, פאַר וועלכע אַלענבי׳ס הויפּט־קוואַרטירן האָבן אַמאָל געשיקט אַ ספּעציעלן דאַנק צו אונזער אָפיציר, לייטענאַנט אייבראַהאַמס. ווייטער, דער פּראָצענט פון מאַלאַריאַ־פאַלן איז ביי אונז געווען (ביז מיר זענען געקומען קיין עמק־הירדן) קלענער, ווי אין אַנדערע רעגימענטן — ווידער אַ בעוויז פון אַנ׳אמת, וואָס מ׳האָט שוין אָפּט קאָנסטאַטירט, דאָס דער איד, כאָטש זיינע מוסקולען און זיין ברוסט זענען נישט אַזוי גוט ענטוויקעלט, האָט אָבער גרונדזעצליך אַ געזונדערן אָרגאַניזם, ווי דער דורכשניט־קריסט. אַ געוויסע ראָלע האָט מסתמא געשפּיעלט אויך אַנ׳אַנדער פאַקט: מיר זענען געווען דער איינציגער ווייסער באַטאַליאָן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שכּורים! נאָך אין פאָרטסמוט האָט מען געמוזט פערמאַכן די קאַנטינע אין אונזער לאַגער, ווייל זי האָט זיך נישט געלוינט. ס׳איז אַ מנהג אין דער אַרמעע, ווי בכלל אין דער גויאישער וועלט, צו לאַכן פון מענשען, וועלכע האָבן פיינד אַנ׳איבעריגען כּוס: אָבער אין אַ פעראַנטוואָרטליכער שעה איז מען דאָך פאָרט געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דעם פאַקט, אַז אָט איז דאָ אַ מאָדנער באַטאַליאָן, אין וועלכען אַפילו אין אַ יום־טוב קאָן מען זיך בענוצען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט.

און נאָך איין גרונד: קיין שום אַנדער באַטאַליאָן האָט נישט געהאַט אַזוי פיעל טערקישע געפאַנגענע, ווי אונזערער: כ׳בין מודה, אַז דאָס איז נישט געווען בלויז צוליעב אונזער גרעסערער גבורה, נאָר צוליעב גאָר אַנ׳אַנדער זאַך. ווידער מוז איך דערמאָהנען די ציון־מיול־קאָרפּוס־באָיס. כמעט אַלע האָבן זיי געקענט אַראַביש און עטליכע פון זיי אויך אַ ביסעל טערקיש. ביי יעדען צוזאַמענשטויס מיט דעם שונא׳ס פּאַטרולען פלעגען זיי רופען צו די טערקישע סאָלדאַטען: „קומט צו אונז — מ׳וועט אייך געבען עסען!” ביי די טערקען איז דאָס שוין געווען דאַמאָלס אַ וויכטיגער תּירוץ. אי די אַרמעע זייערע, אי די מדינה איבגאַנצען איז געווען שטאַרק דעזאָרגאַניזירט; די סאָלדאַטען האָבן אָפּט געלעבט אויף טרוקען ברויט און אויף גאָט׳ס בערכאָט. אין איין וואָך צייט האָט זיך אין די טערקישע ליניעס

פערשפרייט די בשורה, אז אויפ'ן אידישען פראָנט זענען פארהאַן פריינד, וואָס רעדען טערקיש און פערשפרעכען אַלדאָס גוטס.

עס זענען געווען טעג, אַז אַ פּאַטרול אונזערער פלעגט ברענגען זעקס און מעהר געפאַנגענע.

יאָ, אין יענע צייטען האָט דער גענעראַל אַלענבי אַפּנים געהאָט אַ גוטע מיינונג וועגען אידישע סאָלדאַטען. ער האָט געשריבען דעם קאָלאָנעל אַ בריעף, פערשפרעכענדיג צו שאַפען אַ אידישע בריגאַדע, מיט פּאַטערסאָנ'ען אַלס בריגאַדע-גענעראַל.

בשעת מ'דאַרף, פערגעסט מען אָן פערזענליכע אָבנייגונגען; אַפילו קיין שלעכטע עצות וויל מען דאַמאָלס נישט הערען. דאַמאָלס רעכענט מען זיך נאָר מיט'ן אָביעקטיווען ווערט פון מענשען, אַלס מענשען. איז אָבער דער מאָמענט פאָראיבער, דאַן הויבט זיך אָן גאָר אַנ־אַנדער סדרה.

דעם 19-טען סעפּטעמבער האָט גענעראַל טשעיטשאַר, אָנפיהרער פון דער אויסטראַלישער און ניי-זעלאַנדישער קאַוואַלעריע און שעף פון אַלע כחות פון עמק-הירדן, געשיקט נאָך קאָלאָנעל פּאַטערסאָן און געגעבען איהם זיינע אינסטרוקציעס פאַר דער אָפענסיווע. אונזער באַטאַליאָן צוזאַמען מיט קאָלאָנעל מאַרגאָלינ'ס צוויי קאָמפּאַניעס בילדען אַ בעזונדערען קאָרפּוס, וואָס ווערט הייסען „פּאַטערסאָנ'ס קאָלאָנע". איהר ערשטע אויפגאַבע איז דורכצורייסען זיך צום ירדן און פערנעהמען ביידע זייטען פון אַ שטראָם-איבערגאַנג, וועלכער הייסט ביי די אַראַבער „אום-עש-שערט"; און נאָכדעם מוז די קאָלאָנע מאַרשירען אויף דער שטאָדט עס-סאַלט אין די הרי מואב, ווייט אין עבר הירדן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דאָס זאַמלען דעם באַטאַליאָן. אונזער פראָנט איז געווען אויסגעשפּרייט אויף ניין אָדער צעהן מייל אין דער לענג, קאָנצענטרירט אַרום זיבען קליינע באַרג-

פאַרטען, וואָס האָבען געבילדעט אַ קייט, לויפענדיג פון צפון צו דרום.

אין דערזעלבער נאַכט האָבען מיר אַרויסגעשיקט פערשטאַרקטע פּאַטרולען אין „נא-מענס-לאַנד", מיט דער אויפגאַבע צו פערזיכערען זיך, צי די טערקען זיצען נאָך אין זייערע פאָרטען (ווייל נאָך דעם קלאַפּ, וואָס זיי האָבען בעקומען מיט אַ פּאָר טעג פריהער ביי יפו, האָבען זיי אָנגעפאַנגען זיך צוריקציהען אויך אין אונזער סעקטאָר).

די פּאַטרולען האָבען געפונען נאָר נאָך צוויי פאָרטען בעזעצט. אַזוי ווי קיין אַרטילעריע איז נישט געווען, האָבען מיר געעפענט אויף זיי אַ פייער פון מאַשינען-געוועהר. ביז דריי אַ זייגער ביי-נאַכט האָבען זיי געענטפערט, און דאַן פלוצלונג פערשטומט געוואָרען. אָבער די פּאַטרולען האָבען געבראַכט די ידיעה, אַז דער „דיטש", דאָס הייסט דער טיעפסטער טייל פון עמק, וואו עס פליסט דער ירדן, איז נאָך פול מיט טערקישען מיליטער אויף ביידע זייטען טייך.

מיט צוויי טעג שפעטער זענען מיר שוין געשטאַנען אין אַ לאַנגער ליניע, אויפ'ן ברעג פון „דיטש", און געקאָנט אַרויסקוקען פאָרזיכ-טיג, איבער'ן ראַנד פון די אימפּראָוויזירטע טראַנשעען, אויפ'ן ירדן אַליין. דער „דיטש" אין יענער געגענד — אויב איך געדענק ריכ-טיג, — איז בערך איין מייל אין דער ברייט, שטאַרק בעוואַקסען מיט וואַלד און „בוש" אויף ביידע זייטען; זיין טיעפקייט איז אפשר צוויי הונדערט פוס.

צוליעב די פעלזען איז אוממעגליך געווען צו זעהן, אויב ס'איז נאָך געבליבען עמיצער אין וואַלד; ביינאַכט אָבער האָבען די פּאַטרולען בעריכטעט, אַז ס'הערען זיך נאָך בעוועגונגען צווישען דעם געדיכטען געוויקס.

דעם 22-טען סעפּטעמבער אין דער פריה האָט איינע פון אונזערע קאָמפּאַניעס, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן צפון-סוף פון אונזער ביי'עם פראָנט, אַרויסגעשיקט אַ קליינע גרופּע סאָלדאַטען צו פער-טרייבען דעם שונא פון יענעם טייל וואַלד, וואָס איז געלעגען די-רעקט אונטער זייער סעקטאָר פון ראַנד. געפיהרט האָט זי לייטע-נאַנט קראַם — אַ מאָדנער נאָמען פאַר אַ אידען — און ער האָט מיט זיך מיטגענומען אונזער טראַנספּאָרט-אָפיציר, דעם אירלענדישען קאַפּיטאַן

דזשוליאַן, וועלכער האָט געוואָלט זעהען דעם באָדען, איבער וועלכען ער וועט באַלד מוזען פיהרען קעמלען און מויל-אייזלען.

אַרום צוויי אַ זייגער איז געקומען צו קאָלאָנעל פּאַטערסאָן די נאַכריכט, אַז די גרופּע סאָלדאַטען האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ טערקישער פּאָזיציע, בעוואָפענט מיט מאַשינען-געוועהר. לייטענאַנט קראַם און דער סאָלדאַט מילדענער זענען גע'הרג'עט געוואָרען; קאַפּיטאַן דזשוליאַן האָט בעקומען אַ וואונד אין פוס און וואָלט געמוזט בלייבען אויפ'ן פעלד, אויב איינער פון די סאָלדאַטען וואָלט איהם נישט אַרויסגעטראָגען פון וואַלד אונטער אַ רעגען פון קוילען. איך געדענק נישט דעם נאָמען פון יענעם סאָלדאַט, אָבער ער האָט בעקומען אַ מעדאַל.

דרך אַגב: ס'איז פאַרהאַן אַ בעקאַנטער אידישער אַנעקדאָט וועגען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט כּסדר געשלעפּט פערוואונדעטע אָפיצירען פון פייער מיט'ן תירוץ: „אויב מ'שיסט, וועט מען שיסען איהם, נישט מיך". אויפ'ן גרונד פון אָט דער „תורת משה", וואָס איז שטאַרק פערשפּרייט אין אַלע קיביצאַרניעס, גלויבען פיעל פון אונז (איך האָב עס אַליין געהערט), אַז שלעפּען פערוואונדעטע איז דער בעסטער שוץ-מיטעל אונטער'ן פייער. בכלל זענען אידען אָפט נוטה צו בילדען זייערע מיינונגען וועגען ערנסטע זאַכען אויפ'ן גרונד פון וויציגע אַנעקדאָטען. איך מוז זיי ענטטוישען. דאָס איינציגע שוץ-מיטעל אונטער'ן פייער איז צו בעהאַלטען זיך הינטער אַ בוים, אַ שטיין, אַ בערגעלע ערד, אָדער, אויב ס'איז נישטאָ קיין שום דעקונג, פשוט וואַרפען זיך אויף דער ערד און נישט ריהרען זיך פון אָרט. שלעפּען אַנ'אַנדערען הייסט פערציכטען אויף אָט דער איינציגער סגולה; אַ מענש, וועלכער וואַגט דאָס, מוז האָבען אַ שטאַרקע נשמה, און יענער סאָלדאַט האָט כשר פערדיענט זיין מעדאַל.

אָבער אונזער פערזוך צו פערנעהמען דעם „דיטש" איז נישט געלונגען.

קאַפּיטעל דרייצעהן

דעם 23־טען האָט מיין קאָמפּאַניע בעקומען דעם בעפעהל צו מאַכען בייגאַכט דעם צווייטען פערזוך,—אַלץ איינס, וואָס עס זאָל קאָסטען,—צו פערזיכערען דעם ירדן־איבערגאַנג ביי אום־עט־שערט און אָבריייניגען פון די לעצטע טערקען דעם רעכטען ברעג פון טייך אויף אַ מרחק פון בערך אַ מייל.

דער ירדן אין זיין גאַנצען דרום־טייל איז זעהר טיעף און פליסט מיט יענער אונגעהויערער שנעלקייט, וואָס מאַכט איהם בעלייבט פאַר הידראָ־עלעקטרישע אינזשעניערען. אַפּילו קאַוואַלעריע קאָן איהם איבערגעהן נאָר ביי אום־עט־שערט, וואו ס'איז דער „פאָרד". פאַר אַ פוס־געהער איז אַפּילו דער פאָרד נישט מעגליך, צו־טיעף און צו־שנעל. אָבער גענעראַל טשעיטאָר'ס דראַגונען האָבען געוואָרט אויף דער בעפרייאונג פון אום־עט־שערט, כדי אַריינצורייסען זיך אין עבר־הירדן, און אונז האָט מען עס געהייסען דורכפיהרען אָט די בעפרייאונג.

די מאַלאַריע האָט איבערגעלאָזען אין מיין קאָמפּאַניע בלויז דריי אָפיצירען, און וועניגער ווי איין הונדערט סאָלדאַטען. לייטענאַנט באַרנס האָט זי קאָמאַנדירט, איך בין געווען צייטווייליג דער צווייטער; אייבראַהאַמס האָט געמוזט איבערנעהמען די ראָלע פון די איבעריגע דריי פּלוטאָן־קאָמאַנדירען. באַרנס און אייבראַהאַמס האָבען פערנומען די פּעלזען מיט זיבען פון אונזערע אַכט „לואיס־גאַנס" (אַזוי האָט געהייסען אונזער מאַשינען־געוועהר); דעם אַכטען לואיס־גאַן האָט מען בעגעבען מיר, און געשיקט אויספיהרען די הויפּט־אָפּעראַציע. נישטאָ

מיט וואָס זיך צו בעריהמען: דער גאַנצער פּלאַן איז אויסגעאַרבּייט געווען, אין אַלע פּרטים, פון קאָלאָנעל אַליין, און ביי זיין דורכפירונג האָבּען מיר קיין שום פערלוסטען נישט געהאַט. איך וועל בעשרייבּען די אָפּעראַציע נאָר צוליעב דעם, וואָס זי איז דערמאָהנט אין אַלענבּי׳ס בעריכט, און אויך דערפאַר, וואָס זי איז געווען מיין לעצטע ריין־מיליטערישע ערפאַהרונג; אָבּער דערביי מוז איך מודה זיין, אַז אין פערגלייך צום פריהערדיגען פּאַטרול־דיענסט איז זי געווען אַ קינדער־שפּיעל.

אַרום צוועלף ביינאַכט האָבּען מיר פערלאָזען דעם ראַנד און מאַרשירט אין געוועהנליכער מאַרש־אָרדנונג דירעקט קיין אום־עט־שערט; נישט געקראָכען, נאָר געגאַנגען אויפ׳ן ברייטען טערקישען וועג, ווייל נאָך בייטאָג האָבּען מיר געזעהען אין בינאָקלען, אַז דער ירדן־איבּערגאַנג, לכל־הפּחות אין אונזער זייט שטראָם, איז פריי. אַ הונדערט טריט פון די בערג האָבּען מיר זיך אָבּגעשטעלט און אַרויסגעשיקט אַ פּאָר סקאַוטס צו קריכען אין גראָז ביז צום וואַסער און זעהען, אויב ס׳איז נישטאָ קיין בעהאַלטענע „סנייפּער״. זיי האָבּען בעריכטעט, אַז ס׳איז קיינער נישטאָ. דאַן האָבּען מיר געבּראַכט צום ברעג אונזער לואיס־גאַן און פערנומען אַ פּאָזיציע אויפ׳ן הויכען שטיק באָדען, דירעקט ביי דעם איבּערגאַנג. דעם לואיס־זאַן האָט מען געשטעלט אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען בעשיסען אי דעם רעכטען אי דעם לינקען זייט ברעג ביים איבּערגאַנג. אָבּער איך האָב שוין געזעהען, אַז אויך די אַנדערע זייט פון איבּערגאַנג, אויף יענעם ברעג טייך, איז פריי. דער ירדן אין אָט דעם אָרט האָט די ברייטקייט פון, למשל, פּאַרק־אוועניו אין ניו־יאָרק אַרום די העכערע פיערציגער גאַסען; ביידע צוגאַנגען צום „פאָרד״ זענען נישט בעוואַקסען מיט וואַלד. די נאַכט איז נישט געווען זעהר פינסטער, און מיט אַ פעלד־בינאָקל האָט מען קלאָר געזעהען, אַז איבּער דעם שטראָם איז קיינער נישטאָ. דאָ האָב איך איבּערגעלאָזען דעם סערזשאַנט מאַסקאָו מיט צוואַנציג סאָלדאַטען און מיט דעם רעשט זענען מיר געגאַנגען דורכזוכען דעם וואַלד לענג־אויס אונזער ברעג.

דאָס איז שוין געווען שווערער. די בוימער זענען דאָ נישט הויך, אָבּער זיי וואַקסען געדיכט און צווישען זיי איז די ערד בע־

דעקט מיט אַלערליי שטעכיגען גראָז און שטעכיגע קוסטעס. צוויי סאָלדאַטען, איינער פון ציון-מיול-קאָרפּוס און דער צווייטער אַ לאָנ-דאָנער איד, זענען געגאַנגען פּאָראויס; צוואַנציג שריט ווייטער האָבען די אַנדערע געפאָלגט אין אַ לאַנגער, ברייט-צושפּרייטער רייהע, וואָס איהר רעכטער פלאַנג האָט זיך געהאַלטען אויפ'ן ברעג גופא, און דער לינקער כמעט ביי דעם אָנפאַנג פון די פעלזען, וואָס גרעניצען-אָב דעם ירדן-„דיטש" פון מערב-זייט. אַזוי איז די קאָמפּאַניע געווען אימשטאַנד „אויסצוקעהרען" די גאַנצע ברייט פון וואַלד.

נאָר אין איין אָרט האָבען זיך דערהערט עטליכע ביקסען-שאָסען, אָבער זיי זענען געקומען פון אַריבער דעם ירדן. מיר האָבען נישט געענטפערט. איך האָב אָבער סיגנאַליזירט צו בארנס'ן, אָנווייזענדיג דאָס אָרט, פון וועלכען מען האָט געשאָסען, און ער האָט אויף איהם געעפענט אַ פייער פון זיינע לואיס-גאַנס. די ערשטע פינף מינוט האָט דער שונא נאָך געענטפערט, דאַן ענטשוויגען געוואָרען. מסתמא איז דאָס געווען דער לעצטער אַריעגאַרד פון די צוריקטרעטענדע טערקען.

קורץ פאַר זון-אונטערגאַנג האָבען זיך מיינע סקאוטען בעגעגענט מיט די סקאוטען פון אַנ'אַנדער קאָמפּאַניע אונזערער, וועלכע האָט דורכגעזוכט דעם אויבערשטען טייל פון „דיטש", געהענדיג אין פּערקעהרטער ריכטונג, פון צפון צו דרום. איך האָב סיגנאַליזירט צו דער הויפּט-קוואַרטיר, אַז דער איבערגאַנג איז פריי; דער קאָלאָנעל האָט דאָס טעלעפאָנירט צום שטאַב פון גענעראַל טשעיטאָר'ס קאַוואַלעריע, און אין אַ שעה שפּעטער האָבען די ערשטע דראַגונען געקאָנט רוהיג אַריבערפאָהרען דעם ירדן און אָנהויבען טרייבען דעם אַנטלויפענדען טערק אַוועק פון ארץ-גלעד. אָבער אין אַלענבי'ס בעריכט שטעהט: „אין דער נאַכט פון 23-טען אויפ'ן 24-טען סעפּטעמבער האָבען די אידישע אָבטיילונגען ערָאָבערט („קעפּטשורד") דעם ירדן-איבערגאַנג פון „אום-עט-שערט". דעם איבערגאַנג, דעם שליסעל צו עבר-הירדן, האָבען מיר זיי געגעבען. אַ קוריאָזע אילוסטראַציע צו דעם פאַקט, וואָס היינט איז דער עבר-הירדן אויסגעשלאָסען פון געביעט פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים.

צווישען די ערשטע פּוסגעהער-טרופּען, וואָס זענען אַריין אַ עבר-הירדן תּיכּף ומיד נאָך דער אויסטראַלישער קאַוואַלעריע, זענען געווען קאָלאָנעל מאַרגאָלין׳ס אַמעריקאַנער. זיי האָבען דורכגעקרייצט דעם ירדן איבער דער בריק פון גאראניא, עטליכע מייל צו דרום פון אום-עט-שערט, און האָבען מאַרשירט ביז צום עס-סאַלט (מ׳גלויבט, אַז דאָס איז די אַלטע רמות גלעד), וואו קאָלאָנעל מאַרגאָלין האָט זיך בעזעצט אַלס קאָמענדאַנט פון שטאָדט און פון געגענד. אונזער באַטאַליאָן האָט געפאָלגט נאָך מאַרגאָלין׳ס צוויי קאָמפּאַניעס. אָט דער מאַרש אין עבר הירדן איז געווען דער שווערסטער, וואָס איך האָב געזעהען אין מיין לעבען; און נישט נאָר איך אַליין. פּאַטערסאָן, וועלכער געדענקט נאָך דעם בורען-קריעג אין הייסען אַפריקאַנישען דרום, אין אַ צייט, ווען אַ קריעג איז נאָך איינגאַנצען בעשטאַנען פון מאַנעווורען און מאַרשען, — נישט ווי היינט, פון זיצען חדשים-לאַנג אין טראַנשעען, — זאָגט אַליין, אַז אַ מעהר פּיינליכע בעוועגונג האָט ער קיינמאָל נישט דורכגעמאַכט.

געגנוג שווער איז געווען דער גאַנג פון בריק ביז צו דעם פוס פון די הרי-מואָב, דורך אַ מדבר אָהן וועגען, וואו די טערקען, פאַר׳ן אַנטלויפען, האָבען אָנגעצונדען דאָס טרוקענע גראָז, און דער שווערער, שוואַרצער רויך, אין דער ווינדלאָזער היץ, איז געלעגען אויף דער ערד אַזוי געדיכט, אַז אָפט האָבען אונזערע פעהלוירען דעם קאָנטאַקט איינער מיט׳ן אַנדערען. אָבער נאָך אונענדליך שווערער איז געווען דאָס אויפשטייגען אויף די בערג. ס׳איז געווען אַרום מיטאָג. די שטייפקייט פון וועג איז געווען פון 15—25 גראַד; כּדי מען זאָל פערשטעהן, וואָס דאָס בעדייט, וויל איך נאָר דערמאָהנען, אַז די מאַקסימאַלע שטייפקייט, וואָס מען דערלאָזט אין אַ וועג פאַר אויטאָמאָביל-פערקעהר אין אייראָפּא (וואַהרשיינליך אויך אין אַמעריקאַ), איז 10—12, דערביי האָבען די סאָלדאַטען און אונטער-אָפיצירען געמוזט שלעפּען אויף זייערע פּלייצעס, אַחוץ ביקסען, פּאַטראָנען און ראַנצען, אויך דעם „קיט-בערג״ — אַזוי הויך און דיק, ווי אַ פיער-יאָהריג קינד, אָנגעשטאָפּט מיט העמדער, זאָקען, שיך — בקיצור, מיט אַלדאָס גוטס, וואָס דער רייכער פעטער יעקע בעזאָרגט פאַר זיינע סאָלדאַטען, ביז אַפילו דעם ראַזיר-מעסער און דעם קעסטעל שמירעכץ

אויף צו פוצען די קנעפלעך. אויך האָב איך פערגעסען די וואַסער־פלאַשען — פון וועלכע די זון האָט נאָך פאַר מיטאָג אויסגעטריקענט דאָס וואַסער.

די אָפיצירען, וואָס האָבען אויף זיך געהאַט נאָר דעם ראַנצען, האָבען געפּרובט העלפען, ווי ווייט מעגליך. יעדער פון אונז האָט אויך געטראָגען אַ פּאָר ביקסען אויף יעדער פּלייצע. אָבער עס האָט ווייניג געהאָלפען.

דער שטויב אויפ׳ן באַרג־וועג איז געווען נאָך ערגער, ווי דער רויך פון ברענענדען גראָז אין טאָל. פּופציג לאַנגע שריט האָבען מיר געהאַלטען אַ מרחק צווישען איין פּלוטאָן און דעם צווייטען, אָבער אָהן אַ ווינד האָט דאָס נישט געקאָנט העלפען. מ׳איז געגאַנגען די גאַנצע צייט, ווי אין אַ רויט־גרויער כמאַרע, און געאָטעמט לייהם און קאַלך־פּולווער אנשטאָט לופט.

יעדע צוואַנציג מינוט איז איינער פון די סאָלדאַטען „אַרויס־געפאַלען”, דאָס הייסט, אַרויסגעטראָטען פון די רייהען און געוואָרפען זיך אויף דער ערד אונטער אַ פעלז, מיט אַנ׳אָפענעם מויל, נישט זייענדיג אימשטאַנד צו געהן ווייטער. „איצט וועט מען זאָגען מיט שפּאָט: אידישע העלדען!”—האָב איך זיך געטראַכט פערשעמטערהייד—ביז איך האָב געזעהען צוויי קריסטליכע סערזשאַנטען, הויכע, שלאַנקע אַטלעטען, וואָס מען האָט אונז נישט לאַנג געשיקט צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אונזערע אייגענע חברים, וועלכע זענען אַוועק אין שפּיטאָל מיט מאַלאַריע,—ביז איך האָב זיי דערזעהען זיצענדיג אונ־טער אַ פעלז מיט פערמאַכטע אויגען, אָטעמענדיג, ווי אַ פיש אויף דער יבשה.

פון צייט צו צייט האָט מען געהאַט נאָך אַ פערגעניגען: אַ נבלה פון אַ טערקיש פערד. פאַרוואָס זיי האָבען גצ׳הרג׳עט אַזוי פיעל פערד ביי זייער צוריקטריט, קאָן איך נישט פערשטעהן; אפשר האָבען זיך די אָרעמע בהמות געבראָכען די פיס אין דעם טומל פון דער דעמאָראַליזירטער, לויפענדער אַרמעע, און מ׳האָט זיי דער־שאָסען — אָדער פשוט אַזוי געלאָזט פגר׳ן אויפ׳ן וועג.

נישט נאָר זייערע פערד האָבען די טערקען איבערגעלאָזט. די בערימטע „דזעריקאַ דזשעין”, יענער האַרמאַט, וואָס האָט אַזוי גע־

פלאָגט מאַרגאָלינ׳ס לאַגער, איז אויך געלעגען איבערגעקערט, אין דעם שטראָם מאַדי-נימרין, טיעף אונטער דעם לינקען ראַנד פון אונזער וועג. גאַנצע בערג פון האַרמאַטען-קוילען און איינפּאַכע פּאַטראָנען, נישט גערירט אין זייער פערפּאַקונג, האָבען מיר געפונען אויפ׳ן וועג. און דאָס איז שוין געווען גאָרנישט, אפשר אַ צעהנטעל פון דעם, וואָס די טערקען האָבען פון זיך אָבגעטרייסעלט. אַ גרופּע דראַגונען, וואָס מיר האָבען בעגעגענט, האָבען דערצעהלט, אַז מיט צוויי טעג פריהער, יאָגענדיג זיך נאָך דעם לויפענדען שונא, האָבען זיי אויף דעם זעלבען וועג געזעהען אויך אונצעהליגע אַוועקגעוואָרפענע ביקסען, און נישט וועניג רעוואָלווערען. איצט איז דאָס געוועהר פערשוואונדען. וואוהין?

אָט דער „וואוהין" איז איינע פון די דראָהענדסטע פראַגען פאַר דער צוקונפט פון אונזער ישוב אין ארץ-ישראל. אייגענטליך איז דאָס גאָרנישט קיין פראַגע, נאָר אַ זיכערקייט. אפילו מיר, וואָס זענען געקומען מיט 48 שעה שפּעטער, האָבען נאָך געזעהען הויך אין די בערג אַרום אונזער וועג הונדערטער בעדואינען מיט שווער-בעלאָדענע אייזלען... דער עבר-הירדן איז רייך בעוואָרענט מיט׳ן מאָדערנסטען געוועהר!

איינעם פון אַזעלכע בעדואינען האָב איך געכאַפּט ביי דער אַרבייט פון זאַמלען פּאַטראָנעס. אייגענטליך, וואָלט איך איהם געדאַרפט אַרעסטירען און שיקען קיין יריחו; כ׳האָב אָבער צו פיעל זין פאַר הומאָר, אַז איך זאָל שמייסען אַ קאַץ, וואָס לעקט די לעצטע טראָפּען, בשעת אַנדערע קעץ האָבען שוין אויסגעטרונקען די גאַנצע מילך און זענען אַנטלאָפען. כ׳האָב ביי איהם פשוט אַוועקגענומען זיין אייזעל און בעלאָדען איהם מיט עטליכע פּעק פון די שוואַכסטע סאָלדאַטען.

אָבער, אָט דער אייזעל איז נישט נאָר געווען אונזער איינציגע הצלחה אויף יענעם שווערען וועג, נאָר ס׳איז אויך בעשטימט געוואָרען, ער זאָל אונז נאָך לאַנג אַמוזירען. ערשטענס, האָבען מיינע סאָלדאַטען, כאָטש טויט-מיעדע, בעשלאָסען צו געבען איהם אַ נאָמען. פאַר׳ן נאָמען בעט איך מחילה ביי אַלע כהנים אין פאָלק ישראל. עפּעס צוויי און פופציג סאָלדאַטען מיט׳ן נאָמען „כהן" האָט מען

פולקאָווניק אליעזר מאַרגאלין

געצעהלט אין אונזער באַטאַליאָן, און די בעאַמטע פֿלעגען בעהויפּטען, אַז זייערע איניציאַלן האָבן אויסגעשעפּט אַלע אותיות אין ענגלישען אלף בית, אַחוץ איין איינציגער אות — „עקס". האָט מען דאָ בעשלאָסען, אַז דער אייזעל זאָל הייסען „כהן עקס".

צווייטענס, איז דער בעדואין געווען אי אַ געבילדעטער, אי אַ חוצפּה'דיגער: ער האָט פון מיר פערלאַנגט אַ קבלה פאַר'ן קאָנפיסקירטען אייזעל. „גיט איהם אַ זעץ אין פּנים", — האָט דערצו געזאָגט מיין סערזשאַנט. אָבער איך האָב אַמאָל שטודירט רעכט אין דער אוניווערזיטעט, און דאָס מאַכט אַ מענשען קאַליע אויפ'ן גאַנצען לעבען. כ'האָב איהם געגעבען די קבלה שוואַרץ אויף ווייס. ער האָט זיך טאַקי נישט געפוילט זי אַוועקצוטראָגען אין ביוראָ אין יריחו, און מאָנאַטען-לאַנג נאָך דעם האָט געדויערט די אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ צווישען גענעראַל-שטאַב פון הויפּט-קוואַרטיר און מיין באַטאַליאָן וועגען „כהן עקס".

אָבער אַלץ האָט אַ סוף. אַרום פינף אַ זייגער איז געוואָרען קיהלער, און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז געקומען דער בעפעהל אָבצושטעלען זיך פאַר דער נאַכט. די גאַנצע קאָמפּאַניע (נעבען! אפשר נישט קיין זעכציג אינגאַנצען) האָט זיך געוואָרפען שפּרינגען איבער די פעלזען אין דעם טיעפען טאָל, צו באָדען זיך אין שטראָם און טרינקען פריש, קאַלט וואַסער. דער שטראָם הייסט ביי די אַראַבער „וואַדי-על-נימרין": „מי נמרים", דער „טיגערפלוס" רופט איהם דער נביא ישעיה (ט"ו, ו'). אַ שענער פלוס מיט גרינע ברעגען, בכלל אַ וואַסער-רייכע געגענד נישט נאָר אין פערגלייך מיט דעם געגענאיבערדיגען טויטען מדבר יהודה אויף דער אַנדערער זייט עמק-הירדן, נאָר בכלל אין פערגלייך מיט'ן מערב פון ארץ-ישראל. אַ שען פרוכטבאַר לאַנד... אָבער אויסגעשלאָסען פון דער נאַציאָנאַלער היים.

אויף אַ מרחק פון אַ האַלבען טאָג וועג פאַר עס-סאַלט האָט מען אונז אומגעקעהרט צוריק קיין עמק הירדן, צו איבערנעהמען טערקישע געפאַנגענע. כ'געדענק זיי גוט: אַ שרעקליכער, אויסגעדאַרטער, האַלבטויטער המון זענען זיי געווען, אָבגעריסען, קויטיג, פערמאַטערט; ניין הונדערט טערקען, צוויי הונדערט דייטשען און עסטרייכער. ביי

די לעצטע איז נאָך געווען עפּעס אַ דיסציפּלין; מיר האָבען זיי געגעבען אַ בלעכענעם קאַסטען וואַסער, זיי האָבען זיך אַליין אויסגעשטעלט אין אַ רייהע און געטרונקען רוהיג איינער נאָך דעם אַנדערען. אָבער די טערקען האָט מען אַפילו נישט געקאָנט געבען קיין וואַסער; קיינער האָט נישט געוואָלט וואַרטען אויף זיין רייהע, יעדער האָט זיך געשטופּט, געשלאָגען דעם אַנדערען — יעדער איינציגער, און זיי זענען געווען ניין הונדערט! די צוויי סערזשאַנטען מיט די צוועלף סאָלדאַטען, וואָס דער קאָלאָנעל האָט געשיקט צו איבערוואַכען די טרינק-פּראָצעדור, האָבען פּשוט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון. אין משך פון אַ פיערטעל שעה האָבען קוים אַ צוואַנציג דערלעבט איינצושלינגען אַ גלאָז וואַסער—און מעהר ווי אַנ'עמער איז שוין געווען אויסגעגאָסען אויף דער ערד פון זייער שטופּען זיך.

דער קאָלאָנעל איז צוגעריטען צוליב'ן ליאַרם.

— ס'איז דאָ נאָר איין עצה, — האָט ער געזאָגט, — טרייבט זיי צום טייך, לאָזען זיי טרינקען פון שטראָם, ווי גבעונ'ס גבורים. „להבדיל"! (להבדיל איז געווען איינער פון די פּערעל פון זיין לשון-קודש'דיגען וואָרט-שאַץ.)

פון אונזער לאַגער ביז צו מי-נמרים איז געווען אַ גוטע מייל. אָבער דאָס איז טאַקי געווען די איינציגע רעטונג פאַר מענשען אין אַזאַ צושטאַנד. און אַזוי האָט מען געטהון.

איך בין געגאַנגען רעדען מיט די דייטשען. איך האָב געפונען צוויי הונדערט פערטיגע רעפּובליקאַנער.

— קעמפּט נאָך דייטשלאַנד?

— יאָ, — זאָג איך.

— דאַן איז קייזער ווילהעלם איינפאַך פעררייקט, — ערקלערט איינער.

— ער וואַר עס פאַם אַנפאַנג אַב — ברומט צו אַ צווייטער.

— וויר, וועניגסטענס, זינד מיט דעם קריעגע פערטיג.

— מיט קייזער ווילהעלם אַאוך!

— מיט פראַנץ אַאוך;

כ'האָב נישט געענטפערט; נישט מיין עסק. לויט מיין נאַטור האָב איך פיינד מענשען, וואָס אין 1918 האָבען זיי אַנ'אַנדער שטי-

מונג, ווי אין 1914; ווייל די מעהרסטען פון זיי, כאָטש לאַנג נישט געגאָלט, זעהען גאָרנישט אויס, ווי מיטגליעדער פון ליבקנעכט׳ס פּאַרטיי. ביי אַ פּאָר זעה איך שראַמען אויף די באַקען: קאָר-פּאָראַנטען. און וועגען זייערע גבורות אין ארץ-ישראל אין דער טערקישער צייט האָב איך גענוג געהערט אין יפו און ירושלים.

אָבער די געשיכטע, וואָס זיי דערצעהלען מיר וועגען זיך אליין, איז יאָ אינטערעסאַנט:

דריי טעג אין מדבר אָהן ברויט, אָהן וואַסער; בעדואינען, וואָס רייסען ביי דיר אַראָב דעם זייגער, דעם רינג פון האַנד, אַמאָל אַפילו די שיך פון די פיס, מאַלאַריע, חברים, וואָס פאַלען אויף דער ערד, און זאָגען: „געהט אוועק, לאָזט אונז רוהיג שטאַרבען"...

— בארנס, — זאָגט דער קאָלאָנעל, — וויפיעל מענשען זענען געבליבען אין אייער קאָמפּאַניע?

— אכטצעהן געזונדע, סער, — זאָגט מיין קאָמפּאַניע-קאָמאַנדיר.

— וועט איהר היינט ביינאַכט נעהמען די עלף הונדערט גע-פאַנגענע און אַוועקפיהרען זיי קיין יריחו.

און מיר פיהרען זיי, אַ מהלך פון צוועלף מייל, אַכטצעהן אידען מיט דריי אָפיצירען אַלס אַ וואַך איבער ניין הונדערט טערקען און צוויי הונדערט דייטשען, וואָס אַפילו אָהן כלי-זין וואָלטען זיי געקאָנט אונז אויס׳הרג׳נען אין פינף מינוט צייט. די געפאַנגענע שלעפען זיך צו פיער אין אַ רייהע; אונזערע סאָלדאַטען, מיט גע-לאָדענע ביקסען און בלאַנקע באַגנעטען, רעכטס און לינקס פון די געפאַנגענע — אַ קייט, וואו דער איינער קאָן נישט נאָר נישט זעהען דעם אַנדערען, נאָר אַפילו נישט הערען.

דער גייסטליכער געהט אויך מיט אונז, אויפצופּאַסען, אַז מען זאָל זיך רחמנות׳דיג בעגעהן מיט דעם געגנער אין זיין אומגליק.

און מען שלעפּט זיך ענדלאָז, טיט אַ גאַנג פון אַלטע ווייבער, ווידער אַמאָל איבער דעמזעלבען עמק-הירדן, נאָר אין אַ פערקעהרטער ריכטונג. אַלע שווייגען, אַחוץ די, וואָס קרעכצען פון מאַלאַריע-קאָפּ-וועהטאג; אָבער דאָס זענען צעהנדליגער פון זיי; די דייטשען קרעכצען, נאָר די טערקען וויינען ווי קליינע קינדער, אָדער ווי די שאַקאַלען, וואָס לויפען אונז נאָך אין דער פינסטערניש.

דער אידישער גייסטליכער און איך געהען די לעצטע. פלוצלונג דערהערען מיר, ווייט פאר אונז, א געשריי, א פייף, א שאס. מיר לויפען פאראויס. א גרופע ביי א זייט וועג; א טערק אויף דער ערד, איבער איהם שטעהט א סאלדאט, איינער פון די גרוזינישע „שווילי׳ס”, און שרייט אויף איהם אויף טערקיש.

— ווער האט געשאסען?

דער „שווילי” דערצעהלט. אט דער טערק וויל ווייטער נישט געהן, צו קראנק, וויל שטארבען אויפ׳ן וועג. האט ער געפרובט איהם סטראשען מיט בעדואינען און שאקאלען, ס׳העלפט נישט. האט ער אויסגעשאסען אין דער לופט און געזאגט: „אט אזוי וועל איך דיך דערשיסען, אויב דו געהסט נישט” — העלפט דאס אויך נישט.

— נעהמט צוויי אנדערע טערקען און הייסט זיי טראגען דעם קראנקען — זאגט מיין בעגלייטער.

דער „שווילי” ענטפערט קורץ און זאכליך:

— זיי וועלען איהם ארויסווארפען אין דער פינסטערניש.

בשעת מיר רעדען, געהט א קאלאנע ווייטער, און איך זעה, אז איצט קומען די דייטשען. מיר קלייבען אויס פיער פון זיי, וועלכע זעהען אויס עפעס שטארקער, ווי די אנדערע, דער גייסטליכער פרעגט זייער נאמען, און זיי מוזען שלעפען דעם טערק ביז יריחו.

פיעל האב איך נאכגעטראכט אין יענע שטונדען, שלייכענדיג זיך שטילערהייד נאך אט דער מחנה פון צובראכענע, אבגענארטע מענשען-קינדער. נאך דא נישט לאנג זענען זיי געווען די שרעק פון דער ערד... און ס׳איז דאך נאר א צופאל, וואס דאס שלעפען זיך זיי, נישט מיר. פיעל האב איך גערעדט צו זיך אליין אין יענער נאכט, אבער ס׳איז נישט כדאי צו דערצעהלען, ווייל יעדער פערשטעהט, וואס ס׳טראכט זיך אין אזא נאכט א אידען, וואס האט געלעבט אין דייטשלאנד, אין וויען, אין קאנסטאנטינאפאל, געזעהען די זעלבע חורבות פון צלם אלקים ביי זייער ארבייט, ביי זייערע טענץ, מיט זייערע מיידלעך אין פראטער. היינט, בשעת מען רופט מיך א „מיליטאריסט”, דערמאהן איך זיך אפט אין יענעם גאנג אין עבר הירדן, אפשר אין שאטען פון הר נבו, וואו משה רבינו איז געשטארבען אונטער גאט׳ס קוש.

אַ גרויזאַמע זאַך איז דאָס לעבען פון אַ פאָלק; שווער איז צו שלעפּען זיך אין מדבר; ביסט צו שוואַך צו געהן? לעג זיך אַנידער און שטאַרב. ווייל די גרויסע וועלט-אַרמעע, וואָס טראָגט אונווירדיג דעם נאָמען „מענשהייט", איז נישט קיין אידישער גדוד, מיט אַ רחמנות'דיגען גייסטליכען, און קיינער וועט דיך נישט טראָגען קיין יריחו. געה, ווי ס'געהט זיך, גרויזאַם צו זיך און צו יענעם — אָדער שטאַרב, צוזאַמען מיט דיין האָפנונג.

קאפיטעל פירצעהן

דעם דריטען פעריאָד פון אונזער דיענסט — די צייט פון וואָפּענשטילשטאַנד — האַלט איך פאַר דעם וויכטיגסטען. איך וויל נאָך מעהר זאָגען: דער אמת'ער צוועק ביי'ם שאַפען דעם גדוד איז געווען נישט אַזוי זיין בעטייליגונג אין דער מלחמה, הגם אויך דאָס האָבען מיר געוואָלט, ווי זיין פערבלייבען אין לאַנד נאָכ'ן קריעג אַלס גאַרניזאָן פון ארץ-ישראל.

די טרוימער, ביי וועלכע ס'איז געבוירען און אויסגעהאָדעוועט געוואָרען דער גדוד-געדאַנק, זענען נישט געוועזן קיין ראָמאַנטיקער. אַלע זענען מיר תכלית-מענשען. רוטענבערג האָט דאָס בעוויזען מיט דעם, וואָס היינט ברענען עלעקטרישע לאָמפּען אין תל-אביב און חיפה; מאיר גראָסמאַן און יעקב לאַנדוי מיט דעם, וואָס די לעזער פון אידישע צייטונגען אין טאָרגאָפּאָל, גאַליציען, בעקומען יעדען פריה-מאָרגען טעלעגראַפישע ידיעות וועגען דעם, וואָס איז נעכטען געשעהן ביי די אידען אין בוענאָס-איירעס; טרומפּעלדאָר מיט דעם, וואָס פון זיין חלוץ-טרוים זענען געבוירען געוואָרען יענע חלוצים, וועלכע בויען היינט ארץ-ישראל. נאַטירליך, האָבען מיר אַלע געלעגט דעם גרעסטען ווערט דערויף, אַז אידישע סאָלדאַטען זאָלען שפּיעלען אַ ראָל ביי דער עראָבערונג פונ'ם היימלאַנד. איך וועל געהן ווייטער און מודה זיין גאַנץ אָפען: מיר האָבען אַלע געהאָפט, אַז אָט די ראָל וועט זיין פיעל גרעסער, ווי זי איז באמת געווען. נישט פון אַנדערטהאַלבען באַטאַליאָנען האָבען מיר געחלומ'ט אין אָנפאַנג פון

אונזער אַרבייט; און נישט פון באַטאַליאָנען, וואָס וועלן ערשיינען אין פעלד אַזוי שפּעט, נאָכדעם, ווי האַלב ארץ־ישראל און דערונטער אויך ירושלים זענען שוין געווען בעפרייט אָהן זייער הילף. אמת, אונזער גדוד, אַזוי ווי ס'איז געלונגען איהם צו שאַפען, האָט אויך געשפּיעלט אי אַ בכבוד'יגע אי אַ נוצליכע ראָל אין וויכטיגסטען מאָמענט פונ'ם ארץ־ישראל־קריעג און וועלט־קריעג; אָבער געטרוימט האָבען מיר וועגען עפּעס מעהר. געטרוימט האָבען מיר פון אַנ'אַרמעע, וואָס וועט דורכמאַכען מיט די ענגלענדער דעם גאַנצען וועג פון משה רבנו מיט'ן דור־המדבר, מיט'ן גאַנצען געוויכט, וואָס אַזאַ צאָהל וואָלט איהר געקאָנט געבען.

אָבער זייענדיג תכלית־מענשען, האָבען מיר אויך בשעת יענע טרוימערייען גאַנץ קאַלט בערעכענט און פערשטאַנען, אַז אַפילו דרייסיג טויזענד זענען נאָר אַ פינפטעל, אויב נישט ווייניגער, פון יענער מחנה, וואָס מען דאַרף האָבען, כדי צו עראָבערן ארץ־ישראל. פון אָנהויב אָן האָבען מיר זיך אָבגעגעבען אַ קלאָרען דין־וחשבון, אַז דער אידישער לעגיאָן, ביי דעם בעסטען ערפאָלג, קאָן זיין נאָר אַ טייל פון דער ערָאָבערונגס־אַרמעע. אָבער גאָר אַנ'אַנדער זאַך איז די אָקופּאַציאָנס־אַרמעע. דאָ האָבען מיר געזעהען די הויפּט־מיסיע פונ'ם אידישען לעגיאָן. ווען עס איז נישטאָ קיין מעגליכקייט, ער זאָל זיין אַזוי שטאַרק, כדי אַליין דורכצופיהרען דעם כיבוש, מוז ער אָבער — און דאָס איז געווען אונזער הויפּט־ציעל — זיין גענוג שטאַרק, כדי צו בילדען דעם רוב־מנין ורוב־בנין פון יענעם גאַרניזאָן, וואָס וועט בלייבען אין ארץ־ישראל נאָכ'ן כיבוש. אַ גאַרניזאָן דאַרף נישט זיין אַזוי גרויס, ווי אַנ'ערָאָבערונגס־אַרמעע. פאַר אַ קליין לאַנד, ווי ארץ־ישראל, זענען נישט נאָר 30, נאָר אַפילו 20, אַפילו 15 טויזענד סאָלדאַטען גענוג, כדי צו שפּיעלען די ערשטע פידעל ביים בעשיצען די אָרדנונג. און עס איז זעהר וויכטיג, אַז זיי זאָלען אָט די דאָזיגע ראָל ערפילען דווקא אין יענע חדשים, ווען צווישען די פערשיעדענע רעגירונגען וועט אָנגעהן דער ויכוח וועגען דער צוקונפט פון די ערָאָבערטע לענדער.

און ווידער וויל איך מודה־זיין: אויך דאָס איז אונז געלונגען אין אַ פיעל קלענערער מאָס, ווי מיר האָבען געהאָפט. מיט'ן

אויסנאַהם פֿון איין מאָמענט — און דווקא אַ וויכטיגען און קריטישען מאָמענט, וועגען וועלכען איך וועל רעדען שפּעטער — איז דער אידישער גדוד נישט געווען דער רוב-מנין ורוב-בנין אין דער אָקו-פּאַציאָנס-אַרמעע, וואָס איז געבליבען אין ארץ-ישראל אין דער צייט פֿונ׳ם וואַפֿענשטילשטאַנד.

איך בין אַלזאָ פֿריי פֿון איבערשעצען, אָבער דער לעזער זאָל אויך נישט אונטערשעצען. אין 1919 האָט אונזער גדוד אויסגעמאַכט אַ פֿיעל גרעסערען טייל פֿון דער בריטישער אַרמעע אין ארץ-ישראל, ווי אין 1918. ערשטענס איז דער גדוד אַליין געוואָרען דריי מאָל גרעסער. אין דער אָפֿענזיווע האָבען אָנטייל-גענומען נאָר אָנדערטהאַל-בען באַטאַליאָנען, מיט אַ נאָמינאַלער מאַנשאַפֿט פֿון 1500 סאָלדאַטען. די אַנדערע האָבען נאָך געלערנט די מלאכה אין מצרים. אָבער צום אָנפֿאַנג פֿון 1919 האָבען אונזערע דריי באַטאַליאָנען פֿערמאָגט צוזאַ-מען מעהר ווי פֿינף טויזענד סאָלדאַטען. דאָס איז איינס. און פֿון דער אַנדערער זייט איז די בריטישע אַרמעע נאָכ׳ן זיעג געוואָרען פֿיעל קלענער. אַ גרויסען טייל האָט מען געשיקט קיין סיריען און דרום-אַנאַטאָליען, אַ טייל ווידער איז געגאַנגען קיין מצרים; באַלד האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די דעמאָביליזאַציע, וועלכע איז פֿאָרגעקוממען ביי זיי פֿריהער, ווי ביי אונז. די גענויע ציפֿערען געדענק איך נישט. איך גלויב אָבער, אַז דורכשניטליך זענען אין 1919 געשטאַנען צווישען „דן און באר שבע" נישט מעהר ווי אַ דרייסיג טויזענד סאָדאַטען אין דער בריטישער אוניפֿאָרם, רעכענענדיג דערצו אויך די פֿאַרביגע (מעהרסטענס אינדישע) טרופּען. פֿון אָט דער צאָהל זענען מיר געווען אַ זעקסטעל, און אין דער וויכטיגסטער פֿאָרמאַציע פֿון דער אַרמעע— אין דער אינפֿאַנטעריע, האָבען מיר אויסגעמאַכט מסתמא אַ פֿיערטעל, פֿון דער ווייסער אינפֿאַנטעריע—כמעט אַ העלפֿט. איך דערמאָהן דאָס אַלץ, נישט צוליעב דעם, כדי צו פֿערשאַפֿען אַ נחמה זיך אָדער דעם לעזער, נאָר צוליעב דעם, וואָס אָביעקטיוו שפּיעלט די טיילונג אַ חשוב׳ע ראָל ביי אַלע מיליטערישע צעהלונגען. ענגלענדער אַליין מאַכען אַ גרויסען אונטערשיעד אין דעם ווערט צווישען ווייסע און פֿאַרביגע סאָלדאַטען. זיי האָבען צו די אינדישע טרופּען צוטרוי, אָבער נאָר ביז צו אַ געוויסער גרעניץ. די גרעניץ קאָן אַמבעסטען

אילוסטרירט ווערן דורך דעם, וואָס אין זייערע אינדישע רעגימענטען זענען אַלע ווירקליכע אָפיצירען, ביז צו די סעקאָנד-לייטענאַנטס, אויסשליסליך ווייסע. די הינדוסען גיט מען בעזונדערע טיטלען, ווי „דזשעמאדאר", און „סובאדאר", אָבער פאַר קיין אָפיצירען מאַכט מען זיי נישט. איך האָב געהערט, אַז איצט האָט זיך דאָס ביסלווייז געענדערט; אָבער אין 1919—1920 איז דאָס נאָך געווען אַזוי. אַלס „פולווערטיג" האָט מען גערעכנט נאָר די ווייסע טרופען; און ווי אין קריעג, אַזוי אין אָקופּאַציאָנס-דיענסט איז די אינפאַנטעריע די הויפּט-שטיצע; און אין דער ווייסער אינפאַנטעריע זענען אידען דעמאָלט געווען — אויב איך האָב נישט קיין טעות — נישט ווייט פון אַ העלפט.

און ס'איז געקומען אַ מאָמענט, ווען די פּראָפּאָרציע איז געוואָרען נאָך גרעסער. ס'איז געווען, ווי שוין דערמאָהנט, אַ קריטישער מאָמענט פאַר ענגלאַנד'ס פּאָזיציע אין נאָהענטען מזרח. אין פריהלינג 1919 זענען אין גאַנץ מצרים אויסגעבראָכען שווערע אונרוהען. כמעט אַלע ווייסע טרופען, סיי אינפאַנטעריע און סיי קאַוואַלעריע, האָט מען דעמאָלט איבערגעפיהרט פון ארץ-ישראל קיין מצרים. אַחוץ די אינדישע סאָלדאַטען און אַחוץ איין ענגלישען באַטאַליאָן אין ירושלים, זענען אין אונזער לאַנד געבליבען, אויף וויפיעל ס'איז בעקאַנט, נאָר די 5000 אידישע סאָלדאַטען.

צוויי חדשים האָבען געדויערט די אונרוהען אין מצרים. אין משך פון יענע צוויי חדשים האָט דער אַראַבישער עולם אין ארץ-ישראל געלעבט אין אַ כסדר'דיגער אויפרעגונג. יעדען טאָג פלעגען זיך פערשפרייטען די משונה'דיגסטע קלאַנגען וועגען מכלומר'שטע ענגלישע מפּלות. מ'האָט דערצעהלט, אַז אַלענבי איז גע'הרג'עט געוואָרען, אַז די נאַציאָנאַליסטען האָבען עראָבערט קאַאיראָ, אַז אַראַבי-פּאַשאַ (אַן עגיפּטישער העלד פון 1882, וועלכען די ענגלענדער האָבען בעשלאָגען ביי טעל-על-קעבור) איז אויפגעשטאַנען פון קבר, און אַזוי ווייטער, אָהן אַ סוף. יעדען טאָג פלעגען זיך אריינ'גנב'ענען קיין ארץ-ישראל — פאָהרענדיג מיט דער אייזענבאַהן, אָדער רייטענדיג אויף פערד, אָדער צופוס — פערשיעדענע אַגיטאַטאָרען, גאָט ווייס דורך וועמען געשיקט און בעצאָהלט, און זיך פערשפרייטען איבער די שטעדט, שטעדטלעך און דערפער, און האַלטען דרשות אין יעדען

קאַפּע און אַמאָל אויך אויפ'ן מאַרק, אויפרייצענדיג די אַראַבער געגען ענגלענדער און אידען.

ס'איז ווירקליך געווען אַ געפעהרליכע צייט. די ענגלישע גאָ־ווערנערס אַליין האָבען געשאָקעלט מיט בעזאָרגטע קעפּ, קלאָגענדיג זיך פאַר אונז (איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליעד פון ועד הצירים) אויף דער קליינער צאָהל פונ'ם גאַרניזאָן, וואָס מען האָט איבערגע־לאָזט אין ארץ־ישראל, און דערצו נאָך אינדישע טרופּען, וואָס זענען צום גרעסטען טייל אַליין געווען מוסולמענער און האָבען געהאַט גרויס פּערדרוס צוליעב דעם גורל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם שפּל'דיגען מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך דער קאַליפאַט.

דאַמאָלס האָט מען זיך אין הויפּט־קוואַרטיר ווידער דערמאָהנט אָן דעם ווערט פון אידישען גדוד. אין אַזאַ צייט איז דאָס וויכ־טיגסטע אָבצוהיטען דעם נערווען־סיסטעם פון אַ לאַנד: די אייזענ־באַהן־ליניען, און די אייזענבאַהנען האָט מען בעזעצט מיט אידען — פון ראַמאַני אין מדבר סיני ביז צו ראפא אויף דער עגיפּטישער גרעניץ, פון ראפא איבער עזה ביז לוד און יפו, פון לוד ביז חיפה, פון חיפה ביז'ן ים כנרת. אין יפו און אין חיפה, אפשר די וויכטיגסטע צענטרען פון אַגיטאַציע, זענען אויך געשטאַנען אידישע גאַרניזאָנען; אין יפו — די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטען, אין חיפה — די ארץ־ישראל'דיגע. בלויז אין ירושלים האָט מען זיך פּער'עקשנ'ט נישט צו דערלאָזען דעם גדוד (וועגען דעם וועל איך נאָך רעדען). אין ירושלים איז געווען אַנ'ענגלישער באַטאַליאָן, אָבער דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אַרומגערינגעלט דורך אַ קייט פון אידישע לעגיאָנערען.

און דער רעזולטאַט — צוויי חדשים פון אַבסאָלוטער אָרדנונג און רוה.

אַז אין אַ לאַנד איז רוהיג, ליידט דער כראָניקער: ס'איז נישטאָ וואָס צו דערצעהלען וועגען אָט דעם פעריאָד. פון-זמן דער לעגיאָן איז געווען אַ בעמערקבאַרע מאַכט אין ארץ-ישראל, איז אין ארץ-ישראל נישט פאָרגעקומען קיין איינציגער צוזאַמענשטויס, נישט קוקענדיג אויף דעם ביישפּיעל פון מצרים. ערשט נאָכדעם, ווי די דעמאָביליזאַציע האָט פון אונזערע 5000 סאָלדאַטען איבערגעלאָזט פיער הונדערט — ערשט דעמאָלט האָט מען אין תל-חי דערשאָסען טרומפעלדאָר'ן מיט זיינע אַכט חברים, און אין ירושלים איז אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם. אָבער אָט די צוויי טראַגעדיעס געהערען נישט צו דער געשיכטע, וואָס איך דערצעהל. איך דערצעהל וועגען גדוד: אַזוי לאַנג ווי דער גדוד איז געווען אַ גדוד, איז געווען רוהיג און שטיל — און דער מיליטערישער כראָניקער האָט נישט וואָס צו פערצייכענען.

דאָס האַלט איך בכלל פאַר דער הויפּט-אויפגאַבע פון אידישען גדוד אין ארץ-ישראל. אויך פון יענעם נייעם גדוד, פאַר וועלכען ס'קעמפט איצט איינע פון די ציוניסטישע ריכטונגען און וועט קעמפען ביז זי וועט ווידער אויספיהרען; אַ גדוד דאַרף מען האָבען, כדי דער מיליטערישער כראָניקער זאָל קיינמאָל אין דער צוקונפט נישט האָבען וואָס צו פערצייכענען. דער כראָניקער פון אויפבוי-ווערק — יאָ; דער כראָניקער פון קולטור-אַרבייט — יאָ; דער כראָניקער פון אונרוהען און צוזאַמענשטויסען — גאָרנישט, ווי אין 1919.

און דאָ וויל איך זיך אָבשטעלען אויף דער פראַגע, וואָס אין ציוניסטישע וכוחים שפּיעלט זי אַ גרויסע ראָלע: איז דאָס אמת, אַז אַ אידישער גדוד רייצט אויף און פּראָוואָצירט?

אַזאַ פראַגע מוז מען בעהאַנדלען עהרליך. בשעת עס איז דאָ אין לאַנד אַ בעפעלקערונג, וועלכע וויל נישט הערען פון קיין אידישער „נאַציאָנאַל-היים", איז דאָס נאַטירליך, אַז עס פערדריסט זי יעדע מאַניפעסטאַציע פון אידישער טעטיגקייט און אָנוועזענהייט. מעהר פון אַלצדינג פערדריסט זי די אידישע אימיגראַציע, אפשר נאָך מעהר—דאָס וואַקסען פון אידישען לאַנד-בעזיץ, אָדער אַלע אַנדערע ערשיינונגען, אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס דער אידישער פּאָרמאַרש און פּרעטענזיע אויף אַ פיהרענדע ראָל אין לאַנד, ווי

למשל: אַ אידישער נציב העליון, די פייערליכע ערעפנונג פון אַ העברעאישער אוניווערזיטעט. צו אַט דער קאַטעגאָריע געהערט אויך אַ אידישער גדוד. קיינער לייקענט נישט אָב, אַז אונזערע געגנער אין 1919 זענען געוועזן אונצופריעדען, וואָס עס שטעהען אידישע באַטאַליאָנען אין לאַנד; און אויב מען וועט מאָרגען שאַפען נייע באַטאַליאָנען, וועלען זיי ווידער זיין אונצופריעדען. אָבער ס'איז נישט עהרליך צו טענה'ן, אַז צוליעב אַט דער שטימונג אליין זאָל מען זיך אָבזאָגען פון דער זאַך, וואָס רופט אַרויס אַזאַ שטימונג, ווייל אויב די שטימונג איז אַ בעגרינדעטער תירוץ אויף אָבצוזאָגען זיך, דאַן מוז מען בכלל מוותר זיין אויף ציוניזם.

עהרליך שטעלען די פראַגע הייסט אָבוועגען ביידע זייטען: אי דעם שאָדען, אי דעם נוצען. אַ שאָטען-זייט איז דאָ אין יעדער זאַך. יעדע רפואה ענטהאַלט אין זיך אַנ'עלעמענט, וואָס אין אַנדערע בע-דינגונגען וואָלט מען איהם גערופען סם. איך גלויב שטאַרק און האַלט, אַז דאָס לעבען איז לאָגיש; נאָר אידען — לכל-הפחות דער נעכטיגער דור, וואָס הערשט נאָך איבער אונזערע הייגטיגע ענינים — אידען האָבען פיינד לאָגיק און גלויבען נישט אין טעאָריע. זיי ווע-לען זיך רעכענען נאָר מיט פאַקטען. גוט: אַט איז דער פאַקט — דער גדוד אין 1919, פינף טויזענד אידישע סאָלדאַטען, וואָס דער געגנער זעהט זיי אויף יעדען טריט און שריט — און ס'איז רוהיג אין לאַנד. און אָט איז דער אַנדערער פאַקט: 1920, פון גדוד איז געבליבען כמעט גאָרנישט — און מיר האָבען די פינסטערע טעג פון תל-חי און אַ נייעם קישיניעוו אין ירושלים.

כ'ווייס, אַז מען קאָן דאָ איינווענדען דאָס און יענץ. ס'איז אַ לאַנגער ויכוח, און איך וויל זיך אין איהם נאָך בעטיידיגען, אָבער נישט דאָ. שליסליך איז דאָך דאָס נישט קיין פובליציסטישער אַר-טיקעל, נאָר גלאַט אַ קאַפּיטעל פון מיינע זכרונות פון דער גדוד-צייט, וואו איך בין בערעכטיגט צו דערמאָהנען, וואָס איך האָב בעמערקט בנוגע דעם איינפלוס, וואָס דער לעגיאָן האָט געהאַט; אָבער פאָלעמיק אינטערעסירט מיך דאָ נישט. ס'איז געווען אַ גדוד, און אָט זענען די פאַקטען וועגען זיין איינפלוס; ווער ס'וויל, זאָל מאַכען די געהעריגע אויספיהרונגען.

נאָך איין בעמערקונג — נישט וועגען דער בעציהונג פון דער נישט-אידישער בעפעלקערונג צו אונזערע לעגיאָנערען, נאָר פערקעהרט — וועגען דער בעציהונג פון די לעגיאָנערען צו אָט דער נישט-אידישער בעפעלקערונג.

אין צוויי זאַכען נויטיגט זיך אַ גאַרניזאָן-טרופּע, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, ווי דער אידישער גדוד אין ארץ-ישראל: זי מוז זיין שטאַרק און זי מוז זיין טאַקטפול. איהר אויפגאַבע איז נישט נאָר אַ ריין מיליטערישע; ס'געהערט דערצו אויך אַ היבש ביסעל דיפּלאָמאַטיע. און דאָס שווערסטע דערביי איז דאָס: אויב עס האַנדעלט זיך וועגען כח — ווען ס'קומט אָן אַזאַ אונגליקליכע נויטווענדיגקייט — וועט מען דעם דאָזיגען כח בעווייזען קאָלעקטיוו, אונטער דער קאָמאַנדאָ פון ערפאַהרענע, געשולטע אָפיצירען; אָבער דיפּלאָמאַטיע און טאַקט מוז בעזיצען יעדער סאָלדאַט אינדיווידועל — אין זיינע בעציהונגען מיט איינצעלנע מענשען אויף דער גאַס, אין קאַפע, אויפ'ן מאַרק, ווען ער קויפט אַפּעלסינען ביי אַ מאַרק-פרוי. און דאָס קאָן מען דערגרייכען נאָר מיט דער הילף פון דריי מינים מענשען: אָדער אַזעלכע, וואָס זענען פון דער נאַטור געבענשט מיט איינגעבוירענעם טאַקט; אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען בכלל פיינד צו פערקעהרען מיט פרעמדע — וואָס זייער „דיפּלאָמאַטיע" בעשטעהט אין האַלטען זיך פונדערווייטענס; אָדער מענשען, וועלכע האָבען בעקומען אַ געוויסע ערציהונג דירעקט אין אָט דעם זין פון טאַקטפולער בעהאַנדלונג פון איינגעבוירענע — אַזוי, ווי למשל, די ענגלישע סאָלדאַטען אין אינדיען, וועלכע מאַכען-דורך אַ מין ספּעציעלען „קורס" וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף זיך בעגעהן מיט הינדוסען.

שוין פון אָט דער הקדמה קאָן מען פערשטעהן, אַז נישט אַלע אונזערע לעגיאָנערען זענען געווען אימשטאַנד גלענצענד אויסצוהאַלטען דעם עקזאַמען. די גרויסע מעהרהייט האָט זיך יאָ געהאַלטען גאַנץ קאָרעקט. דער בעסטער בעווייז איז אָט דער: אין 1919 האָט די אַראַבישע עקזעקוטיווע געגעבען אַ בעפעהל, אַז מ'זאָל שיטען פון אַלע זייטען מיט בעשולדיגונגען געגען דער האַלטונג פון די אידישע סאָלדאַטען; און ס'האָט זיך אָנגעהויבען צו „שיטען". אונזערע דריי קאָלאָנעלס האָבען תיכף פערלאַנגט, אַז יעדע בעשול-

דיגונג זאָל אויסגעפּאָרשט ווערען נישט נאָר דורכ׳ן באַטאַליאָן אַליין, נאָר אויך דורך דער מיליטער-פּאָליציי. און ס׳איז דערוויזען געוואָרען, אַז 99 פּראָצענט פון די אָנקלאָגען זענען געווען אונבאַגרינדעט און האָבען נאָך זיך נישט געצויגען קיין שום דיסציפּלינאַרע שטראָפען; און אין אַ חודש צייט האָט די אָנקלאָגען-עפּידעמיע אינגאַנצען אויפגעהערט.

אָבער ס׳זענען אויך געווען אויסנאַהמען,—איך מוז זיך באַיילען צו זאָגען, אַז נישט זעהר וויכטיגע. כ׳געדענק נישט קיין איינציגען פּאַל, ווען אַנ׳אַראַבער זאָל האָבען גע׳הרג׳עט אָדער פערוואונדעט געוואָרען פון אַ אידישען סאָלדאַט, כאָטש מיט סאָלדאַטען פון אַנדערע רעגימענטען איז דאָס פּאָרגעקומען, און נישט אַזוי זעלטען. די אויסטראַלישע סאָלדאַטען האָבען פערברענט אַ גאַנץ דאָרף — סוראפענדי, נישט ווייט פון לוד, צוויי שריט פון אַלענבי׳ס הויפּט-קוואַרטיר, און האָבען דערביי אויסגעקוילעט אַ געוויסע צאָהל דערוואַקסענע אַראַבער (די ווייבער און קינדער האָבען זיי „ריטערליך" געהייסען פריהער אַוועקגעהן), אַלץ צוליעב דעם, וואָס זייער׳ס אַ חבר איז דערשאָסען געוואָרען אין יענעם דאָרף. ביי אונז איז נישט בלויז נישט פאָרגעקומען קיין עהנליכער פּאַל, נאָר בכלל איז נישט געווען צו פערצייכענען קיין ערנסטע צוזאַמענשטויסען. ס׳זענען אָבער יאָ געווען פּאַלען פון גראָבקייט, פון אונגוויטיגע סכסוכים, פון אָנטיילנעהמען אין אַ שכורער פּאַטשעריי און עהנליכע קליינינקייטען — אָבער קליינינקייטען, וועלכע מען וואָלט געדאַרפט פערמיידען.

דאָ בעט איך אַנ׳ערלויבניש צו רעדען גאַנץ אָפען. כ׳וויל קיין שום קאַטעגאָריע פון מיינע געוועזענע לעגיאָן-חברים נישט באַליידיגען; אָבער די באַאָבאַכטונג האָט מיך געפיהרט צו געוויסע אַלגעמיינע מסקנות, און זיי קאָנען אפשר זיין נוצליך ביי דער באַהאַנדלונג פון אונזער אַלגעמיינער ריכטונג אין דער פּראַגע וועגען טאַקט און טאַקטיק אין ארץ-ישראל.

צוויי קאַטעגאָריעס פון אונזערע סאָלדאַטען שטעהען בכלל פריי פון יעדען פּאָרוואורף אין אָט-דער הינזיכט. ביי זיי זענען אפילו קיין אויסנאַהמען נישט געווען.

ערשטענס, דער אינטעליגענטער טייל פון די ארץ-ישראל׳דיגע

מתנדבים: געוועזענע יפו'ער גימנאַזיסטען, מיטגליעדער פון אַרבייטער־פּאַרטייען, לעהרער, פּקידים, קאָלאָניסטען. זייער האַלטונג איז געווען דעמאָלט, ווי זי איז היינט, — העפליך, פריינדליך אָהן אינטימקייט, ווירדיג אין יעדער הינזיכט.

די צווייטע קאַטעגאָריע זענען די „ענגלישע באָיס", יענע, וועלכע מען האָט ביי אונז צוערשט לאַכענדיג, שפּעטער מיט כבוד גערופען „די שניידער". וועגען זיי וועל איך רעדען אין נעכסטען קאַפּיטעל, ביים בעשרייבען די פערשיעדענע עלעמענטען פון לעגיאָן; דאָ וועל איך נאָר דערמאָהנען, אַז זיי זענען געווען פון יענע, וואָס האַלטען זיך „פונדערוויטענס". זיי האָבען פּינקטליך און געטרוי געטהון זייער דיענסט און געשריבען בריעף אַהיים צו זייערע ווייבער; נישט ציוניזם, נישט ארץ־ישראל בכלל און אויך נישט די אַראַבער האָבען זיי אינטערעסירט. ווען אַ שכור'ער אַראַבער האָט זיי געוואָרפען אַ זידעל־וואָרט אויף דער גאַס, האָבען זיי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

נישט אַזוי גלאַט איז דאָס אָבער געווען ביי די אַמעריקאַנער. אויך ביי זיי איז „פּערטשעפּען זיך מיט אַראַבער" געווען אַ זעלטענער אויסנאַהם, אָבער אַזעלכע אויסנאַהמען זענען געווען. און עס איז מערקווירדיג צו זאָגען: איך האָב געהאַט דעם איינדרוק (ווייל מיך האָט מען אָפט געשלעפּט צו זיין דער פערמיטלער און דער אַדוואָקאַט ביי אַזעלכע געלעגענהייטען), אַז דאָס געשעהט צוליעב דעם, וואָס דער אַמעריקאַנישער עלעמענט איז געווען אַ שטאַרק ציוניסטישער. אין געגענזאַץ צו די ענגלענדער, האָבען די „אַמעריקאַנער" מיטגעבראַכט אַ שטאַרקען, אָפטמאָל אַפילו אַ פיבערהאַפטען אינטערעס צו ארץ־ישראל און צו אַלצדינג אין ארץ־ישראל. זיי האָט יעדע זאַך אויפגערעגט, יעדע קלייניגקייט „געאַרט".

צו די נישט־אידישע איינוואוינער האָבען זיי זיך צוגעקוקט צום טייל מיט פאַראַכטונג און צום טייל מיט סימפּאַטיע. אָבער זיי האָבען זיך צוגעקוקט, בשעת די „ענגלישע" האָבען זיי פּשוט איגנאָרירט. און צוליעב דעם איז אין זייערע אויגען אַ נאַרישע ליצנות פון אַ גאַסען־שייגעץ אַמאָל אויסגעוואַקסען צו דער מדרגה פון אַ קלאַפּ געגען דעם נאַציאָנאַלען כבוד, און אַ שאָס אין אַן אַראַבישען דאָרף, וואָס האָט קיינעם נישט געטראָפען — אין אַ סכנה פאַר'ן

גאַנצען פאָלק ישראל. ס׳איז אַ בעקאַנטע זאַך: ס׳איז נישט שווער צו זיין טאַקטפול דאָרט, וואו מען פיהלט זיך גלייכגילטיג; פיעל שווערער איז האַלטען די ריכטיגע מאָס דאָרטען, וואו מען האָט עפּעס שטאַרק ליעב. דעריבער זענען מיינע בעמערקונגען נישט קיין פאָרוואורף; אָבער אַ פאַקט איז אַ פאַקט.

אַמשווערסטען איז אָבער געווען מיט אַנ׳אַנדערען טייל מתנדבים פון ארץ־ישראל — מיט יענע, וואָס זענען אַליין אויסגעוואקסען אין דער אָריענטאַלישער סביבה. זיי האָבען גאָרנישט פיינד געהאַט דעם אַראַבער, פערקעהרט — זיי האָבען זיך מיט איהם געפיהלט גאַנץ היימישליך און ברידערליך און גערעדט זיין לשון, ווי ער אַליין. און דוקא אָט־דאָס האָט געבראַכט צו די מיינסטע און אונאַנגענעהמסטע סכסוכים. אָט איז אַ טיפּישע סכעמע פון אַזאַ סכסוך: אַ אידישער סאָלדאַט פון אָט־דער קאַטעגאָריע, זייענדיג אין אורלויב, בעגעגענט זיך מיט אַ בעקאַנטען אַראַבער; מ׳גריסט זיך, מ׳צוקושט זיך אַפילו לויט דעם אָריענטאַלישען מנהג; מ׳געהט אין אַ קאַפע, מ׳טרינקט צוזאַמען, מ׳שפּיעלט אין קאָרטען, מען פיקט זיך אַביסעלע, ווי ס׳טרעפט צווישען פריינד — מ׳ווערט וויציג — און דער סוף איז אַ פּאַטשעריי. אָדער נאָך אָפטער, — אַ פאַל, וועלכען איך האָב שוין צוויי מאָל דערמאָהנט: אַ שכור׳ער אַראַבער וואַרפט אַ שמוץ־וואָרט אויף דער גאַס. ביי דעם היציגען אַמעריקאַנער ציוניסט קאָן נאָך זיין אַ האָפנונג, אַז ער האָט דאָס נישט פערשטאַנען, ווייל יענער שרייט דאָך אויף אַראַביש. אָבער אָט דער איד פערשטעהט אַראַביש און נאָך ערגער — ער קאָן ענטפערן אין דער זעלבער שפּראַך. שטעלט ער זיך טאַקי אַוועק ענטפערן. דער אַראַבישער שעלט־לעקסיקאָן איז געוואַלדיג רייך און ענטהאַלט אַלערליי גראַדאַציעס; אָבער די העכסטע גראַדאַציע איז דאָך שטענדיג דאָס אַלטע עספּעראַנטאָ פון פּאַטשען.

פאַר פיעל לעזער וועט אָט־די בעאָבאַכטונג מיינע זיין איבערראַשענד: מ׳האָט דאָך ליעב ביי אונז צו רעדען וועגען דעם, אַז דער „ישוב" וואָלט געדאַרפט זיך „דערנעהנטערען" צו די איינגעבוירענע, אַריינגעהן אין זייער סביבה א. אַ. וו. און אַז דערפון וועט ווערען שלום. אפשר יאָ, אפשר נישט, — איך שרייב דאָ נישט קיין פּובליציסטיק, איך דערצעהל נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזעהען.

און געזעהען האָב איך, אַז וואָס „נעהנטער", אַלץ ערגער פאַר'ן שלום. און אפשר האָט מען דאָס בעמערקט נישט נאָר אין ארץ־ישראל, און נישט נאָר אין בעצוג צו פערהאַנדלונגען וועגען דעם, למשל, וואָס סעווילּיאַנאַ עמונד האָט געשלאָגען דעם שיך־פוצער אַבדאַלאַ בייע יפו־טויער אין ירושלים. אויך דער אַלטער חכם מענדעלסאָן האָט אַמאָל געמיינט, אַז דאַדורך, וואָס די אידען וועלען זיך אַריינשטופען אין דער דייטשער געזעלשאַפט, וועט קומען צו אַ פערברידערונג. צום סוף האָט עס געבראַכט צו דאַרווינ'ס פילאָזאָפיע, צו שטעקער'ס אַגיטאַציע און לאָקאַל־פערוואַלטונג אין וויען. פאַרזיכטיג, רבותי.

קאַפּיטעל פופצעהן

איך האָב פּערשפּראָכען צו בעשרייבען אונזערע סאָלדאַטען. עס איז באמת געווען אַ קליינער קיבוץ-גלויות. איינגאַנצען האָבען זיך אין דעם „דזשודעאַן רעדזשימענט" (דאָס איז געווען דער נאָמען, וואָס מיר האָבען אָפיציעל געקריגען נאָכ'ן זיעג) פּערשריבען מעהר ווי צעהן טויזענד; אָבער אַ העלפט פון זיי האָב איך קיינמאָל נישט געזעהען — מ'האָט זיי רעקרוטירט צו שפּעט, דער קריעג האָט זיך דערווייל געענדיגט, און ס'איז שוין נישט כדאי געווען זיי צו שיקען אויפ'ן פראָנט... מ'האָט זיי דעמאָבּיליזירט דירעקט פון אונזער באַזיס-לאַגער אין פּאָרטסמוט, וואו זיי האָבען זיך געאיבט אונטער דער קאָמאַנדאָ פון אידישען קאָלאָנעל מילער, וועלכען איך האָב אויך נישט געקענט.

אין ארץ-ישראל האָבען מיר געהאַט נאָר בערך פינף טויזענד, צוטיילט אין דריי באַטאַליאָנען: דער 38-טער, דער 39-טער און 40-טער פון „ראָיאַל פיוזיליערס" (קעניגליכע שיסער), וועלכע מ'האָט שפּעטער בעצייכענט אַלס 1-טער, 2-טער, 3-טער באַטאַליאָן פון „דזשודעאַנס". כ'מוז אָבער זאָגען, אַז אי דער ערשטער אי דער צווייטער אָפיציע-לער נאָמען זענען געבליבען טויט. פון אַלענבי'ס הויפּט-קוואַרטיר ביז צו די אַראַבישע דערפער האָט מען אונז גערופען (אָפט אפילו אין דער אָפיציעלער קאָרעספּאָנדענץ) דער „אידישער רעגימענט" — דער-זעלבער נאָמען, וואָס מען האָט אונז געוואָלט געבען פון אָנפאַנג אָן און געגען וועלכען ס'האָבען אַזוי ביטער פּראָטעסטירט די אַסימילאַ-טאָרען בשעת זייער בעזוך ביי לאָרד דערבי.

די ענגלישע און די אַמעריקאַנער זענען געווען פונאַנדערגע־טיילט אין די צוויי ערשטע באַטאַליאָנען, כאָטש דער 38־טער איז געווען מעהר „ענגליש" און דער 39־טער כמעט אינגאַנצען „אַמערי־קאַניש". די ארץ־ישראל'דיגע האָבען געדיענט אלע צוזאַמען, צוערשט אַלס 40־טער באַטאַליאָן, און שפּעטער, ווען די דעמאָביליזאַציע האָט אויפגעגעסען די צוויי אַנדערע, אַלס ערשטער „דזשודעאַן באַטאַליאָן".

דעם 28־טען באַטאַליאָן האָט געפיהרט קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, דעם 29־טען—קאָלאָנעל מאַרגאָלין, און אינ'ם ארץ־ישראל'דיגען באַ־טאַליאָן האָבען זיך געביטען דריי קאָלאָנעלס: צוערשט סעמיועל, דאַן אַ קריסט מיט'ן נאָמען סקאָט, און שפּעטער, ביז צום סוף פון דער עקזיסטענץ פונ'ם גדוד — מאַרגאָלין.

כ'וועל אָנפאַנגען פון די קאָלאָנעלס.

וועגען פּאַטערסאָנ'ען האָב איך שוין אָפט גערעדט. דאָ וויל איך נאָר אונטערשטרייכען איין זאַך. אונדאַנקבאַר איז צו איהם גע־ווען אי זיין אייגען לאַנד, אי דאָס אידישע פאָלק. ער איז אפשר דער איינציגער ביישפּיעל אין דער גאַנצער בריטישער אַרמעע פון אַ מענשען, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען דעם קריעג אַלס אַ לייטע־נאַנט־קאָלאָנעל און געענדיגט אַלס אַ לייטענאַנט־קאָלאָנעל, אָהן שום אַוואַנס, אַפילו אָהן וועלכען ס'איז אָרדען — כאָטש ער האָט געדיענט פון אָנהויב ביז'ן סוף, און כאָטש סיי זיין מיול־קאָרפּוס, סיי זיין אידישער באַטאַליאָן זענען געווען עטליכע מאָל „דערמאָהנט אין דעס־פּאַטשעס". אַלענבי, וועלכער האָט איהם בריעפליך פערשפּראָכען צו מאַכען פון אונזערע באַטאַליאָנען אַ בריגאַדע און פון איהם אַ גע־נעראַל, האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגען פון זיין הבטחה; און נאָכ־דעם, ווי פּאַטערסאָן האָט זיך עטליכע מאָל אָנגענומען אונזער קריוודע און געשיקט שטאַרקע פּראָטעסטען געגען דעם אָפיציעלען אַנטיסעמי־טיזם, וואָס מ'האָט איינגעפיהרט אין דער אַרמעע נאָכ'ן זיעג, איז אַלענבי געוואָרען זיין ביטערער פיינד און האָט זיך קליינליך אָן איהם נוקם געווען דערמיט, וואָס ער האָט איהם נישט געוואָלט פאָרשטעלען צו קיין שום בעלוינונג און צוליעב איהם — אויך נישט די אַנדערע קאָלאָנעל'ס אונזערע. שפּעטער, שוין בעת איך בין גע־ווען אַ מיטגליעד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האָב איך גע־

שריבען צו סער הערבערט סעמיועל, בעטענדיג איהם צו דערמאָהנען זיך אָן קאָלאָנעל פּאַטערסאָן ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון זיין העכערער אדמיניסטראַציע; איך גלויב, אַז אויך ד"ר ווייצמאַן האָט אונ־טערשטיצט די בקשה, אָבער דאָס האָט מען אויך נישט געוואָלט.

דאָס אידישע פאָלק איז איהם אויך געבליבען אונדאַנקבאַר. ס'איז מיר אונאַנגענעהם וועגען דעם צו רעדען; איין ביישפּיעל וועט אילו־סטרירען די גאַנצע בעציהונג. אויפ'ן צוועלפטען קאָנגרעס (קאַרלסבאַד 1921) האָב איך נישט געקאָנט פועל'ן, אַז מ'זאָל איהם געבען אַ פּלאַץ אויף דער טריבונע, און דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס, בעגרי־סענדיג אין זיין רעדע די געסט, האָט איהם אַפילו נישט דערמאָהנט.

אָבער פּאַטערסאָן איז געבליבען דערזעלבער פריינד פון אידי־שען פאָלק און ציוניזם. דעם „קרן־היסוד" האָט ער פיעל געהאָלפען אין אַמעריקאַ, בעליעבט ביי אַלע, וואָס האָבען מיט איהם צוזאַמען געאַרבייט. און אין די זעלטענע פאַלען, ווען איך טרעף זיך נאָך מיט איהם אין לאָנדאָן אָדער אין פּאַריז און איך רעד מיר אָב פאַר איהם, ווי פאַר אַ ברודער — ווייל דאָס איז ער — מיינע ענטטוי־שונגען און דאגות, לאַכט ער מיט'ן זעלבען אידישען שמייכעל, ווי דעמאָלט אין לאָנדאָן נאָכ'ן קראַך מיט'ן אַדזשוטאַנט־דזשענעראַל, אָדער ווי אָפט אין עמק הירדן נאָך אַ טאָג פון שווערע צרות,—אַ שמייכעל, וואָס איז מבטל אי גענעראַלען, אי מאַלאַריע, אי דעם שונא'ס האַרמאַטען, אַ שמייכעל פון אַ מענשען, וואָס גלויבט נאָר אין דעם אַלזיעגענדען כח פון שטאַרקע עקשנים; און ער הויבט אויף זיין גלאָז וויין און זאָגט:

— דער סוף וועט זיין אָל־רייט; אידען זענען אַ גרויס פאָלק, איך טרינק לכבוד די טראָבל!—דאָס איז זיין בעליעבטער טאַסט, ווייל ער גלויבט, אַז „טראַבל" (צרות) זענען די עסענץ פון לעבען, די הויפּט־ספּרוזשינע פון יעדען פּראָגראַם.

מאַרגאָלינ'ען האָב איך שוין אויך בעשריבען. ער וואָלט גע־דאַרפט זיין אַנ'ענגלענדער און פּאַטערסאָן אַ איד, לויט זייער ביי־דענ'ס טעמפּעראַמענטען. מאַרגאלין זאָגט אפשר צעהן ווערטער אַ טאָג, זיינע געדאַנקען זענען פון אַ מאַן, וואָס האָט אָבגעלעבט זיין לעבען וויט פון גרויסע שטעדט, אין ארץ־ישראל אין דער ביל"ו־צייט, אין

אויסטראַלישען „בוש״, „נאָך ווייטער פון יענער זייט״, ווי זיי זאָגען אין אויסטראַליען: לאַנגזאַמע, וויכטיגע, טיפע געדאַנקען, דורכגע־דרונגען פון אַ כמעט פּרימיטיווען „קאָמען-סענס״, און דערצו ערנסט און עהרליך. „דער טאטע„ פלעגען איהם רופען זיינע אַמערי־קאַנער סאָלדאַטען, כאָטש אָפט זענען זיי ברוגז געווען אויף זיין פּינקטליכקייט. ווייל, ווי אַנ'אמת'ער פאַטער, האָט ער געזאָרגט פאַר יעדען קלענסטען פּרט פון זייער סאָלדאַטען-לעבען. זיין לאַגער איז געווען אַ מוסטער פון גוטער אָרגאַניזאַציע. די הויפּט-קוואַרטיר פלעגט שיקען אַנדערע קאָלאָנעלס צו בעזוכען זיין באַטאַליאָן און לערנען זיך אָרדנונג און דיסציפּלין. פון דיסציפּלין האָט ער שטאַרק געהאַלטען, און האָט נישט געוואָלט נאָכטהון פאַטערסאָנ'ס ביישפּיעל און פּראָטעסטירען געגען דער רשעות פון דער הויפּט-קוואַרטיר; אָבער קיין מורא פאַר דער הויפּט-קוואַרטיר האָט ער אויך נישט געהאַט, און ער האָט דאָס בעוויזען צום סוף פון זיין דיענסט. אין 1921, בשעת סער הערבערט סעמיועל האָט זיך נאָך געטראָגען מיט אַ פּראָיעקט פון אַ געמישטער מיליץ — אַ העלפט אידען, אַ העלפט אַראַבער — האָט ער בעשטימט מאַרגאָליג'ען צו שטעהן בראש פון אידישען טייל, און די פאַר הונדערט סאָלדאַטען, וואָס זענען נאָך געבליבען פון דעם ארץ-ישראל־דיגען באַטאַליאָן, האָט מען אָנגענומען אין דער מיליץ. דאָך אָבער האָט אויסגעבראָכען דער פּאָגראָם אין יפו — אין די טעג פון'ם ערשטען ביז צום דריטען מאַי. נישט פרעגענדיג קיין ערלויבניש, האָט מאַרגאָלין אַוועקגעפיהרט זיינע סאָלדאַטען און אָרגאַניזירט די בעשיצונג פון תל-אביב. אַט פאַר דעם פערברעכען האָט מען איהם געהייסען דעמיסיאָנירען; און היינט זיצט ער ווידער אין אוי־סטראַליען און בענקט נאָך ארץ-ישראל, וואו ער האָט אַמאָל געאַקערט אין רחובות, געקעמפט אין עמק-הירדן, געהערשט אַלס אָקופּאַציאָנס־גאָווערנער אין עס סאלט, דער הויפּט-שטאָדט פון לאַנד גלעד...

קאָלאָנעל פרידריך סעמיועל געהערט צו אַנ'ענגליש - אידישער פאַמיליע און שטאַמט פון אַנ'אַסימילירטען קרייז; אָבער ס'האָט זיך געטראָפען אין יענעם קרייז איין פּערזענליכער איינפלוס, וועלכער האָט בעדייטענד געווירקט אויף פיעל פון זיינע מיטגליעדער און זיי געבראַכט צו דער אידישער נאַציאָנאַלער נשמה. אין איינעם פון

די פריהערדיגע קאַפּיטלען, דוכט זיך מיר. האָב איך שוין דערמאָהנט דעם נאָמען נינא דעיווים. ליידער איז דאָס איצט נאָר אַ נאָמען פון אַ פערשטאָרבענער. זי איז געווען די פרוי פון ד״ר רעדקליף סאַלאָמאָן. אַזוי ווי סאַלאָמאָן און סעמיועל (ביידע זענען קרובים), אַזוי האָט אויך נינא דעיוויס געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט זיך מיט דורות צוריק בעזעצט אין ענגלאַנד; אָבער איהר פאָטער, אַליין אַ מענש, וועגען וועלכען ס׳וואָלט ווערט געווען צו דערצעהלען לענגער, האָט איהר געגעבען אַ גרינדליכע אידישע ערציהונג — צווישען אַנדערען אַ גוטע קענטעניש און אַ טיעפע ליעבע צו דער העבּרעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. נינא דעיוויס האָט פערעפענטליכט אַ רייהע ענגלישע ביכער פאַר אידישע קינדער — ערצעהלונגען, געדיכטען — און אויך שענע איבערזעצונגען פון יהודה הלוי, דיביידע אבן-עזרא׳ס און גבירול. זי האָט געהאַט אַן׳אמת׳ע ליטעראַרישע בעגאַבונג; איהר גרעסטער טאַלענט איז געווען אין דעם, וואָס אויף ענגליש רופט מען דאָס „פּערזענליכער מאַגנעטיזם״. זי האָט אַ פּנים געהערט צו יענער קאַטעגאָריע אינטעלעקטען, פון וועלכע ס׳האָבען זיך רעקרוטירט די גרויסע „סאַלאָן״-קעניגינס פון פראַנקרייך אין 18-טען יאָהר-הונדערט; און כאָטש זי האָט נישט געשאַפען קיין „סאַלאָן״, לעבענדיג ווייט פון לאָנדאָן, האָט זי אָבער געווירקט אין דעם זעלבען זין. דער עכט - „ענגלישער״ קרייז אין ענגלישען ציוניזם איז זעהר קליין, אָבער זיין בעסטע העלפט זענען די, וואָס נינא דעיוויס האָט זיי צוגעצויגען, דירעקט אָדער אינדירעקט, — צווישען זיי רעכענט זיך אויך דער קאָלאָנעל סעמיועל. ער האָט געדיענט אין אָנפאַנג קריעג אויף׳ן פראַנצויזישען פראָנט, איז שוין געווען אַ לייטענאַנט-קאָלאָנעל אין אַ גוטען רעגימענט, און זיכער געוואָרט אויף צו ווערען אַ גענעראַל. אויף ד״ר סאַלאָמאָנ׳ס רוף האָט ער זיך אָבגעזעגענט מיט זיין באַטאַליאָן—נישט קיין גרינגער און נישט קיין פּשוט׳ער קרבן פאַר אַ קאָמאַנדיר — און געקומען איבערנעהמען אונזער „איבונגס-לאַגער״, וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז דערמיט זאָגט ער זיך אָב פון „פּראָמאָשאָן״ (אַוואַנס), ווייל דער ערשטער קאַנדידאַט אויף צו ווערען אַ גענעראַל אין אַ אַ אידישער בריגאַדע איז נאַטירליך געווען פּאַטערסאָן.

זיין הויפט-דיענסט אין ארץ-ישראל איז געווען אלס קאָלאָנעל פון די אידישע מתנדבים. אָפט האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו אָנערקענען זיין טאַקט און זיי קלוגע בויגזאַמקייט. דאָס גאַנצע וועזען פון זיינע סאָלדאַטען איז איהם געווען וועלט-פרעמד, זיין אייגענע פסיכאָלאָגיע איז שטייף ענגליש, צוגעוואוינט צו די מנהגים פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, וואו — סיי אין ציוויל, סיי אין אַרמעע-לעבען — קלאַס איז קלאַס, אָפיציר און סאָלדאַט האַלטען זיך ביי זייערע ראָלען, אַלצדינג איז פשוט איינגעאָרדענט איינמאָל פאַר אַלעמאָל. דאָ האָט ער געטראָפען אַזעלכע פשוט'ע סאָלדאַטען ווי בן-צבי, בן-גוריון און אַנדערע, וועלכע האָבען אין אַ געוויסען זין אַליין אין דערזעלבער צייט „קאָמאַנדירט" מיט פיעל גרעסערע המונים, ווי מיט איין באַטאַליאָן; ער האָט געפונען אַ „געזעלשאַפטליכע מיינונג" אין גדוד, מיט וועלכער ער האָט זיך געמוזט רעכענען, כדי נישט צו שאַפען קיין פערביטערונג. אַ צייט האָט מען מורא געהאַט, אַז ס'וועט איהם נישט געלונגען צו שאַפען צווישען זיך און זיינע פאַרטיי-מאַגנאַטען אין אוניפאָרם יענע בעציהונגען, וועלכע זאָלען קאָנען פערזיכערען האַרמאָניע און דיסציפּלין. עס איז איהם אָבער דאָך געלונגען. זיינע קריטיקער פלעגען זאָגען לאַכענדיג, אַז ער האָט איינגעפיהרט אין דער ענגלישער אַרמעע אַ רוסישע אינסטי-טוציע—אַ באַטאַליאָן-„סאָוויעט". אָנהענגער וואָלטען געקאָנט ענטפערען, אַז די „רוסישע" אינסטיטוציע האָט אַן ענגלישען פּרעצעדענס: אין קראָמוועל'ס אַרמעע זענען אויך געווען סאָלדאַטען-קאָמיטעטען, מיט וועלכע די קאָמאַנדירען פלעגען זיך בעראַטען, און דער רעזולטאַט איז געווען גוט פאַר דער דיסציפּלין.

קאָלאָנעל סקאָט איז אַ פערקערפּערונג פונ'ם אויסדרוק „צדיקי אומות העולם". וועגען די דריי אַנדערע אָנפיהרער אונזערע קאָן מען נאָך טרעפען ביי די געוועזענע לעגיאָנערען געטיילטע מיינונגען. אָבער נישט וועגען איהם. ס'איז אַן עלטערער מענש, טיעף-רעליגיעז, מיט אַ גלויבען אין גאָט, אין עוואַנגעליום און אין תנ"ך. ער איז אַ מענש, וואָס געהערט נישט מעהר צו אונזער צייט. זיין אויפפאַסונג פון דער רעליגיע איז געווען פאָלגענדע: יעזוס האָט נאָר געבראַכט די הבטחה פון וועלט-גאולה; די ערפילונג פון זיין פערשפּרעכען

הענגט אָב פון דער גאולה פון גאָט'ס אויסדערוועהלטען פאָלק. סקאָט איז אַ קריסט דורך און דורך, ער איז זיכער, אַז דאָס קריסטענטום וועט לסוף ווערען די רעליגיע פון אַלע מענשען אויף דער ערד. אָבער ער איז נישט קיין „מיסיאָנער"; מענשען טאָרען זיך נישט מישען אין דער פראַגע, ווי ישראל גלויבט, מענשען מוזען נאָר העלפען ישראל זיך שאַפען זיין היים; דאַן וועט דאָס אייביגע פאָלק ווידער ווערען אַ פאָלק פון כהנים און וועט פערפאָלקאָמען דאָס רעליגיעזע געווי־סען פון דער וועלט. ס'איז אַ כבוד און אַ פריווילעגיע פון ענגלאַנד צו זיין דערביי און צו העלפען דערנעהנטערען דעם קץ. און יעדער ענגלענדער, וואָס איז בערופען צו בעטייליגען זיך אין אט דער כהונה, מוז צו איהר צוגעהן מיט חרדת קדש.

סקאָט איז אויך אַ צייט לאַנג געווען דער קאָמאַנדיר פון די ארץ־ישראל־מתנדבים, אָבער זיין שיטה איז געווען אַנדערש ווי סע־מיועל'ס שיטה. וויסענדיג, אַז ער איז אַ פרעמדער, האָט ער נישט געזוכט צו בעאיינפלוסען דאָס אינערע לעבען פון זיין גדוד: ער האָט איהם גענומען אַזוי ווי ער איז, און בעגרעניצט זיך מיט דער ראָל פון אַ שומר, היטענדיג זיינע סאָלדאַטען פון יעדען צוזאַמענ־שטויס מיט דער גאַנץ פערשידענאַרטיגער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין דער אַרמעע אַרום זיי. פאַר איין עפּיזאָד מוז איהם דאָס גאַנצע פאָלק דאַנקבאַר זיין. ענדע זומער 1919 האָט ער פּלוצ־לונג בעקומען אַ בעפעהל צו שיקען אַכציג פון זיינע סאָלדאַטען קיין מצרים. ווער ס'האָט אויסגעטראַכט אַזאַ בעפעהל און צוליעב וואָס — איז געבליבען אַ סוד. ס'איז אָבער געווען אַ אונרעכט, ווייל פון אָנהויב אָן האָט מען אונז פערשפּראָכען, אַז די אידישע סאָל־דאַטען וועלען דיענען נאָר אין ארץ־ישראל. קורץ, דער באַטאַליאָן האָט ערקלערט, אַז זיי וועלען די אַכציג חברים זייערע נישט ער־לויבען צו פאָהרען. ס'איז געווען דעם קאָלאָנעל'ס חוב צו אַרעסטי־רען די 80 סאָלדאַטען און צו פערלאַנגען פון דער הויפּט־קוואַרטיר מיליטערישע הילף געגען דעם רעשט באַטאַליאָן. וואָלט ער דאָס געטהון, וואָלט עס זיך געענדיגט מיט אַ אונערהער־טען סקאַנדאַל. סקאָט האָט געהאַנדעלט וואונדערבאַר, ריזיקירענדיג אַליין צו ווערען געשטעלט פאַר אַ דיסציפּלינאַרען געריכט. ער האָט

קיינעם נישט אַרעסטירט, ער האָט בעריכטעט דער הויפּט-קוואַרטיר, אַז דער בעפעהל וועגען דיענען אין מצרים ווערט דורך אַלע זיינע סאָלדאַטען בעטראַכט אַלס אַ אונרעכט, נאָך ערגער, אַלס אַ פּרוב אויפצוהעצען די אַראַבער געגען די אידען, ווייל ביי די אַראַבער וואַלט דאָס געהייסען, דאָס ארץ-ישראל-מתנדבים געהען קעמפען געגען עגיפּ-טישע נאַציאָנאַליסטען; אַז די אַכציג זענען נישט שולדיג, ווייל דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט ערקלערט, אַז מען וועט זיי נישט לאָזען אַוועקפאָהרען; אַלזאָ בלייבט צו אַרעסטירען דעם גאַנצען באַטאַליאָן, דאָס הייסט, ברענגען פאַר׳ן געריכט די בעסטע יונגע לייט פון גאַנצען ישוב: ער האַלט זיך נישט בערעכטיגט צו מאַכען אַזאַ שריט און ער עצה׳ט דער הויפּט-קוואַרטיר אויך זיך מיישב צו זיין און בעסער אָנפרעגען אין לאָנדאָן — און דערצו האָט ער מוסיף געווען: „זייער דיענסט — גלענצענד, דיסציפּלין טאַדעללאָז, אַלע אַרבייטען פיהרען זיי אויס מיט אַן׳אַבסאָלוטער פּינקטליכקייט”. יעדען טאָג האָט ער געקלאַפּט דעם זעלבען בעריכט צו דער הויפּט-קוואַרטיר: „דיס-ציפּלין טאַדעללאָז, דיענסט ערשטקלאַסיג, אָבער וועגען לאָזען די חברים פאָהרען קיין מצרים ווילען זיי נישט הערען”. די הויפּט-קוואַרטיר איז געווען געצוואונגען צו שיקען זיינע בעריכטען קיין לאָנדאָן, און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז פון קריעגס-מיניסטעריום געקומען די תשובה, אַז מען זאָל דעם גדוד לאָזען צורוה און די גאַנצע נאַרישע מעשה פערווישען. היינט לעבט סקאָט אין אַ קליין שטעדטעל נעבען לאָנדאָן. ביי די זעלטענע געלעגענהייטען, ווען לעגיאָנערען פערזאַמלען זיך צום אָנדענק פון דעם גדוד, קומט ער און זאָגט: „איך בין גליקליך, וואָס גאָט האָט מיך מזכה געווען, צו דיענען מיט אידישע סאָלדאַטען אין ארץ-ישראל”. און יעדען אָוועגד זאָגט ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער, זייערע קריסטליכע תפלות פאַר דער גאולה פון עם ישראל אין אידישען לאַנד, אַלס הקדמה צו דער גאולה פון דער גאַנצער וועלט.

ס׳איז דאָ אַזעלכע ענגלענדער — און די זענען דאָס אמת׳ע ענגלאַנד, כאָטש אפשר נישט אַלע זאָגען זיי די זעלבע תפלות בעל-פה. אָבער סקאָט׳ס נשמה איז ענגלאַנד׳ס נשמה. דאָס טאָרען מיר נישט פערגעסען, ווי ביטער ס׳זאָל אַמאָל נישט קלינגען אונזער גערעכטע קריטיק.

איידער איך גײה איבער צו דעם הויפּט-ענין, צו דער סאָלדאַטען-מאַסע, וועל איך נאָך דערמאָהנען די אָפיצירען. אין איין באַטאַליאָן זענען צוויי דריטעל פון זיי געווען אידען, אין די אַנדערע צוויי איז די מעהרהייט געווען אַ קריסטליכע. אין יענעם ענגליש-אידישען קרייז, צו וועלכען ס׳האָבען געהערט די אידישע אָפיצירען אין ענג-לאַנד׳ס קריעגס-אַרמעע, האָט אַפּנים די אַגיטאַציע פון די אַסימילאַ-טאָרען געגען אונזער גדוד געהאַט איהר פולע ווירקונג. כל-זמן ד״ר רעדקליף סאַלאַמאָן איז נאָך געבליבען אין לאָנדאָן, האָט זיין פּער-זענליכער איינפלוס אונז געגעבען אַ געוויסען צוואַקס פון אידישע פּאָרגעזעצטע, באַלד אָבער איז ער אויך אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ-ישראל, פון דאַן אָן זענען צו אונז געקומען נאָר אַזעלכע, וואָס דאָס הארץ האָט זיי געצויגען, ד. ה. נאָר ווייניגע.

עטליכע פון אָט די „ספּאָנטאַנע״ ערשיינונגען זענען געווען אינטערעסאַנטע. איינעם וועל איך דערמאָהנען. נאָך אין די ערשטע טעג נאָך דער אָפיציעלער גרינדונג פון גדוד איז געקומען אין אונזער ביוראָ אין רעקרוטירונגס-דעפּאַרטאַמענט אַ זעהר יונגער גוואַרדיסט — אַ סעקאַנד-לייטענאַנט אין דער אוניפאָרם פון איינעם פון די עלטסטע גוואַרדיע-רעגימענטען. זיין נאָמען איז געווען האַראָלד רובין, ער איז געווען אַ זוהן פון אַ רייכען פּערל-סוחר. ער האָט אונז דערצעהלט זיין געשיכטע, פון וועלכער איך געדענק נאָר איין זאַך: ערצויגען איז ער געוואָרען אין איטאָן, וואָס איז די אורעלטסטע פון די ענגלישע „פּאַבליק-סקולס״ (פאָלקס-שולען). זיין היים-ערציהונג איז אויך געווען זעהר ווייט פון אידישקייט, אפילו פון רעליגיעזע מנהגים. זיין ערקלערונג, פאַרוואָס ער איז צו אונז געקומען, איז געווען זעהר פּשוט: געלעזען אין אַ בלאַט, אַז עס ווערט געגרינדעט אַ אידישער רעגימענט, און תּיכף בעשלאָסען, אַז דאָס איז זיין פּלאַץ. יעדער, וואָס ווייסט, וואָס עס הייסט ביי אַ רייכען ענגלישען איד איטאָן און אַ גוואַרדיע-רעגימענט, וועט פערשטעהן, פאַרוואָס איך שטרייך אונטער דעם פאַל. איך האַלט איהם פאַר אַן׳אויסנאַהם, אָפּ-טימיסטען מעגען גלויבען, אַז דאָס איז אַ סימן פון דער צייט.

אַן׳אַנדער אויסנאַהם אין דעם זעלבען זין איז געווען דער

לייטענאַנט עדווין סעמיועל, סער הערבערט׳ס אַ זוהן—אַ בעליעבטער אָפיציר און חבר ביי אַלע ארץ-ישראל-מתנדבים.

אַ צעהנדליג פון אונזערע אידישע אָפיצירען האָבען זיך נאָכ׳ן קריעג בעזעצט אין ארץ-ישראל: האראס סעמיועל—היינט אַ גרויסער אַדוואָקאַט אין ירושלים; ישראל יפה פון בעלפאַסט (נאָרד-אירלאַנד), אַ מענש מיט דריי אוניווערזיטעטס-דיפלאָמען, וועלכער האָט געשפיעלט כאָטש אַ בעהאַלטענע, אָבער אַ וויכטיגע ראָל אין די שווארצע און קריטישע מאָמענטען פון ישוב׳ס לעבען און וועט נאָך אין דער צו-קונפט — איך בין זיכער דערין — ווערען אַ גרויסע פיגור אין ארץ-ישראל; דזשייקאבס, דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער עקזע-קוטיווע אין ירושלים; לוי, מענדעל און אַנדערע. צווישען די, וואָס זענען נישט געבליבען אין לאַנד, קאָן מען אָנצעהלען אויך אַ טוץ אַקטיווע ציוניסטען. אָבער דאָס רוב זענען געקומען און געגאַנגען; געדיענט ביי אונז עהרליך און ווירדיג, אָבער געבליבען אונבעריהרט סיי פון דעם גלאַנץ פון דער ציוניסטישער אידעע, סיי פון׳ם צויבער פון ארץ-ישראל.

צוקוקענדיג זיך צו זיי, האָב איך געפונען אַ נייע בעשטעטי-גונג פון אַן אַלטען גלויבען מיינעם: ס׳איז נישט אמת, אַז דער „קאָנטאַקט" מיט ארץ-ישראל מאַכט עמיצען פאַר אַ ציוניסט. דאָס קאָן נאָר טרעפען ביי יענע, וואָס האָבען נאָך פריהער געהאַט אַ טראָפען ציוניסטישען סם איז זייער בלוט, ווען אַפילו אונבע-וואוסט פאַר זיך אַליין. ווייל ציוניזם איז אַ בעזונדערע אייגענשאַפט פון דער נשמה, עהנליך צו יענע אייגענשאַפטען, וואָס ביי אַנדערע פעלקער, אונטער אַנדערע אומשטענדען, שאַפען זיי די „גרעניץ-פיאָנערען" אָדער אַפילו אַוואַנטוריסטען,—מענשען, וואָס האָבען פיינד צו קלעטערן אויף אַ גרייטע לעבענס-טרעפ, נאָר ווילען ערשט אויפ-בויען פאַר זיך אַ נייע טרעפ. עס וועט קומען אַ צייט, ווען די גאַנצע אידישע וועלט וועט צושטימען צום ציוניזם, אפשר אפילו שטיצען דעם ציוניזם. אָבער אפילו דעמאָלט וועלען די „ציוניסטען" בלייבען נאָר אַ קליינע מינדערהייט. אַ ציוניסט ווערט מען געבוירען.

צווישען אונזערע קריסטליכע קאָלעגען זענען געווען עטליכע בעגייסטערטע ציון-פריינד, למשל, מאַיאָר האָפקין פון אוועלס, שטאַרק

בעקייעבט ביי די ארץ־ישראל־מתנדבים. ס'רוב זענען געווען, פונקט ווי די מעהרהייט פון אידישע אָפיצירען, געטריי, קאָרעקט און ניי־טראַל. צי זענען צווישען זיי געווען פערבאָרגענע אַנטיסעמיטען — ווייס איך נישט. איך בין בכלל פאָרזיכטיג מיט'ן וואָרט אַנטיסעמיט. ס'איז אַ בעקאַנטע זאַך: געוויסע אידישע אייגענשאַפטען, ס'רוב פון דער גהעטא־ירושה, פערדריסען אונז אַליין; אָבער ווען אַ גוי ערלויבט זיך זיי אויך צו בעמערקען, רופען מיר איהם אָן אַ שונא־ישראל; און נאָך ערגער — אויב ער זאָגט אַפילו גאָרנישט, זענען מיר זיכער, אַז ער מיינט דאָס טיעף אין האַרצען. אָט דאָס אַריינקריכען אין גויאישע נשמות האָט מיך קיינמאָל נישט אינטע־רעסירט — אפשר דערפאַר, ווייל איבערהויפט האָט מיך דער אויבער־שטער נישט געבענשט מיט אַזאַ אינטערעס צו מיינע שכנים, גויאישע צי אידישע, אַז איך זאָל זיך נאָך פערטיעפען אין זייערע נישט־אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

איינער פון די קריסטליכע אָפיצירען האָט אונז גאַנץ אָפען פיינד געהאַט. אָבער אַפילו איהם וועל איך נישט בעצייכענען אַלס אַן־אַנטיסעמיט. דאָס איז געווען אַ געוויסער מאַיאָר סמאלי, קאָלאָנעל מאַרגאָלינ'ס שטעלפערטרעטער; פון איהם האָבען אונזערע אַמעריקאַ־נער באָי'ס שטאַרק געליטען און איינמאָל האָט זיין שטייפקייט און טאַקטלאָזיגקייט געבראַכט צו אַ גרויס אונגליק, וועגען וועלכען איך וועל נאָך מוזען שפּעטער רעדען. אָבער איך קען אָט דעם מענשען אויך פון אַן־אַנדער זייט — איך האָב איהם געזעהען ביי אַנדערע געלעגענהייטען און בעקומען אַ גאַנץ אַנדערען איינדרוק.

איך בין זיכער, אַז אויב אָט דער סמאלי וואָלט געווען פשוט אַן־אָפיציר אין קריעגס־מיניסטעריום, אין אַ ביוראָ, וואָס האָט צו טהון מיט די ענינים פון אידישען גדוד, וואָלט ער אונז בעהאַנדעלט גאַנץ פריינדליך. אָבער, זייענדיג ביי אונז און קומענדיג אין אַ טאָג־טעגליכער בעריהרונג מיט אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז איהם אַזוי פרעמד, האָט ער נישט געפונען דעם ריכטיגען טאָן. ס'איז דאָס זעלבע אונגליק, ווי ביי פיעל ענגלישע בעאַמטע אין ארץ־ישראל.

קאַפּיטעל זעכצעהן.

אונזער סאָלדאַטען-מאַסע קאָן מען איינטיילען אין דריי גרעסערע גרופּען: די ענגלישע, די ארץ-ישראל'דיגע און די אַמעריקאַנער.

פון די ענגלישע האָב איך שוין פיעל גערעדט. איך האָב דער-צעהלט, ווי דער נאָמען „שניידער", כמעט אַ שימף-וואָרט אין אָנפאַנג, איז ביי אונז ביסלעכווייז געוואָרען אַ כבוד-בעצייכנונג. אָהן אַ צווייפעל האָבען זיי דערוויזען, אַז זיי געהערען צו די בעסטע סאָלדאַטען פון דער ענגלישער אַרמעע. נישט בעגייסטערט מיט גאָרנישט, נישט פערליעבט אין גאָרנישט, אַ חוץ אין זייער פּריוואַטער „היים", ווייב און קינדער ערגיץ-וואו אין ווייטשעפּעל אָדער ליעדס, גלייכגילטיג צום ציוניזם, גלייכגילטיג צו ארץ-ישראל, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, פאַרוואָס מ'האָט געשטערט זייערע רוהיגע טעג און געשלעפּט זיי איבער'ן ים צו שלאָגען זיך פאַר אַ זאַך, וואָס אינטערעסירט זיי נישט, — האָבען זיי פּינקטליך געטהון זייער נייעס „דזשאָב" (פליכט) פון א' ביז ת', פון פּוצען זייערע קנעפּלעך ביז צו לערנען באַיאָ-נעטען-קאַמף, ביז צו שיסען אויף דעם טערק ביינאַכט אין נאָ-מענס-לאַנד פון עמק הירדן און ביז צו שטאַרבען ווי העלדען. אין אונ-זערע באַטאַליאָנען האָבען מיר געהאַט שווערע מאָמענטען, אויסברוכען פון קאָלעקטיווער אונגעדולד, וואָס האָבען עטליכע מאָל געבראַכט אין סכנה די עקזיסטענץ פון גדוד — אָבער קיינמאָל נישט ביי די „שניידער": פאַר זיי איז אַלצדינג, — געפאַהר, היץ, גראָבקייט, די אונענדליכע לאַנגווייליגקייטען פון וואָפענשטילשטאַנד-דיענסט, דאָס שלאָפען אויף שטיינער, דאָס האַלטען וואַך אויף איינזאַמע בערג,

מאַלאַריע, אַ וואונד, אַ פּוסטע וואַסער-פּלאַש — אַלצדינג איז פאַר זיי געווען נאָר אַ טייל פונ׳ם „דזשאָב״, וואָס מ׳האָט געמוזט אונ- טערנעהמען און וואָס מען מוז אויספיהרען ביז צום סוף, ווי ס׳געהער צו זיין, מורמלענדיג בלויז אַ ביסעל. יאָ: „גראָמבלינג״ (מורמלען) איז די איינציגע פּריווילעגיע פון אַ סאָלדאַט, זאָגט אַן ענגליש שפּריכ- וואָרט, און אַפילו נאַפּאָלעאָן האָט זיינע בעסטע סאָלדאַטען גערופען „די אַלטע גראָמבלער״. שטענדיג אונצופריעדען און שטענדיג געטריי צום חוב.

קיין קאָלעקטיוו-לעבען האָב איך ביי זיי נישט בעמערקט, נישט קיין געמיינזאַמע אידעאָלאָגישע אינטערעסען, נישט קיין אסיפות, נישט קיין טענדענץ צו פעראייניגונג. ס׳איז געווען אַ מין איינזאַמקייט פון קליינע גרופּען — אָפט צופעליגע גרופּען, לויט דער פערטיילונג אין צעלטען, וואָס אַ סערזשאַנט האָט צוגעטיילט, נישט רעכענענדיג זיך מיט דעם, ווער איז וועמענס פריינד אָדער קרוב. אָט: אָט די צעלט-שכנים ווערען זיין דיינע נייע פריינד. מ׳העלפט זיי מיט וואָס מען קאָן, מ׳שפּיעלט מיט זיי אין קאָרטען, מ׳קיביצט מיט זיי וועגען דיענסט-זאַכען און היים-זכרונות און מ׳בענקט נישט נאָך די אַלטע פריינד פון נעכטיגען צעלט. בענקען מעג מען נאָר נאָך איין איינ- ציגער זאַך: נאָך דער „היים״.

דעם קריעג האָבען זיי פיינד געהאַט, ווי אַ ווילד משוגעת פון אַ שכור׳ער גויאישער וועלט, וואָס קיין שום מאָראַלישע בערעכ- טיגונג האָט ער נישט און קאָן נישט האָבען; די ארץ-ישראל-מתנדבים האָבען זיי געהאַלטען פשוט פאַר נאַראָנים. אָבער אָט איז אַ פאַקט: נאָכ׳ן פריעדען פון ברעסט-ליטאָווסק האָט זיך עמיצער אין אַלענבי׳ס הויפּט-קוואַרטיר דערמאָהנט, אַז זיי זענען אויך „רוסען״ — און אַז דאָ איז אַ גוטע געלעגענהייט צו פערניכטען דעם אידישען גדוד. פּאַטערסאָן האָט פּלוצלינג בעקומען דעם בעפעהל צו פערזאַמלען זיינע סאָלדאַטען און ערקלערען זיי, אַז יעדער, אויב ער וויל, קאָן אי- בערגעהן אין אַנ׳אַרבייטס-באַטאַליאָן, וואָס וועט אַרבייטען ווייט פון פראָנט און ווייט פון סכנה. מעהר ווי אַ טויזענד זענען זיי געווען אויף יענעם פּאַראַד אין חעלמיאַ: בלויז צוויי מענשען האָבען אָנ- גענומען דעם פאָרשלאָג.

ארץ-ישראל האָט זיי פשוט נישט אינטערעסירט. נאָכ'ן וואָפּענשטילשטאַנד האָט מען זיי ערקלערט, אַז מען וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו בעזוכען אין גרופּען אַלע היסטאָרישע ערטער אין לאַנד, אויפ'ן חשבון פון דער אַרמעע. בלויז וועניגע האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט; דער רוב האָט בעסער געוואָלט זיצען אין לאַגער און היטען ביינאַכט פּוסטע אַמוניציע-סקלאַדעס, צובראָכענע בריקען און טערקישע געפאַנגענע. און איינער פון זיי האָט געשיקט צו פּאַטערסאָנ'ען אַנ'אַנאָנימען בריעף, זעהר העפליך געשריבען, אין וועלכען עס איז געשטאַנען אַזוי: „דאָס דאַרפען מיר נישט. מיר זענען נישט געקומען צוליעב בעזוכען — מיר זענען געקומען צו דיענען אין קריעג און האָבען גוט געדיענט און האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען געטריי צו אייך, סער, אין יעדער צרה און אין יעדער סכנה. איצט מוזט איהר זיין געטריי צו אונז: דער קריעג איז געענדיגט, העלפט, אַז מ'זאָל אונז גיכער שיקען אַ היים...” און זיי האָבען שטורמיש אַפּלאָדירט, בשעת אַ זינגער אין אונזער קאָנצערט-הויז האָט אויסגעטראַכט אַ נייעם נוסח פאַר אַ פּאָפּולער אַרמעע-ליעדעל וועגען דער „היים”.

אָבער, וואַרטענדיג מיט'ן גאַנצען האַרצען אויף אַ דעמאָביליזאַציע, האָבען זיי זיך נישט אָבגעזאָגט אפילו אויף אַ קוצו של יו”ד אין דער פּינקטליכקייט פון זייער דיענסט. די מידקייט, די נאַכלעסיגקייט, די ירידה פון דיסציפּלין, אויף וועלכער מ'פלעגט זיך דאַמאָלס בעקלאָגען אין יעדען ענגלישען באַטאַליאָן, איז ביי אונז נישט געווען קענטיג. אפשר דעריבער האָט מען זיי דעמאָביליזירט גאָר צווישען די לעצטע. דאָס איז זייער סך-הכל: די ערשטע געקומען, די לעצטע אַוועקגעגאַנגען; פרעמד ביים אָנקומען, פרעמד ביים אַוועקפאָהרען; און די גאַנצע צייט — רוהיג און קאָרעקט און פּינקטליך אין לאַגער, רוהיג און אויסדויערענד און טאַפּפער אין פייער. אַ זאָנדערבאַרע פּסיכאָלאָגיע; מיר איז זי נישט סימפּאַטיש — אָבער איך קאָן נישט און וויל נישט אָבלייקענען, אַז ס'איז דאָ אין איהר אַנ'אייגענאַרטיגע גאַנצקייט און גרויסקייט.

ווען איך זאָג „די לעצטע אוועקגעגאַנגען״, מיין איך נאַטיר־ליך: די לעצטע פון די אָנגעקומענע, נישט פון די ארץ־ישראל׳דיגע. דער עלטערער שארית־הפליטה פון אידישען גדוד, וועלכען מ׳האָט פאַרניכטעט ערשט אין 1921, נאָכ׳ן יפו׳ער פּאָגראָם, איז בעשטאַנען פון די ארץ־ישראל־מתנדבים.

ווענען די מתנדבים האָט ווייצמאַן געזאָגט צו אַלענבי: „גאַרי־באַלדי האָט נישט געהאַט קיין בעסערע סאָלדאַטען״ — און ער איז געווען גערעכט. פון די אומצעהליגע אומגעלומפּערטקייטען פון אַלענ־בי׳ס פּאָליטיק האַלט איך אָט די פּאַר נישט די קלענסטע. ער האָט נישט געוואָלט אָדער נישט פערשטאַנען אויסצונוצען דעם ערשטקלאַ־סיגען מיליטערישען מאַטעריאַל, וואָס וועניגסטענס דריי פערטעל פון זיי האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט. — זייער בראַווקייט איז געווען די זעלבע, ווי יענע, וואָס די אידישע וועלט בעוואונדערט ביי די בעשיצער פון תל־חי: מענשען, וואָס בלייבען שטעהן פופציג געגען פינף טויזענד; מענשען, וואָס נישט נאָר זיי האָבען נישט מורא, נאָר זיי בענקען נאָך זעלבסט־קרבן, חלומ׳ען וועגען טויט פאַר אַ הייליגען ציעל. דערביי מענשען — פיעל פון זיי — פון הויכער אינטעליגענץ און בילדונג, העפליך, ריטערליך אין זייערע בעגריפען וועגען כבוד, חברישקייט, פליכט. דערצו נאָך מענשען, וואָס אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי האָט געקענט ארץ־ישראל ווי זיין אייגענע האַנד; כמעט אלע האָבען גערעדט אַראַביש, פיעל גערעדט אַראַביש ווי אַראַבער; עטליכע געדיענט אין דער טערקישער אַרמעע; פיעל געניט אין שיסען און אין רייטען. מען מוז זיין בלינד, אָדער אַרומ־גערינגעלט פון בלינדע בעראַטער, כדי צו שטערען, ווי אַלענבי האָט עס געפּרובט, — און אויף דריי פערטעל מיט ערפאָלג — די אויסנוצונג פון אַזעלכע רעקרוטען.

איין פאַל איז בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער שטימונג. אַ גרויסע צאָהל פון די מתנדבים האָבען פאָרגעשלאָגען, דורך זייער קאָלאָנעל, אָנצונעהמען אַנ׳אַרט דיענסט, וועלכער גילט אין יעדער אַרמעע אַלס דער געפעהרליכסטער און בכבוד׳סטער—דורכצוגנב׳ענען זיך איבער די טערקישע ליניען קיין שומרון און גליל, אויסצופאָרשען די גענויע לאַגע אין די אָבטיילונגען פון טערקישען מיליטער, און

אפילו אָנפיהרען צווישען יענעם מיליטער אַנ׳אַגיטאַציע. אין ניין פאַלען פון צעהן הייסט דאָס אַ זיכערער טויט, בעזונדערס פאַר זיי, וואָס יעדער איד און נישט ווענינער יעדער אַראַבער אויף יענער זייט האָבען זיי געקענט אין פנים. פיעל עלטערן האָבען געציטערט, וואַרטענדיג אויפ׳ן ענטפער פון דער הויפט-קוואַרטיר. דער ענטפער איז געווען: „ניין״, כאָטש איך גלויב נישט, אַז די סיבה זאָל זיין געווען רחמנות אויף זייערע יונגע יאָהרען.

אפילו ברענגען זיי פון טעל-על-קעביר — זייער איבונגס-לאַגער אין מצרים—קיין ארץ-ישראל איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך. דער ישוב אַליין האָט געמוזט נעהמען די איניציאַטיוו. פרוי גראַזאָווסקאַ פון תל-אביב האָט עס געטהון. זי איז די פרוי פון יענעם גראַזאָווסקי, וועלכער איז אַמאָל געזעסען, אָרים און הונגעריג, מיט׳ן יונגען אליעזר בן יהודה אין אַ קאַלט בוידעם-שטיבעל אין פאַריז און דאָרטען האָבען זיי צוזאַמען בעשלאָסען, אַז מען מוז בעלעבען לשון-קודש אַלס אומגאַנגס-שפראַך, און דווקא מיט דער ספרדישער הברה: אַזעלכע משוגעים. גראַזאָווסקי האָט אָבער געהאַט אויך אַנדערע מינים משוגעת׳ן: מען דערצעהלט, אַז בשעת ער האָט זיך אויסגעבויט אַ הויז, האָט ער אין זיין גאָרטען בעגראָבען עטליכע פלאַש כרמל-ווין און גע־שוואוירען, אַז פון אָט דעם וויין וועט מען טרינקען נאָר ביי איינער פון צוויי געלעגענהייטען: אויב איינער פון זיינע קינדער וועט אָנ־געמען ווערען אין אַ העברעאישען אוניווערזיטעט — אָדער אין אַ אידישער אַרמעע... צוויי זיהן האָט פרוי גראַזאָווסקאַ געהאַט אין דעם גדוד. זי האָט אָרגאַניזירט אַ פרויען-דעפוטאַציע — מאַמעס פון מתנדבים — און איז מיט זיי געפאָהרען אין הויפט-קוואַרטיר צו רעדען מיט גענעראַל אַלענבי אַליין. „מ׳הערט אַלערליי אונרוהיגע שמועות אין לאַנד״ — האָט זי צו איהם געזאָגט — „און אונזערע קינדער זענען ווייט פון אונז. מיר פיהלען זיך אונזיכער״. איך האָב שוין געזאָגט, אַז אָט דער מאַן מיט זיין „שור הבשן״-רעפוטאַציע איז אין דער ווירקליכקייט אַ זעהר ווייכער אימפּרעסיאָניסט, וואָס שווער איז נאָר צוצוקומען צו איהם, אָבער אויב דאָס איז דיר גע־לונגען, קאָנסטו איהם בעאיינפלוסען, ווי דו ווילסט. אַמאָל קאָן דאָס אויך נוצען צו עפעס גוטס: אין אַ פּאָר וואָכען צייט האָט מען דעם

ארץ־ישראל־באַטאַליאָן געבראַכט קיין סאַראַפּענד נישט ווייט פון לוד און יפו, און שפּעטער פּערטיילט אין חיפה און ביז צו טבריה.

זייער אינערליך לעבען איז געווען הויך און רייך. ס'איז געווען געגוג א קוק צו טהון אויף זייער לאַגער־ביבליאָטעק, מיט מעהר ווי פינף טויזענד ביכער אין פערשידענע שפּראַכען. אויף זייערע פערזאַמלונגען אין לאַגער האָבען זיי אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אַרבייטער־בעוועגונג אין לאַנד, מיט די שטימונגען פון דער יוגענד און אינטעליגענץ, געשיקט דעלעגאַטען צום ועד הזמני (היינט הייסט עס „ועד הלאומי"). אַ בעאַמטער פון פּאָסט האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „עס זענען דאָ טעג, ווען אַ פּאָר פּשוט'ע סאָלדאַטען פון 40־טען באַטאַליאָן ראָיאַל פיוזיליערס בעקומען מעהר בריעף, ווי די גאַנצע הויפּט־קוואַרטיר". בשעת דער ועד הצירים פלעגט בעהאַנדלען עפּעס אַ וויכטיגען פּראָיעקט—אַ גרויסען קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין דרום, מיט וועלכען מ'האָט זיך דאַמאָלס אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגען, אָדער אַן ענטוואורף פון אַ קאָנסטיטוציע פאַר ארץ־ישראל—האָט מען צווישען די ערשטע אָנגעפרעגט די מיינונג פון ארץ־ישראל־גדוד — און דערביי זענען זיי געבליבען גוטע סאָלדאַטען. „פּינקטליך אין דיענסט", ווי איך האָב שוין דערצעהלט, אפילו אונטער אַזעלכע אומשטענדען, וואָס לויט דעם מיליטערישען געזעץ־בוך הייסען זיי „מיוטיני" (בונט).

די פיינסטע גרופּע צווישען זיי, לויט מיין איינדרוק, האָבען געבילדעט די געוועזענע יפו'ער גימנאַזיסטען. די „הרצליה" האָט מען ביי אונז אַ סך קריטיקירט, אי פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיעזער מסורה, אי פאַר דער מישונג פון מיידלעך מיט יונגלעך, אי פּשוט פון פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט. דאָס אַלץ געהערט נישט צו מיין היינטיגען ענין. אָבער איין זאַך מוז איך בעשטעטיגען: די תל־אביב'ער גימנאַזיע האָט ערצויגען „כאַראַקטער" — וועניגסטענס אין יענע טעג. ביי זיי, נאָך מעהר ווי ביי אַנדערע, האָב איך געפונען יענע שטריכען, וואָס אין אַלטען אַטען האָט מען זייערע טרעגער בעצייכענט מיט'ן וואָרט „קאַלאָס ק'אַגאַטאָס" (שען און גוט), אין שפּאַניען „הידאַלגאָ", אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ „דזשענטעלמען": אינטעליגענץ, בעשיידענקייט, דרך ארץ פאַר יעדען, וואָס האָט עפּעס

געפֿלייסטעט, ריטערליכע העפֿליכקייט, חברישע הילף און אַ בעגייס־טערטע גרייטקייט צו קרבנות. ס'זענען געווען אויך ביי זיי אויס־נאַהמען. אָבער איך רעד פֿונ'ם כלל. כ'קאָן נאָר ווינשען דער מוטער פֿון העברעאישען מיטעל־שול־אונטעריכט, אַז איהרע צוקונפֿטיגע „גענעראַציעס", און אויך יענע פֿון איהרע צאָהלרייכע „טעכטער" אין ארץ־ישראל, אין ליטא, אין פּוילען זאָלען שטעהן אויף דער זעלבער מאָראַלישער און נאַציאָנאַלער מדרגה.

בכלל — איבער די פֿערשיעדענע גרופּירונגען אין דעם ארץ־ישראל־גדוד וואָלט זיך געלוינט צו שרייבען אַ בוך. די ספרדים אַליין זענען ווערט אַ בוך: יונגע לייט אויף דער גרעניץ פֿון מזרח און מערב, פּריש און אונמיטעלבאַר אין אַלע זייערע געפֿיהלען: מענשען, ביי וועלכע די בעציהונג צו ארץ־ישראל און ציוניזם און די בע־ציהונג צו אַראַבישע שכנים (אַ גאָרנישט קיין ענטוזיאַסטישע בעצי־הונג, און דאָס איז נאָך מילד גערעדט...) איז נישט קיין זאַך פֿון מיינונג אָדער שטרעבונג, נאָר אַ נאַטירליכער אינסטינקט; דערביי אפשר דער איינציגער עלעמענט אין אידענטום, וואָס ליידט נישט פֿון איבערגעשפּיצטקייט, פֿון פֿערקרומטע נערווען, וואָס זעהט מיט די אויגען, נישט דורך געפֿאַרבטע ברילען, און האָט דעם רעכטען, נאָרמאַל־בעגרעניצטען שכל, דעם פּשוט'ען פֿערשטאַנד פֿון אַלע געזונ־דע פֿעלקער. — אָדער די טערקישע געפֿאַנגענע, אידען פֿון סמירנאַ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָבען זיך געלעבט אַ גוטען טאָג, זאַט און רוהיג, אין דעם געפֿאַנגענעם־לאַגער פֿון סידי־בישר ביי אַלעק־סאַנדריאַ און פּלוצלינג פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל זיי אויך געבען אַ מעגליכקייט צו קעמפֿען פֿאַר אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים. — אָדער די תימנים, מסתמא דער טאַלענטפֿולסטער טייל פֿון אידישען פֿאָלק אין אַלע עקען גלות, וואונדערבאַר בעגאַבט צו מוזיק און גע־שמאַק און געדאַנק — אַ בעזונדערע „אומה" מיט אַ בעזונדערען פֿי־זישען טיפּ, וואָס איהר אורשפּרונג איז אַ סוד פֿון טיעפֿסטען אַל־טערטום, און וואָס דורך ענדלאָזע דורות פֿון ערגסטער, ווילדעסטער שקלאַפֿעריי האָט זי דאָך בעהאַלטען אַ הויכע מדרגה פֿון לערנען; יונגע לייט, וואָס די טאַטעס זייערע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל אויסגעדאַרט און באָרוויס, מיט'ן גאַנצען פֿערמעגען אין צוויי נאַפּט־

בלעכן — אַ בלעך בעבעכעס און אַ בלעך ספרים, יונגע לייט, וואָס די מעהרסטע פון זיי האָבן אין דער גאַנצער דיענסט-צייט נישט געוואָלט עסן קיין פלייש — ווייל די כשרות, וואָס פּאַטערסאָן האָט אַזוי שטרענג אָבגעהיטען אין פאָרטסמוט, איז שוין לאַנג געוואָרען אַ טויטער אות אין די פראָנט-בעדינגונגען...

די ארץ-ישראל-מתנדבים זענען געבליבען די אַלערלעצטע טרע-גער פון לעגיאָן-געדאַנק; האָבען געקעמפט געגען דעמאָבּיליזאַציע מיט נאָגעל און צאָהן; האָבען געהאַלטען די ביקס, ביז מ׳האָט זי פשוט אַרויסגעריסען פון זייערע הענד. גרינג איז דאָס פאַר זיי נישט געווען. זייער דיענסט האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ טיפער ענטוישונג: די אָפענזיווע און דער זיעג איז געקומען אין סעפּ-טעמבער 1918, בשעת זיי זענען נאָך געווען אין איבונגס-לאַגער, דאַן איז געקומען פריעדענס-צייט, פון אַלע זייטען האָבען זיי געהערט וועגען נייע פּראָיעקטען פון אויפבוי-אַרבייט, דאָס וואָרט „קבוצה" איז געוואָרען אַ הייליגער פּאַראָל אויף די ליפען פון יעדען יונגען-מאַן — און זיי, גבוּרזענע אַרבייטער, בעגייסטערטע פּאַר׳ן אַרבייטער-אידעאַל, האָבען געמוזט היטען די אייזענבאַהן אין חיפה אָדער די וואַסערליייטונג ביי ראַפאַ, אויף דער גרעניץ פון דער מדבר סיני. שווער איז דאָס געווען אויסצוהאַלטען. פיעל האָבען טאַקע נישט אויסגעהאַלטען; אָבער עטליכע הונדערט האָבען זיך ביז׳ן סוף פער-עקשנ׳ט אין דעם גלויבען, אַז קיין שום אויפבוי-אַרבייט קאָן נישט לאַנג אויסהאַלטען אָהן שוץ, אַז אַ ישוב אָהן אַ גדוד איז ווי אַ שטעדטעל פון הילצערנע הייזער אָהן פייערלעשער, און זיי האָבען זיך געוועהרט געגען דעמאָבּיליזאַציע מיט אַלע מעגליכע מיטלען; האָבען געפּועלט, אַז מען זאָל זיי ערלויבען צו בענייען זייער „ענגעידזשמענט" אויף נאָך דריי חדשים (מעהר האָט די הויפּט-קוואַרטיר נישט געוואָלט), דאַן נאָך דריי; דאַן האָבען זיי זיך פער-שריבען אין דעם אידישען באַטאַליאָן פון סעמיועל׳ס געמישטער מיליץ, כאָטש אי זיי, אי דער גאַנצער ישוב איז געווען געגען סעמיועל׳ס פּראָיעקט — ביז דער יפו׳ער פּאָגראָם האָט געמאַכט אַ סוף אי צו סעמיועל׳ס מיליץ, אי צו זייער מיליטער-דיענסט.

אַ קאָמפּליצירטעס קונסט-פּראָבלעם זענען געווען די אַמעריקאַ-

נער. אין דער צאָהל זענען זיי געווען די גרעסטע פון אַלע אונזע־רע גרופּען — כמעט אַ העלפט פון גאַנצען לעגיאָן. אויך אין ביל־דונג, אינטעליגענץ, אין פּערזענליכער בראַווקייט, וואָס זיי האָבען בעוויזען אין עמק־הירדן, זענען זיי געשטאַנען זעהר הויך; אין פיזישער הינזיכט אפשר העכער פון אַלע לענדער. אָבער פּסיכאָלאָגיש איז געווען שווער זיי צו אַסימילירען אין די אומשטענדען פון ארץ־ישראל: נישט צוליעב זייערע אידישע כאַראַקטער־שטריכען, נאָר צוליעב די אַמעריקאַנישע.

ווייט געהען זיך פונאַנדער די צוויי געדאַנקען־וועלטען — די ענגלישע און די אידישע; אָבער אָט־די ווייטקייט איז נאָך גאָרנישט אין פערגלייך צו דעם תהום, וואָס טיילט אָב די ענגלישע פּסיכאָ־לאָגיע פון דער אַמעריקאַנישער. איך האָב געלעבט צווישען רוסען, איטאַליענער, דייטשען, פראַנצויזען און טערקען: אין מיין לעבען האָב איך נישט געזעהען צוויי פעלקער, וואָס זאָלען זיין אַזוי דיא־מעטראל־אונעהנליך, ווי דער ענגלענדער און דער אַמעריקאַנער. פון דעם ווייסען גאַנץ גוט פיעל יחידי־סגולה איןביידע לענדער; כ׳קאָן נישט פערגעסען אַ וואָרט, וואָס ס׳האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ קלוגער ענגלישער רעדאַקטאָר, דוקא יענער, וואָס האָט בעזונדערס פיעל געשריבען לכבוד דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער פריינדשאַפט: „אַ גליק, וואָס מיר לעבען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערען; וואָלטען מיר געווען — שכנים, וואָלט די וועלט צום ערשטען מאָל דערזעהען, וואָס דאָס הייסט אַן׳אמת׳ער נאַציאָנאַלער האַס”. אָבער די איבריגע וועלט פערשטעהט דאָס נישט: מען הערט דעמזעלבען לשון, דעמ־זעלבען קלאַנג פון מעהרסטע פאַמיליען־נעמען, און מ׳גלויבט, אַז דאָס זענען קרובים אין גייסט!? אין אונזער אייגענעם מיניאַטור־טעאַטער, אין אונזער גדוד, האָב איך געזעהען דעם „בעווייז”. אונזערע סאָלדאַטען זענען געווען, פערשטעהט זיך, נאָר האַלב־אַמעריקאַנער; אָבער אַפילו אָט־דער רמז פון „אַמעריקאַניזם” איז געווען גענוג, כדי צו מאַכען פאַר זיי אונערטרעגליך די ענגלישע אַטמאָספערע. פאַר רוסישע, ספרדים, תימנים איז פיעל גרינגער געווען, צוצופּאַסען זיך צו ענגלישע שיטות, ווי פאַר יונגע לייט, וואָס האָבען צעהן אָדער פופצעהן יאָהר כסדר געשעפּט די לופט פון אַמעריקאַ.

אין וואָס עס בעשטעהט דער אונטערשיעד — דאָס איז אויך אַ ענין פאַר אַ בוך, און דאָס בוך וועל נישט איך אָנשרייבען: נישט מיין עסק. פאַר מיין צוועק איז גענוג אָנצעווייזען אויף איין געגענזאַץ: דעם געגענזאַץ פון „טעמפּאָ". דער אַמעריקאַנער דענקט גיך, זאָגט גיין אָדער יאָ, און אויב יאָ — הויבט ער אָן אויסצו־פיהרען. דער ענגלענדער קאָן דאָס מאַכען נאָר אין אַ מאָמענט פון דרינגענדער סכנה, און אויך דאַמאָלס איז זיין „גיכקייט" זעהר אַ רעלאַטיווער בעגריף. אָבער אין מעהר אָדער אין וועניגער נאָרמאַלע צייטען איז דער ענגלענדער אַ נאָהענטער ברודער צו דעם שפּאַניער מיט זיין „מאַניאַנאַ", צו דעם אַראַבער מיט זיין „בוקראַ" — ביידע ווערטער בעדייטען דאָס זעלבע: „מאָרגען!" שטופּט מיך נישט, וואָס איז די איילעניש? לאָמיר דאָס אָבלעגען אויף אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָהר, נאָהענטער צו משיח'ס צייטען. דערביי איז דער אַמעריקאַנער אַ מענש פון תכלית; בעטראַכט ער אַ זאַך, וויל ער ערשטענס וויסען, וואָס וועט זיין דער סוף, דער רעזולטאַט; און זיין האַנדלונג פון היינט-צו-טאָג וויל ער צופּאַסען צו די בעדערפנישען פון אָט-דעם צוקונפטיגען רעזולטאַט. דער ענגלענדער האַסט אפילו דעם בעגריף פון תכלית, שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער „פייפט" אויף נעכסט-יאָהריגע מסקנות; פון אַלע העברעאישע שפּריכווערטער, וואָס ער האָט איבערזעצט, איז דאָס פּאָפּולערסטע ביי איהם — „די לצרה בשעתה". שנייַ צו פייער איז אַ גרעסערער מחותן, ווי אַזאַ „פּאַבליק-סקול-באָי"-פּסיכאָלאָגיע צו דער נשמה פון אַ טשיקאַגאָ באָסטער. דערביי וויל איך גאָרנישט אורטיילען, ווער ס'איז בעסער: נישט מיין עסק. אָבער צו אַ שדוך זענען דאָס, פון ביידע זייטען, נישט קיין מעלות.

אין אונזער מיניאַטור-טעאַטער האָט זיך אָט דער געגענזאַץ אָבגעשפּיגעלט גיך, שאַרף און קלאָר. די אַמעריקאַנער יונגע לייט, אַראָבגעהענדיג פון שיף אין אַלעקסאַנדריאַ, האָבען תיכף ומיד גע־שטעלט די פראַגע פון תכלית: „וואו איז דער פראָנט?" ענטפערט דער ענגלענדער: „ערשט געהט זיך טרענירען". ענטפערען זיי: „אָבער אין אייערע אייגענע לאַגערס אין ענגלאַנד האָלט מען דאָך, אַז דריי־פיער חדשים פון טרענירען זיך זענען גענוג פאַר'ן פראָנט — און

מיר איבען שוין אַ האַלב יאָהר". ענטפערט ער: „דאָס וועלען מיר זעהען, אם ירצה השם, אין דער רעכטער צייט". און אַזוי האָבען די מעהרסטע פון זיי פערזוימט די אָפּענסיווע — דעם צוועק, פאַר וועלכען זיי זענען געקומען.

הויבט זיך אָן די נייע סדרה: ש ל ו ם, און מ'רעדט וועגען בנין־הארץ. די מעהרסטע פון די אַמעריקאַנער זענען געוועזען גוטע ציוניסטען. שטעלען זיי ווידער די „אַמעריקאַנישע" פראַגע: „גוט, אויב נישט מלחמה, טאָ כאָטש אויפבוי־אַרבייט. וואו איז דער בנין־הארץ? שיקט אונז גראָבען ערד". ענטפערט דער שפּאַניער אין ברי־טישער אוניפאָרם: „מאַניאַנאַ"...

גאַנץ ערנסט און אונפּאַרטייאיש מוז איך זאָגען: איך בין ווייט פון צו בעשולדיגען נאָר איין זייט; איך בעשולדיג ביידע. די געוועזענע לעגיאָנערען אין ניו־יאָרק און טאָראָנטאָ און אומעטום זענען ביי מיר געשעצטע און געעהרטע פריינד; אָבער זיי זענען דענקענדע מענשען און וועלען נישט פערלאַנגען, אַז איך זאָל זיי מכבד זיין מיט צוקער־זיסען קוכען. איך בעשולדיג ביידע זייטען; דעם אידישען צד נאָכמעהר, ווייל דער איד איז קלוגער. און ס'איז זיין נאַציאָנאַלער חוב — נישט צו דערלאָזען, אַז אפילו „מאַניאַנאַ" און „בוקרא" זאָלען איהם פּאַראַליזירען. דאָס איז אָבער געווען דער חטא, וואָס פיעל פון זיי זענען בעגאַנגען; זעהענדיג, אַז דער קריעג איז פערביי און דער בנין־הארץ איז ווייט אין נעבעל פון „מאָרגען", האָבען פיעל פון זיי בעשלאָסען, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין תכלית אין טראָגען חאקי־קליידער — און האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערען דעמאָביליזאַציע.

זומער 1919 האָבען פערטרעטער פון די אַמעריקאַנער און די ארץ־ישראל'דיגע סאָלדאַטען, צוזאַמען מיט דעלעגאַטען פון אַרבייטער, אָבגעהאַלטען אַ גרויסע פערזאַמלונג אין פתח־תקוה. איך בין דאָרט געווען; כ'האָב זיי ערנסט געוואָרענט, אַז דוקא איצט הויבט זיך אָן די וויכטיגסטע ראָל פון גדוד; אַנ'אונגעהויערע פּאָגראָם־אַגיטאַציע ווערט אָנגעפיהרט אין לאַנד, און דערצו נאָך קאָן זי זיך שטיצען אויף געוויסע שטימונגען אין די הויכע און נידריגע מיליטער־קרייזען. אונזערע שונאים אין לאַנד האָבען די טיעפסטע איבערצייגונג, אַז

נישט די בריטישע, נישט די אינדישע סאָלדאַטען וועלען קיין פינגער אין קאַלט וואַסער נישט איינטונקען, כּדי צו בעשיצען דעם ישוב; אין זייערע גאַסען־דעמאָנסטראַציעס שרייען זיי: „די רעגירונג איז מיט אונז!" צי זיי זענען גערעכט אָדער נישט — איז נישט וויכטיג: זיי גלויבען אין דעם. נאָר פאַר איין מאַכט האָבען זיי מורא: פ אַ ר'ן א י ד י ש ע ן ג ד ו ד; דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אפילו די אונרוהען אין מצרים האָבען ביז איצט נישט געקאָנט אַרויסרופען קיין אָבקלאַנג אין ארץ־ישראל: דער שונא ווייס, אַז עס שטעהען נאָך אין לאַנד פינף טויזענד אידישע סאָלדאַטען. ווי טאָר מען רעדען וועגען דעמאָביליזאַציע?

ס'האָט וועניג געהאָלפען. אמת, דאָ איז די שולד נישט איינ־גאַנצען פון די לעגיאָנערען: וואָלטען זיי אויך געווען איבערצייגט, ווי איך בין דאָס געווען, אַז ס'קומט אַ געפאַהר, — וואָלטען זיי זיך אַליין געבעטען צו שטעהן אויף דער וואַך. אין דעם בין איך איבערצייגט. אָבער ס'האָבען זיך געפונען עלעמענטען פון ישוב, וועלכע האָבען זיי „בערוהיגט": מ'האָט זיי ערקלערט, אַז דער מענש, וואָס סטראַשעט זיי מיט סכנות, איז אַליין אַ נייער אין ארץ־ישראל און פערשטעהט גאָרנישט די לאַגע; זיי אָבער, די „בערוהיגער", זענען לאָקאַלע איינוואוינער, זיי קאָנען דעם אַראַבער, און קאָנען פערזיכערן, אַז ער וועט קיינמאָל קיין פּאָגראָמען נישט מאַכען... דאָס איז געווען צעהן חדשים פאַר דעם פּאָגראָם אין ירושלים! — אָבער פאַר די אַמעריקאַנער איז דאָס, נאַטירליך, געווען אַ שטאַרקער אַרגומענט; ווער רעדט וועגען אַ געפאַהר? — אַנ'„אויסלענדער". ווער זאָגט: „מ'דאַרף נישט קיין מאַכט"?—מענשען פון ישוב. אַלזאָ...

אַלזאָ האָבען מיר געהאַט צרות. ס'גלוסט זיך נישט צו דער־צעהלען פּרטים; אָבער דער סוף איז געווען, וואָס פיעל, וועלכע זענען געקומען די לעצטע, זענען די ערשטע אַוועקגעפאָהרען. אַ פאַר חדשים נאָך דער אסיפה אין פּתח־תּקוה איז פון אונזערע דריי באַ־טאַליאָנען געבליבען צוויי, דאַן נאָר איינער—די ארץ־ישראל־מתנדבים— און דאַן אפילו פון זיי נאָר אַ טייל. צו פּסח 1919 האָבען מיר גע־האַט 5000; צו פּסח 1920 נאָר דריי־פיער הונדערט — און דאַן האָט אויסגעבראָכען דאָס אונגליק אין ירושלים...

קאַפּיטעל זיבעצעהן.

דער ירושלים׳ער פּאָגראָם איז געווען אַן׳אומפערמיידליכער פּועל-יצא פון דער גאַנצער האַלטונג און טאַקטיק פון אַלענבי׳ס הויפּט-קוואַרטיר. צופעליג האָט אָט-די ריכטונג געפונען אַ גרינגען אָביעקט, וועלכען מ׳האָט געקאָנט שטויסען און פּלאָגען אָהן קיין גרויסע צערעמאָניעס, ווייל ער איז געווען דירעקט אונטער מיליטערישער ממשלה: דעם גדוד. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ דעטאַיל. די גזירות, וואָס פלעגען פאַלען אויפ׳ן לעגיאָן, זענען געווען געווענדעט נישט נאָר געגען איהם, נאָר געגען דעם גאַנצען ישוב, און נאָכמעהר — געגען דעם ציוניזם.

ווי אַזוי און פאַרוואָס איז ביים גענעראַל-שטאַב ענטשטאַנען אַזאַ שטימונג, — איז אַ בעזונדערע געשיכטע. דער רעזולטאַט איז געווען יענע אַטמאָספערע, וואָס געוועהנליך רופען מיר זי מיט׳ן נאָמען „אַנטיסעמיטיזם”, און אַזוי וועל איך זי אויך בעצייכנען; אָבער רעדענדיג וועגען די אורזאַכען, מוז איך ווידער וואָרענען — בעהמט דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם” נישט צו גענוי. נישט אַלענבי און נישט אפילו באָלס זענען נישט קיין אידען-פרעסער; פון די אַנדערע, וואָס איך וועל זיי דאָ דערמאָהנען, איז עס געווען אפשר נאָר איינער: קאָלאָנעל נעיבריצל; אָבער נישט לאָרענס, נישט פילבי, אפילו נישט דער טראַגיקאָמישער קונצענמאַכער סטאָרס, — זיי אַלע זענען קיין אַנטיסעמיטען נישט געווען. עטליכע פון זיי האָבען אפשר אַמאָל געהאַט אפילו ציוניסטישע סימפּאַטיעס — פון דער ווייטענס.

וואָס זשע האָט זיי אַלע געמאַכט פאַר אַנטיסעמיטישע אַגיטאַ-

טאָרען, און איינעם פון זיי — גענעראַל באָלס, דעם מיליטערישען פערוואַלטער פון אָקופּירטען געביעט — געבראַכט צו דער ראָל פון אַ פּלעווע אין אַ פּערקלענערטען מאַסשטאַב?

כדי דאָס צו פערשטעהן, מוזען מיר זיך ווידער אומקעהרען צו יענע ענגלישע כאַראַקטער-שטריכען, פון וועלכע איך האָב שוין אַזוי אָפט גערעדט. דער דורכשניט-ענגלענדער פון דער רעגירענדער קאַסטע האָט אָרגאַניש פיינד גרויסאַרטיגע, ווייטגעהענדע פּראָיעקטען; וועניגסטענס, האָט ער פיינד, זיי אויסצושפּרעכען. ער האַלט דאָס פאַר „אַ שלעכטען טאָן”. נאָך ערגער, ווען זיי שמעקען מיט סענטימענטאַליזם, מיט פערריכטען די וועלט, מיט ראַטעווען כ׳ווייס נישט וועמען פון כ׳ווייס נישט וואָס. נאָך ערגער, ווען דער פּראָיעקט האָט אַ ראָמאַנטישען בייגעשמאַק: זיי פּיהלען, אַז דאָס פּאַסט פאַר אינטעלעקטועלע פיינשמעקער, נישט פאַר ערנסטע, קאָנסערוואַטיווע שטאַאַטס-לייט; און נאָך ערגער פון אַלץ — ווען די אויספיהרונג פון אַזאַ פּראָיעקט מוז פאַלען, אין אַ גרויסען טייל, אויף ענגלאַנד׳ס אייגענע פּלייצעס.

לאָמיר די זאַך ריכטיג פערשטעהן: נישט גאַנץ ענגלאַנד איז אַזוי; אפילו נישט דער רוב. איך רעד פון דער רעגירענדער קאַסטע; און אפילו דאָ זענען פאַרהאַן הונדערטער אויסנאַהמען, חולמי חלומות ווי באַלפור, ווי עמערי, ווי גרעהעם, קענוואָרטהי, אָרמסבי-גאָר און פיעל, פיעל אַנדערע. אָבער די „קאַסטע”, יענער האַלבער מיליאָן נפשות, וואָס שטאַמט פון לאָרדען אָדער האָט לאָרדען-קרובים און לאָרדען-מחותנים, וואָס לערנט זיך אין מיטעלאַלטערליכע „פּאָבליק-סקולס” פון איטאָן, האַרראָו, ווינטשעסטער, און דערנאָך נישט גלאַט אין אָקספאָרד און קעמברידזש, אָבער נאָר אין אַ פאָר פּריווילעגירטע קאָלעדזשעס ווי בעליאָל אָדער קרייסט טשוירטש, וועלכע זענען 800 יאָהר אַלט, — אָט-די קאַסטע איז אַ וועלט פאַר זיך, אָבגעזונדערט פון איבעריגען עולם, טויב און שטאָלץ מיט איהר טויבקייט, תמ׳עוואַטע און שטאָלץ אויף איהר טעמפּקייט. ווילט איהר האָבען אַ גענויע פּאַראַלעל פאַר זייער גייסט? נעהמט דאָס אַלטע געטהאָ. אַנדערע מנהגים, אָבער דערזעלבער משוגעת פון „אתה-בחרתנו”, דערזעלבער בטול פאַר דער אויסען-וועלט. „פּע!” צו יעדער נייער זאַך. גליקלי-

כערהייד, איז שוין לאַנג פערביי די צייט, ווען אָט־די רעגירענדע קאַסטע האָט באמת געפיהרט די מלוכה־ענינים. היינט געהערט די דעצידירענדע ראָל צו אַנדערע, צו פיעל ברייטערע, צו פיעל לעבע־דיגערע קרייזען, און אין מיניסטאַרען־קאַבינעט, און אפילו אין ביוראָקראַטישע אָפּיס'עס זיצען שוין אָפט מענשען פון אַ אַנדער קלאַס. אָבער די אויספיהרונג פון אַ מיניסטער'ס בעפעהלען ליגט נאָך אויף דריי פערטעל אין די הענד פון דער „קאַסטע".

אָבער אַמשטאַרקסטען איז די קאַסטע פערטרעטען אין דער אַרמעע, און וואָס העכער, אַלץ שטאַרקער. דאָס דאַרף מען נישט ערשט ערקלערען — אַלע וויסען דאָס. קיטשענער, מיט זיין אָבנייגונג געגען „פענסי־רעדזשימענט", איז געוועזן טיפּיש. אַזוי האָבען זיי פיינד געהאַט יעדע זאַך, וואָס שטעקט מיט „פענסי", וואָס איז נישט צוויי־מאָל־צוויי—למשל, אַנ'אָפּענסיווע אויפ'ן מזרח־פראָנט; למשל, ציוניזם.

איצט שטעלט זיך פאַר אַזאַ מיליטערישׁ קלייזעל — אַ „קאַסטע שבקאַסטע" — אין מיטען קריעג, אויפ'ן ארץ־ישראל־פראָנט. פלוצלונג קומט צו זיי אַ בעפעהל, ווי אַ גזירה: איהר זאָלט שטיצען ציוניזם; מיר שיקען אייך אַ אידישען גדוד; מיר שיקען אייך אַ ועד־הצירים. די ערשטע טענה איז: האָט איהר אונז געפרעגט, איידער איהר האָט עס בעשלאָסען אין לאָנדאָן? ניין, נישט געפרעגט; און דאָס האָט אפילו אַ ציוויל־בעאַמטער אין פריעדענס־צייט נישט ליעב. די צווייטע טענה: דאָס איז דאָך „פּאָליטיק", און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס איז שטאַרק אונפּאָפּולער ביי די איינוואוינער פון יענעם לאַנד, וואָס איהר האָט אונז געהייסען „בעפרייען". ווי זשע פערשטעהט איהר נישט, דאָרט אין לאָנדאָן, אַז „פּאָליטיק", בעזונדערס נאָך אַזעלכע, קאָן נאָר שטערען ביי אַ מלחמה? פאַרוואָס האָט איהר נישט געקאָנט אָב־וואַרטען ביז צום סוף קריעג, ביז מיר וועלען האָבען געטהון אונזערס, און ערשט דאַן אָנפאַנגען מיט אייער אַרבייט?

איך מוז מודה זיין, אַז אפילו פאַר מיר אַליין קלינגען אָט־די טענות כמעט איבערצייגענד. פאַר זיי—אוודאי. און דערצו נאָך אַ זאַך, וואָס אין זיך אַליין איז זי, ווי שוין אויבען דערמאָהנט, אַ שרייענדע סתירה צו דעם גאַנצען טראַדיציאָנעלען געשמאַק פון דער „קאַסטע".

אָבער דאָס איז נאָר איין העלפט פון דער צרה. די צווייטע איז אפשר פונקט אַזוי וויכטיג. דאָ קום איך צו צו די נעמען, וואָס איך האָב פריער אָנגערופען — לאָרענס, פילבי. איך בעגרעניץ זיך מיט צוויי, אָבער עס זענען פאַרהאַן נאָך אַנדערע, ווייל די „קאַסטע" האָט זיך אויך איהרע אייגענע חולמי-חלומות. זיי האָבען פאַר זיך אויס-געוועהלט אַ פּראָיעקט, וואָס שטעהט אין הסכם מיט די בכבוד׳יגססטע ענגלישע טראַדיציעס, — נישט ווילד, נישט ניי, נישט „פענסי". זייער חלום איז „גרויס-אַראַביען"—דאָס איז אָל-רייט: ענגלאַנד פּערוואַלטעט שוין מעהר ווי פערציג יאָהר מיט אַנדערע לענדער, וואו מ׳רעדט אַראַביש — מצרים, דעם סודאן, עטליכע אינזלען אין ים-סוף. ס׳איז שוין דאָ אַ באַרג פון ערפאַהרונג, ווי אַזוי מ׳בעהאַנדעלט אַזאַ בע-פעלקערונג. מ׳וועט זיי „בעפרייען", מ׳וועט זיי פעראייניגען, מ׳וועט דאָס אָנרופען „גרויס-אַראַביען" — מ׳וועט זיי אפילו געבען אַראַבישע קעניגען, אַזעלכע „פּיטאַרעסקע" שייכס אין גרינע און ווייסע טשאַלמעס, ליעבע, דערוואַקסענע קינדערלעך, וואָס זיצעןביים טיש אויף אַ דיוואַן מיט געקרייצטע פיס און בעדאַרפען ענגלישע „אַדוויזערס" (עצה-געבער) אין אַלע רעגירונגס-ענינים. אַזאַ חלום—אדרבה ואדרבה!

אייגענטליך איז כמעט די גאַנצע ענגלישע ביוראָקראַטיע אין מצרים פאַר׳ן קריעג בעשטאַנען פון אַזעלכע אַראַבאָפילען. דערפאַר האָבען זיי דאָך קאַנדידירט פאַר ציוויל-דיענסט דוקא אין מצרים — אַ שווערע קאַנדידאַטור, ביי וועלכער מ׳מוז אויסהאַלטען אַ עקזאַמען אין אַראַבישער שפּראַך. ווי דער קריעג איז געקומען, האָבען זיי זיך אָנגעטהון אין חאַקי און געשאַפען אַ סביבה פאַר דער הויפּט-קוואַרטיר. דעריבער זאָג איך, אַז לאָרענס און פילבי זענען נאָר בייישפּיעלען, אָבער ווייט נישט די איינציגע פון זייער מין. זייער מין האָט זיך געצעהלט אין צעהנדליגער — און אַלע זענען זיי געבוירענע מיט-גליעדער פון דער „קאַסטע".

קאָלאָנעל לאָרענס אַליין איז אַ העכסט-אינטערעסאַנטער מאַן. נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער אָפענסיווע אין מדבר-סיני האָט ער, אין אַראַבישע קליידער, אונטער טעגליכער לעבענס-געפאַהר, בעזוכט די וויכטיגסטע פּונקטען פון אַראַבישער האַלב-אינזעל, פערשפּרייטענדיג די בשורה פון אַ „גרויס-אַראַביען", וואָס ענג-לאַנד וויל זיי שענקען. פילבי האָט שפּעטער געטהון דאָס זעלבע אין

דעם טיפסטען, אונבעקאַנטעסטען חלק פון דער האַלב-אינזעל — אין געדזשד, דעם לאַנד פון די וואַהאַביטען, וואו ער האָט געפּרובט איבערצייגען דעם סולטאַן איבן-סאוד צו מאַכען שלום מיט אַנדערע אַראַבישע הערשער און קעמפען צוזאַמען פאַר אַ גרויס-אַראַביען. די דערצעהלונג פון זייערע איבערלעבונגען לייענט זיך ווי אַ ראָמאַן; אָבער דאָ אינטערעסירט זי אונז נישט. וואָס איך וויל ביי דיביידע אונטערשטרייכען, איז אָט וואָס: דאָס גרויס-אַראַביען, וועגען וועלכען זיי טרוימען, מוז אונבעדינגט בלייבען „פיטאָרעסק": קאמעלען, קאַראוואנען, ווייסע בורנוסען, גרינע טשאלמעס, פּערדעקטע ווייבער, הארעמס — די גאַנצע דעקאָראַציע פון „אָריענט" מוז הייליג צרהאַלטען ווערען. זיי ציטערען פון רחמנות, אַז חלילה וחס זאָל מען אָט-די שענקייט נישט צושטערען מיט צו פיעל ציוויליזאַציע. אפשר שטעקט אונטער דעם אַ בעוואוסטער אָדער אונבעוואוסטער אינסטינקט, אַז כל-זמן דער מלך זיצט אויף דער ערד מיט געקרייצטע פיס, וועט ער בעדאַרפען אַן ענגלישען בעראַטער; אפשר נישט. אָבער דער חשק צו פּעראייביגען די פּאַלמען-דעקאָראַציע קלינגט ביי זיי אין יעדער שורה. דאָס איז אויך אַ טיפּישע זאַך ביי אָט-דער קאַטעגאָריע ענגלישע בארבאַראָפילען. האָט דאָך סטאָרס ערקלערט: „כל-זמן איך לעב, וועל איך קיין טראַמוואַיען אין ירושלים נישט דערלאָזען". אַן אַנדערער פון דעמזעלבען בית-המדרש, סטיווען גרעהעם, וועלכער האָט „ענטדעקט" רוסלאַנד, פלעגט אויך בעזינגען אין זיינע ביכער די שענקייט פון דער אויטאָקראַטיע און די גערעכטיגקייט פון סיביר-שטראָפען; און נאָך דער קערענסקי-רעוואָלוציע האָט ער גאַנץ אָפען געשריבען אין „טיימס": „ס'טוהט מיר וועה דאָס הארץ. איך האָב געהאָפט, אַז רוסלאַנד וועט אייביג בלייבען אַ מין מוזעאום פון מיטעלאַלטערליכע מנהגים..."

פאַר אָט די לאָרענס'עס און פילבי'ס איז די באַלפור-דעקלאַראַציע געווען אַ מעסער-שטאָך אין הארצען. אידען האָבען זיי געזעהען, אי רייכע — אין לעידי נ. נ.'ס סאַלאָנען, — אי אָרימע אין ווייטשעפּעל: גאַנץ געוונג, כדי צו פערשטעהן, אַז ביי דעם פּראָיעקט פון נאַציאָנאַלער היים האַנדעלט עס זיך נישט וועגען „פיטאָרעסקע" חסידים מיט פאות (דאָס קאָן מען נאָך איינשלינגען—פּאַרוואָס נישט?

מ׳איז דאָך נישט קיין שונא-ישראל), נאָר וועגן מאָדערנע אידען, מיט הויזען אויף די פיס, מיט קאסקעטלעך אויפ׳ן קאָפּ און מיט אייראָפּעאישע געדאַנקען אונטער די קאסקעטלעך. אַ סוף צו דער גאַנצער דעקאָראַציע! אַ טראַמוואַי אין ירושלים! אַנשטאָט קאַמעלען און פּאַלמען-לאַנדשאַפט — רויטע דעכער פון שפּאָגעל נייע קאָ-לאָניעס, וואו מיידלעך שפּאַצירען אין די גאַסען מיט יונגע-לייט, אַזוי ווי אין ענגלאַנד! אַ חורבן!

איך לאָך נישט: ס׳איז אמת. לארענס האָט אין יענער צייט אָבגעדרוקט אין אַ לאָנדאָנער צייטונג אַן אַרטיקעל, אין וועלכען עס האָט זיך, טראָץ זיין ווילען, געהערט אַ בייקלאַנג ווי פון קריצענדע ציינער. דער אינהאַלט: ער איז אויך פאַר׳ן ציוניזם, נאָר אונטער איין בעדינגונג: אידען זאָלען נישט פאָהרען קיין ארץ-ישראל אַלס איי-ראָפּעער אָדער אַמעריקאַנער; זיי זאָלען זיך צופּאַסען צו דעם אַראַ-בישען לעבענס-מנהג — זאָלען זיך „אָריענטאַליזירען“. אויב נישט — קאָנען זיי נאָר בעגראָבען אי זיך, אי דאָס לאַנד.

דאָס איז אַלץ נישט קיין אַנטיסעמיטיזם; אָבער דער פּועל-יוצא פון אָט-די אַלע איינפלוסען איז געווען אַן׳אונעהערטע עפּידעמיע פון אַנטיסעמיטיזם. איך אונטערשטרייך: אונערהערטע. נישט אין רוסלאַנד, נישט אין פּוילען, נישט אין דייטשלאַנד האָט מען נישט געזעהען קיין ביישפּיעל פון אַזאַ געדיכטער אומעטומיגער רשעות-אַטמאָספערע, ווי אין דער ענגלישער אַרמעע אין ארץ-ישראל אין יאָהר 1919—1920. צוליעב דעם תענוג פון דער אידען-העצע האָט מען אפילו פערגעסען „טראַדיציע“. ס׳איז אַ טראַדיציע, אַז אין אַן׳אָפּי-צירען-קלוב טאָר מען נישט רעדען וועגען פּאָליטיק — בעזונדערס נישט קריטיקירען די רעגירונג. אָבער אין די אָפּיצירען-קלובען פון אַלענבי׳ס אַרמעע, פון דער הויפּט-קוואַרטיר ביז צו אַ וואַך ביי אַ לאַגער פון טערקישע געפאַנגענע, האָט מען לוסטיג געשאָלטען אידען

און געשימפט די נארישע באַלפור-דעקלאַראַציע. פון אָפיצירען-צימער האָט די עפידעמיע באַלד זיך אַריבערגעוואָרפען צו די סערזשאַנטען, און ווייטער — צו פשוט'ע סאָלדאַטען אין יעדען צעלט. אין די אינדישע רעגימענטען פלעגען מענשען, געבוירען אין פּאָנדזשאַב אָדער אין דער הימאַלאַיען-געגענד, רעדען אויף זייערע שפּראַכען וועגען דעם זעלבען ענין — מיר האָבען דאָס בעשטעטיגט זייערע ענגלישע אָפיצירען. אפשר וועט איין דאָקומענט זיין גענוג, כדי אַמבעסטען צו אילוסטרירען דעם גייסט, אין וועלכען מ'האָט זיך בעמיהט צו „ערציהען" אָט-די אַרמעע:

קורץ פאַר'ן ירושלים'ער פּאָגראָם האָבען אַלע באַטאַליאָנען בעקומען אַ צירקולאַר, מיט'ן בעפעהל פאָרצולעזען איהם נישט נאָר פאַר אָפיצירען, נאָר אויך פאַר סערזשאַנטען. איך האָב ביי זיך אַ קאָפּיע. ער הויבט זיך אָן מיט אָט-די ווערטער: „אַזוי ווי די בריטישע רעגירונג איז געצוואונגען אָנצופיהרען אין ארץ-ישראל אַ פּאָליטיק, וועלכע איז אונפּאָפּולער ביים רוב בעפעלקערונג, קאָן מען ערוואַרטען אין לאַנד אונרוהען..."

קאַפּיטעל אכצעהן

אויפ׳ן הר הזיתים, דעם זיך פון דער „אָאיטאַ״-פערוואַלטונג
(„אָאיטאַ״ הייסט: „אָקיופּאַיד ענעמי טעריטאָרי אַדמיניסטריישאָן״—אַד-
מיניסטראַציע פון אָקופּירטער פיינדליכער טעריטאָריע) האָט מען זיך
אויפגעהערט צו זשענירען. דער הויפּט-אַדמיניסטראַטאָר אין 1919 איז
געווען גענעראַל מאָני, אָבער דער אמת׳ער בעל-הבית האָט געהייסען
וויוויאַן גאַבריעל. ער האָט געטראָגען אַ קאָלאָנעל-אוניפאָרם, גע-
שטאַנען בראש פון דער פינאַנץ-אָבטיילונג, און אָנגעפיהרט מיט אַלע
רעדלעך אין דער ממשלה. נישט קיין ריינער ענגלענדער: מ׳האָט
געזאָגט, אַז איינער פון זיינע עלטערן איז געווען אַ מאַלטעזער
(די בעפעלקערונג פון דער אינזעל מאַלטאַ איז פון אַראַבישער אָבשטאַמונג,
רעדט אַן׳אַראַבישען דיאַלעקט, וואָס מ׳שרייבט איהם מיט לאַטיינישע
אותיות, און איז פאַנאַטיש-קאַטויליש). אפשר פון דאַנען שטאַמט זיין
אידען-האַס — אַן׳אַראַבישע און קאַטוילישע צוזאַמען. ווייל איהם וועל
איך, אָהן קיין שום בעגרעניצונגען, בעצייכנען אַלס אַ אידען-פיינד.
דערצו איז ער געווען, אין דער גאַנצער פערוואַלטונג, אפשר דער
איינציגער מענש מיטווירקליכען טאַלענט: קלוג ווי אַ קלוגער איד,
געבילדעט, גרינדליך, אַ פולקאָמענער קענער פון דער עקאָנאָמישער
און פּאָליטישער לאַגע אין ארץ-ישראל; אויך אַ קענער פון ציוניזם—
וועניגסטענס פון אַלע שוואַכע זייטען אונזערע; ער האָט גוט געקענט
די חסרונות פון אונזער לאַנדווירטשאַפט, די שפּאַלטונג צווישן נייעם
ישוב און די מאה-שערים-אָרטאָדאָקסען, די פעהלער פון דער פינאַנץ-
ווירטשאַפט אין ועד-הצירים. גאַנץ אָפען האָט ער זיך ערקלערט פאַר

די ערשטע מעדאַלען

ביי טרומפעלדאָרס קבר

אַ געגנער פון ציוניזם, גאַנץ אָפען געשטערט אויף שריט און טריט. איבערצוצעהלען אַלע „חסדים" זיינע איז נישט כדאי; אָבער זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ געוואַלדיגען שוואונג, מיט אַ מערקווירדיגען רייכטום פון ערפינדונג. אַ שטאָך אויף יעדען געביעט: היינט איז דאָס אַ בעפעהל, אַז אַלע פאַפירען אין צאָל-אַמט מוזען אויסגעפילט ווערען אָדער אויף ענגליש, אָדער אויף אַראַביש — אַלע אַנדערע שפּראַכען זענען נישט גילטיג; מאָרגען איז דאָס אַ געדרוקטער בעריכט צו דער לאַנדאָנער רעגירונג, וואָס בעווייזט סטאַטיסטיש, אַז ערשטענס לעבט ארץ-ישראל נאָר פון לאַנדווירטשאַפט, און, צווייטענס, שפּיעלען אידען אין דער לאַנדווירטשאַפט קיין שום ראָלע נישט; איבערמאָרגען איז דאָס אַן אָפיציעלער פּראָיעקט צו בעזעצען אויף שטאַאַטס-לאַנד דרייסיג טויזענד מאַלטעזישע עמיגראַנטען.

גענעראַל מאָני האָט איהם געפאָלגט, ווי אַ קינד פאָלגט זיין לעהרער. ס'איז געווען אונטער געיבריעל'ס איינפלוס, וואָס מאָני האָט זיך ערלויבט אַ גאַנץ עפענטליכע אַנטי-ציוניסטישע מאַניפעסטאַציע. ביז דאַמאָלס האָט אונזער „התקוה" געגאָלטען אַלס איינער פון די אָפיציעלע נאַציאָנאַל-הימנען, וואָס מ'הערט זיי אויס שטעהענדיג. גענעראַל ווינדהאם, דער אָבער-קאָמיסאַר פון מצרים, האָט בשעת דעם אויפמאַרש פון גדוד אין קאַירא געהאַלטען די האַנד ביים היטעל פון „עוד לא אבדה" ביז „שמעו אחי" — אַ היפש ביסעל צייט, בדרך אגב. אַלענבי אַליין, ביי דער שטיין-לעגונג פון אוניווערסיטעט, איז אויפגעשטאַנען צו „התקוה". גענעראַל מאָני איז געבליבען זיצען. ס'איז געווען ביי אַ אידישער פייערליכקייט, אין אַ אידישער אַנשטאַלט, אין אָנוועזענהייט פון פרעמדע קאָנסולען.

אפילו נייע אָפיצירען, וואָס מ'האָט פריש געשיקט פון מצרים, פלעגען שוין קומען פער'סמ'טע. איך געדענק איינעם — אַ נייעם גאָווערנער פאַר יפו. אָנגעקומען איז ער אַליין אין אָוועגד, גערופען צו זיך אַ אידישען סעקרעטאַר און ערקלערט, אַז מאָרגען פריה וועט ער עמפאַנגען אַ בעגריסונגס-דעפּוטאַציע פון אידישע בירגער און וועט צו זיי האַלטען אַ רעדע אויף אַראַביש, ווייל ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט און האָט די בעסטע סימפּאַטיעס צו יענע אידען, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אין לאַנד און פערשטעהען אַראַביש;

אָבער די אַנדערע, די צוגעקומענע, האָבען בכלל נישט וואָס צו טהון אין ארץ־ישראל. דער סעקרעטאַר האָט עס בעריכטעט דעם ועד־הצירים, און מיר האָבען טעלעפאָנירט צו גענעראַל מאָני, אַז ס׳וועט זיין אַ סקאַנדאַל — די דעפּוטאַציע וועט זיך צו איהם פשוט אומקעהרען מיט די פּלייצעס און אַרויסגעהן אינמיטען זיין אַראַבי־שער רעדע. אפילו מאָני האָט דאָס נישט געוואָלט, און דעם גאָווערנער האָט מען געהייסען רעדען ענגליש — און בכלל נישט קיין איבעריגע זאַכען. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטען. מיט אַ חודש שפּעטער, אין אַ קלוב, אין אָנוועזענהייט פון פיעל ענגלישע און צוויי פראַנצויזישע אָפיצירען, האָט ער געזאָגט: „אויב מ׳וועט דאָ שלאָגען אידען, וועל איך עפענען מיין פענסטער און צוקוקען, און דעם מיליטער וועל איך הייסען נישט מישען זיך״. די צוויי פראַנ־צויזישע אָפיצירען זענען געווען אידען — איינער הייסט ד״ר סעגאַל, דער אַנדערער — אַדיוטאַנט סאַפּיר. זיי האָבען דאָס בעריכטעט דעם ועד־הצירים.

קלוג ווי געיבריעל איז געווען, האָט ער איין זאַך נישט פער־שטאַנען: אַז אידען זענען שוואַך נאָר אין ארץ־ישראל, אָבער ערגיץ־וואו אַנדערש זענען זיי שטאַרק—שטאַרקער, למשל, ווי אַ גרופּע אָפיצירען אויפ׳ן הר־הזיתים. צום סוף פון יאָהר 1919 זענען פערשוואונדען אי געיבריעל, אי גענעראַל מאָני. אין ארץ ישראל האָט מען דערצעהלט, אַז דאָס האָט גע׳פּועל׳ט מר. בראַנדייס, וועלכער איז, נאָך אַ בעזוך ביי אונז, געפאָהרען קיין לאָנדאָן און זיך דאָרטען שטאַרק בעקלאָגט אויף דער לאַגע. צי דאָס איז ריכטיג, ווייס איך נישט. — געיבריעל׳ן האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט פערלאָזען דעם הר־הזיתים; נאָך לאַנג נאָכדעם האָט ער געקעהרט וועלטען מיט זיין פּראָיעקט פון מאַלטעזישער קאָלאָניזאַציע; דער פּראָיעקט איז דורכגעפאַלען, און ער האָט זיך געטרייסט מיט די אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען אין לאָנדאָן.

(בדרך אגב, מיט דעמזעלבען מיטעל טרייסט זיך איצט מר. פּיקבי. ער האָט אַנדערע צרות, וואָס צווינגען איהם צו זוכען נחמות. זיין לעבענס־טרוים האָט זיך כמעט דערפילט: מ׳האָט איהם געשיקט אַלס ענגלישען ראַטגעבער אין אַ טייל פון זיין אַראַבישען גן־עדן — אין עבר־הירדן. דאָרטען איז ער געבליבען אַ יאָהר לאַנג, צוקוקענ־

דיג זיך צו אַבדוללאַ׳ס מלוכה־קונסט — איז אַוועקגעפאָהרען ענטוישט און פערביטערט. מערקווירדיג, וואָס אויך די אַנדערע הויפּט־פּרע־דיגער פון פעראייביגען דעם קאַראַוואַן און דעם הארעם האָבען זיך אָבגעקעהרט פון זייער אידעאַל: לאָרענס שווייגט, ריטשמאַנד (ער האָט געשפּיעלט די זעלבע ראָלע ווי געיבריעל, נאָר שפּעטער — אין סער הערבערט סעמיועל׳ע טעג) שווייגט; און פילבי לאָזט אויס זיין כּעס אויף אידען און ציוניזם...).

אָבער אונז אין דער „אָאיטאַ“ האָט די ענדערונג ווייניג גענוצט. אנשטאַט מאָני איז געקומען באַלס — און דער בלוטיגער פּסח תר״ף אין ירושלים, יענע דריי טעג שחיטה אין דער הייליגער שטאָדט, די עפּאָפּעע פון „הגנה“, דאָס מיליטער־געריכט, די געשיכטע פון די אידישע פערברעכער אין דער פעסטונג פון עכו — דאָס איז אויך זעהר „פּיטאַרעסק“; אָבער ס׳געהערט נישט צו מיין טעמא. איך שרייב פון גדוד — און דער גדוד איז שוין דאַמאָלס נישט געווען. וואָלט ער נאָך געווען...

ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער אידישער רעגימענט איז געוואָרען דער בעליעבטער אָביעקט פון דער אויבען־בעשריבענער שטימונג. כּדי צו שטעכען דעם בירגערליכען ישוב, האָט מען געמוזט זוכען בעזונדערע וועגען, אויסנוצען די גלענצענדע טאַלענטען פון אַ געיבריעל; אָבער צו „דערגעהן די יאָהרען“ אַ פּשוט׳ען סאָלדאַט איז גענוג צו זיין אַ קאַרפּאָראַל פון מיליטער־פּאָליציי. ס׳האָט זיך גע־עפענט אַנ׳אמת׳ע יאַגד...

אויף פּרטים וויל איך זיך נישט אָבשטעלען. אפשר איז דאָס אַ זאַך פון סענטימענט — איך האָב געטראָגען די ענגלישע אוני־פאָרם, און איך דערמאָהן זיך אָן איהר מיט שטאָלץ. איך קאָן קרי־טיקירען און אויסלאַכען אַ גענעראַל אָלענבי פאַר זיינע אומגעלומפּערטע עקסקורסיעס אין פּאָליטיק און ציוויל־פערוואַלטונג; אַלס אַ סאָלדאַט,

איז ער ביי מיר אלענבי, לאָרד פון מגידו, דער עראָבערער פון עזה, ירושלים, פון גליל און עבר-הירדן. זאָל איהם דער אויבער-שטער מוחל זיין פאַר די בעראַטער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומ-גערינגעלט, און פאַר דעם סם, וואָס זיי האָבען אריינגעבראַכט אין דאָס אינערע לעבען פון דער גרויסער משפחה, וואָס מ'רופט איהר „ארמעע", — פאָרט איז דאָס אָבער געווען מיין משפחה, און איך האָב זי ליעב. בעסער נישט צו דערצעהלען

אויב איך האָב לעזער צווישען אמעריקאנישע און קאַנאַדישע לע-גיאָנערען, וועלען זיי מיר אויך מוזען פערצייהען, וואָס איך שטעל זיך נישט אָב אויף די צוויי מיליטער-גערים, אין וועלכע מ'האָט געמשפט איין מאָל 54 און איין מאָל 35 פון אונזערע אמעריקאַנער באָיס. געמשפט פאַר „מיוטיני" (בונט). איך, א יוריסט לויט'ן דיפלאָם, אָבער א „יוריסט", וואָס אין זיין לעבען האָט ער קיין געריכטס-הויף נישט געזעהען, האָב געמוזט זיין זייער אדוואָקאַט; און א שווערער, א שוואַרצער מאָמענט איז עס געווען. אָבער אויך פון איהם וויל איך נישט רעדען. אונזערע סאָלדאטען האָבען געלעבט חדשים לאנג אין אַן'אטמאָספערע פון שטענדיגער פראָוואָקאַציע פון אויסעוויינינג; און אין דעם צווייטען פון די בייזע פאַלען איז אויך געווען א פראָוואָקאַציע פון אינווייניג—פון זייער אייגענעם קאָמאַנדיר, יענעם מאַיאָר סמאלי, וואָס איך האָב איהם דערמאָהנט אין אַ פאָריגען קאפיטעל. אָבער, אז מ'שטעהט אויף א שווערער וואַך — און דאָס איז געווען אונזער ראָלע אין ארץ-ישראל — טאָר מען זיך נישט נאָכגעבען אויף פראָ-וואָקאַציעס. איך בעשולדיג נישט — אינ'ם לויף פון די פראָצעסען האָב איך די יונגע לייט ליעב געקריגען און זיי האָבען זיך פיין און ווירדיג געהאלטען פאַר'ן געריכט; און איינער פון זיי, קארפא-ראַל לעווינסקי פון קאנאַדא, האָט געטהון אַ העלדישע זאַך — האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד, זאָגענדיג, אז ער האָט „גע-צוואונגען" זיינע חברים צו פערלאָזען זייער לאגער — ער האָט דערפאַר אליין געקריגען א אורטייל פון זיבען יאָהר מיליטער-גע-פענגעניש, און געראַטעוועט זעקס חברים. מ'האָט זיי אַלע אמנעס-טירט מיט א פיער חדשים שפעטער; און איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען, ווי אויף זייער וועג צוריק קיין ארץ-ישראל, זענען זיי געקומען צו דעם צוים פון דעמזעלבען אַרעסטאַנטען-לאגער אין קאנ-

טאַראַ, וואו מיר פלעגען זיך בעראַטען צווישען די זיצונגען פון זייער מיליטער-געריכט און וואו איך, צוזאַמען מיט 20 אַנדערע, בין דערנאָך געווען דער אַרעסטאַנט, און מיט טרעהרען אין דער שטימע האָבען זיי מיר געזאָגט: „סער, אונזער האַרץ איז צוריסען זעהענדיג אייך דאָ...” דאָס וועל איך נישט פערגעסען. חס ושלום, איך בעשולדיג זיי נישט: צו טייער זענען זיי מיר, אָבער טייער איז אויך דער לעגיאָן-געדאַנק, און איך האָב אַמאָל געהאָפט, אַז אַלע וועלען מיר צוזאַמענפרעסען די צייהן, פערמאַכען די אויגען און אויסהאַלטען, אויסהאַלטען, אויסהאַלטען...

איך וויל נישט שאַפען דעם איינדרוק, אַז „אַלע” אין אַלענבי׳ס הויפט-קוואַרטיר זענען געווען אונזערע שונאים, אָדער אַז אַלע שונאים זענען געווען נאָר קריסטען און אַראַבער. להפך: דער מענש, וואָס האָט געגעבען דעם שטאַרקסטען קלאַפ דער מיליטער-קאַסטע און ענדגילדיג בעפרייט ארץ-ישראל פון איהר הערשאַפט, איז געווען דוקא איינער פון די העכסטע בעאַמטע אין דער „אָאיטאַ”-פערוואַלטונג: קאָלאָנעל מיינערצהאַגען, דער פאָליטישער סעקרעטאַר פון גענעראַל באָלס. ער האָט געזאָגט אי באָלס׳ן, אי אַלענבי׳ן גלייך אין פנים, אַז די רעגירונג איז בעגאַנגען אַ פערברעכען; טראָץ אַלע ביטעס, חניפות און סטראַשונקעס האָט ער געשיקט אַ שאַרפען בעריכט צום קריעגס-מיניסטעריום, און האָט געצוואונגען, אַז דעם בעריכט זאָל מען ווייזען לאָיד-דזשאָרזש׳ן און זיין קריעגס-קאַבינעט. דאָס איז געווען דער אמת׳ער האַמער-קלאַפ, וואָס האָט ליקווידירט די גענעראַלצן-ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל.

און, פון דער אַנדערער זייט, האָט אויך נישט געפעהלט יענער פערסאָנאַזש, אָהן וועלכען, לויט דער טראַדיציע פון גלות, עס קאָן זיך נישט בעגעהן אַ גוט-איינגעריכטעטע אידען-העצעריי: דער אידישער מסור. זיין נאָמען וויל איך נישט דערמאָהנען, אָבער ער דרעהט

איך נאָך אַרום אין דער ענגליש-אידישער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן.
דאַמאָלס איז ער, נאַטירליך, געווען אַ קאַפּיטאַן, גערעדט אפילו
וועגן אַרייגעהן אין גדוד, אָבער שליסליך פאַרגעצויגען צוצורוקען
זיך צו דער הויפּט-קוואַרטיר. „וואָס מאַכט ער דאָרט?" — האָב איך
אַמאָל געפרעגט ביי אַן׳ענגלענדער. „אָ — גלאַט אַ באַטלוואָשער", —
האָט ער געענטפערט — „ער דערצעהלט אַנעקדאָטען אין אַלענבי׳ס
מעס".

וועגען דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון אָט-די „אַנעקדאָטען"
האָב איך אַ סך געהערט; איינעם פון זיי האָב איך זוכה געווען צו
זעהען שוואַרץ אויף ווייס — דוקא וועגען מיין אייגענער וועניגקייט.
ס׳איז געווען אַזוי: קורץ פאַר׳ן אויסברוך פון יענע „אונרו-
הען" ביי אונזערע אַמעריקאַנער סאָלדאַטען האָב איך געשיקט צו
קאָלאָנעל פּאַטערסאָן אַ באַריכט, זאָגענדיג, אַז מ׳פערביטערט דאָס
לעבען אי דעם גאַנצען ישוב, אי אונזערע סאָלדאַטען, און אַז דאָס
קאָן פיהרען צו שווערע און געפעהרליכע ערשיטערונגען. אַ קאָפּיע
פון דעם באַריכט האָב איך געשיקט צו גענעראַל אַלענבי אַליין,
ווענדענדיג זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער ווילדער העצע, וואָס
געהט אַרום אין דער אַרמעע און צווישען די אַראַבער.
מיט אַ וואָך שפּעטער איז געקומען קיין תל-אביב יענער אידי-
שער קאַפּיטאַן און האָט מיך איינגעלאַדען צו טרעפען זיך מיט
איהם אין הויז פון יחיאל ווייצמאַן, ד״ר ווייצמאַנ׳ס אַ ברודער.
יחיאל ווייצמאַן איז געווען ביי אונזער געשפּרעך.

— אַלענבי האָט בעקומען אייער בריעף, — זאָגט דער קאַפּי-
טאַן,—ער איז כמעט בערייט, אייך צו עמפּפאַנגען און אויסצוהערען.
אייגענטליך הענגט דאָס אָב פון מיר: ער האָט מיך געבעטען, צו
זעהען זיך מיט אייך און דערוויסען זיך, אויף וואָס איהר בעקלאָגט
זיך. רעדט גאַנץ פריי — מיר זענען דאָך אידען.
איך האָב פון איהם נישט שטאַרק געהאַלטען, בעזונדערס נאָך
יענעם ענגלענדער׳ס ווערדיקט; אָבער פון גענעראַל אַלענבי׳ס פעהיג-
קייט אויסצוקלייבען זיך זיינע פערטרויענס-לייט האָט מען אין ארץ-ישראל
אויך נישט פיעל געהאַלטען. ווער ווייס — אפשר זאָגט ער דעם אמת.
און איך האָב איהם דערצעהלט וועגען מיינע בעאָבאַכטונגען.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָט מיר אַ פריינד פון הויפּט־קוואַרטיר געשיקט אַ קאָפּיע פון בעריכט, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט פאָרגעשטעלט דעם גענעראַל וועגען זיין געשפּרעך מיט מיר. פון מיינע „בעאָבאַכטונגען" איז דאָרט נישט געשטאַנען קיין איינציג וואָרט; נאָר וועגען מיר פּערזענליך — פּעך און שוועבעל. אַ פּאָר־טרעט מיט שטאַרקען שוואַרצען טינט. די פּרטים פון מיין „גזלנות", וואָס איך האָב דאָרטען געלייענט, זענען נישט אינטערעסאַנט; נאָר איין בעמערקונג זיינע איז אפשר כדאי צו דערמאָהנען: ער האָט ענטדעקט, אַז איך בין אַ „באָלשעוויק"...

אָבער מיך האָט מען געהייסען פאָהרען אין קאנטארא און ווערען דעמאָביליזירט; און אין אויגוסט 1920 בין איך געוואָרען ווידער אַ ציווילער מענש. דאָ ענדיגען זיך מיינע פּערזענליכע זכרונות פון גדוד. וואָס עס איז נאָך ווייטער געשעהען מיט אונזערע באַטאַליאָנען, האָב איך שוין דערצעהלט; ס'בלייבט מיר נאָר איין לעצטער קאַפּיטעל — אַ מין רעדע פון אַ טאַטען אויפ'ן קבר פון זיין קינד; פון אַ טאַטען, וואָס גלויבט נישט אין קברים, און האַלט, אַז דאָס קינד איז נאָך גאָרנישט בעגראָבען.

די אויספיהרונגען.

איך מוז ענדיגען אַזוי ווי איך האָב אָנגעפאַנגען: איך האָב זיך נישט אונטערגענומען צו שרייבען אַ „געשיכטע" פון אידישען לעגיאָן. דערצו האָב איך, ערשטענס, נישט די מאַטעריאַלען. די בעוועגונג האָט געהאַט אַ גאַנץ פערשיעדענעם פערלויף אין יעדען פון דעם האַלבען טוץ לענדער, וואו זי איז פאָרגעקומען: אין ארץ-ישראל, אַמעריקאַ, קאַנאַדא, אַרגענטינא, מצרים. טרומפּעלדאָר'ס פערזוך אין רוסלאַנד, אין קערענסקי'ס צייטען—אַ פערזוך, וואָס האָט שיער נישט געבראַכט צו דער שאַפונג פון אַ גאַנצער אידישער אַרמעע — איז אויך ווערט אַ לאַנגען בעריכט. און דאָס איז בלויז די „לעגיאָן-בעוועגונג". דער לעגיאָן גופא האָט אויך געהאַט אַ קאָמפּליצירט לעבען, פון וועלכען איך אַליין האָב געזעהען נאָר אַ קליינעם טייל. איך בין נישט געוועזען אין גאַליפּאָלי מיט'ן „ציון-מיול-קאָרפּוס", נישט אין עס-סאַלט מיט מאַרגאָלין'ס צוויי קאָמפּאַניעס; בכלל האָב איך נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם אינערליכען לעבען פון די צוויי באַטאַליאָנען, אַחוץ מיין אייגענעם באַטאַליאָן. און גראָד זייער אינערליך לעבען, בעזונדערס ביי די ארץ-ישראל-מתנדבים, איז אפשר געוועזען אינטערעסאַנטער. וועגען אָט די אַלע זייטען פון דער בעוועגונג און אָט די אַלע איבערלעבונגען פון גדוד האָב איך בלויז געשריבענע מאַטעריאַלען, און ווייט נישט קיין גענוגענדע. און אויך די דאָזיגע מאַטעריאַלען זענען צוזייהט און צושפּרייט איבער פערשיעדענע „אַרכיווען", וואָס אַ נע-ונד'ניק איז געצוואונגען צו שאַפען זיך אין יעדער שטאָדט, וואו דאָס לעבען פערוואַרפט איהם אויף אַ יאָהר

אָדער עטליכע יאָהר. ס׳וואָלט אָהן ספק כדאי געווען צו פערעפענ־טליכען אַ פולע געשיכטע פון גדוד, אָבער דאָס קאָן מאַכען נאָר אַ געזעלשאַפט מיט פיעל מיטלען. אפשר וועלען אַמאָל די אַמעריקאַנער חברים, די רייכסטע פון אונז, אונטערנעהמען אַזאַ ארבייט; איך מיט מיינע אייגענע כחות קאָן עס נישט בעווייזען.

איך האָב בלויז געצייכענט מיינע פערזענליכע עראינערונגען, מסתּמא מיט אַלע חסרונות פון אַזאַ מין ליטעראַטור: סוביעקטיווע אָבשאַצונגען, אַמאָל אַ טעות אין די דאַטען אָדער נעמען, און צו־פיעל „איך״. דערפאַר בעט איך ענטשולדיגונג, אָבער איך טאָר זיך נישט פערענטפערן. איין זאַך בלויז וויל איך יאָ פערענטפערן.

האָב איך געשריבען דעם אמת? יאָ, לויט מיין געוויסען האָב איך געשריבען דעם גאַנצען אמת! מיט אַ כיוון אָבער—נישט. אַ גאַנצע רייה פאַקטען האָב איך פערשוויגען. ווייל איך גלויב נישט, אַז יעדער פאַקט איז „אמת״ אין פונדאַמענטאַלען זין פון דעם וואָרט. אַ גרויסע זאַך האָט אַ כאַראַקטער, אַ „פנים״; דאָס, וואָס ענטשפּרעכט דעם כאַראַקטער פון איהר פנים, געהערט צום אמת; דאָס, וואָס עס שטעהט צו איהם אין סתירה, איז אַ צופאַל, אַ קראַץ, אַ מאַזאָלע. די שענסטע עפּאָפּעען פון דער וועלט־געשיכטע האָבען געהאַט אַזעלכע מיאוסע פלעקען. מ׳קאָן דערצעהלען טויזענד מיאוס׳קייטען וועגען דער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציע, וועגען לינקאָלנ׳ס בירגער־קריעג און וועגען גאַריבאַלדי׳ס מלחמות, און אפשר דאַרף מען זיי דער־צעהלען — אין אַ בוך פון וויסענשאַפטליכער געשיכטע. אָבער בשעת מען וויל נאָר פערצייכענען דעם עצם פון אַנ׳עפּיזאָד, וואָס זיין שענקייט וועט קיינער היינט נישט מעהר אָבלייקענען, איז דאָס קרענקליך צו גראָבען זיך אין קויט, הגם קויט זאַמעלט זיך אָן אומעטום, וואו ס׳פערזאַמלען זיך מענשען; ס׳איז קרענקליך צו דער־צעהלען, אין אַ קורצער איבערזיכט פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, אַז בעת דער אַטאַקע אויף דער באַסטיליע האָבען דערווייל גנבים געשלעפּט טיכלעך פון די קעשענעס — כאָטש דאָס מעג זיין אַ פאַקט. אַ געזונדער מח נעהמט נאָר דאָס וויכטיגע; און וויכטיג איז דאָס, וואָס געהערט צו דעם הויפּט־אויסדרוק פון אַ „פנים״.

כ׳מוז מודה־זיין, אַז איבערלייענענדיג מיין כתב־יד, בין איך

אַליין אַמאָל געצוואונגען זיך פונאַנדערצוקלאַכען און אויסרופען צו זיך אַליין: צו גלאַט און פיין זעהט אויס ביי דיר די גאַנצע מעשה. אַלע גוט, אַלע טאַפּפער, ווי די לייבען; יעדער, וואָס האָט דיר געהאָלפען, איז שוין ביי דיר אַ צאַצקע פון אַלע זייטען, אָהן מום און אָהן חסרון. און האָסטו פערגעסען די צרות, די ערנידריגונגען, וואָס דו אַליין האָסט געהאַט אויסצושטעהן אַט טאַקי מיט יענער גרופּע גבורים, וואָס זיי האָסטו געווידמעט די גרעסטע שבחים? און בשעת דו דערמאָהנסט מיט דאַנק די שטיצע, וואָס דו האָסט אַמאָל בעקומען פון דעם אָדער יענעם אידישען פיהרער — צי האָסטו פערגעסען די צעהן שטעך פון הינטען, די צוואַנציג בגידות זיינע?

דער זכרון איז אַן׳אויטאָנאָמע מאַשין, און דערביי אַ קליינליכע. ער טשעפּעט זיך צו פּיצינקעלעך פּרטים, בעזונדערס צו די ביטערע, און וויל פון זיי נישט פּטור ווערען. דערפאַר אָבער האָט אונז דער אויבערשטער געגעבען אַ קאָנטראָל-אַפּאַראַט, וואָס הייסט געשמאַק. ביטערע פּרטים זענען יאָ געווען, אַ סך, און שטאַרק ביטערע, אָפט ביז צו עקעל. נאָר ווען געהט עס אָן? די גדוד-בעוועגונג און דער גדוד שטעהען איצט אין דער אידישער געשיכטע ווי אַ סך-הכל, און דער סך-הכל איז אַן׳איידעלער, באמת אַן׳איידעלער, צוזאַמענגעשטעלט פון פיעל שווערעליידען, פון קרבנות, פון גוטען ווילען, פון עהרליכער אַרבייט. דאָס איז די הויפּט-זאַך: די פּרטים, וואָס שטערען די הויפּט-זאַך, קאָנען אינטערעסירען נאָר די זשאַבעס פון אַ פיינדליכער קיביצאַרניע.

זאָגענדיג דאָס, שטיץ איך זיך — אומווירדיגערהייד — אויף אַ גרויסער אויטאָריטעט. אַזוי האָט געטהע אַמאָל בעשריבען זיין לעבען און אָנגערופען די דריי ביכער „וואַהרהייט און דיכטונג": נישט ליגענס, נישט פערזיסטע שילדערונגען—נאָר אמת, אָבער אַן׳אמת, וואָס איז אָבגערייניגט פון פּסולת. און אפשר איז דאָס די איינציג-ריכטיגע פאָרם, דער איינציגער ווירדיגער לבוש, אין וועלכען דער אמת דאַרף ערשיינען פאַר׳ן עולם.

יאָ, זיי זענען געווען טאַפּפער און בכלל גוטע סאָלדאַטען, און אויך „סמארט", קרעפטיגע אין אויסזעהען. פערשטעהט זיך, אַז איך האָב נישט פערגעסען יענעם יונגאַטש פון ניו-דזשורזי, וואָס פלעגט שטענדיג

קייען גומע אויף אַ פּאַראַד; און אויך נישט יענעם „שניידער", וואָס מ׳האָט איהם געכאַפּט שלאָפענדיג אויף דער וואַך אין „נאָ־מענס־לאַנד"; און בעזונדערס נישט יענעם טכויר, אַ לאַנדאָנער, וואָס איז אַנטלאָפען צו די טערקען אַכט טעג פאַר דער אָפענסיווע. אָבער גאַריבאַלדי האָט שוין אין די ערשטע טעג פון זיין קאַמף אין סי־ציליען געמוזט דערשיסען פאַר גנבות דריי פון זיינע פּאַטריאָטען. נאָר צי שאדט דאָס דער גרויסקייט פון די טויזענד גבורים, וואָס פון זיי הויבט זיך אָן איטאַליען׳ס בעפרייאונג? איז 997 ווייניגער ווי 1000? אין דער מאַטעמאַטיק יאָ, אָבער נישט אין דער געשיכטע. אַ „טויזענד" זענען זיי געווען און אַ „טויזענד" העלדען געבליבען אין אייביגען ספר־הזכרון פון זייער לאַנד און פאָלק.

כ׳האָב געשריבען דעם אמת. שטאָלץ קאָן דאָס פאָלק ישראל זיין אויף זיינע פינפהונדערט „מיול־דרייווער" (מויל־אייזעל־טרייבער) און אויף זיינע פינף טויזענד „פיוזילערס" (שיסער). אויף אַלע: די ווייטשעפּעלער, די תל־אביב׳ער, די ניו־יאָרקער, די מאָנטרעאלער, די אַרגענטינער, די אַלעקסאַנדרינער. פון פיער וועלט־חלקים זענען זיי געקומען, און איינער — קאָלאָנעל מאַרגאָלין — פונ׳ם פינפטען: פון אויסטראַליען. און שען און שטאַרק האָבען זיי געטראָגען דעם דיענסט פאַר׳ן אידישען עתיד.

און שטאָלץ קאָן דאָס פאָלק ישראל זיין אויף יענע העלפער און שטיצער, וואָס זענען געקומען צו אונז פון די אומות־העולם. עטליכע פון זיי טראָגען גרויסע נעמען ביי זייערע פעלקער, אַנדערע זענען ווייניגער בעקאַנט אָדער אומבעקאַנט; אָבער פיינע נשמות,ברייטע הערצער זענען דאָס געווען: אַ גוטער סימן פאַר דער צו־קונפט, אַ פירוש צו „לא אלמן ישראל", אַ בעוויז, אַז די גוֹאישע וועלט איז נישט קיין וועלט פון וועלף, נאָר אַ וועלט פון ברידער.

וועגען דער בעדייטונג פון גדוד האָב איך עטליכע מאָל גע־רעדט און וויל דאָ בלויז רעזומירען מיין אָבשאַצונג. נאַטירליך, איז דאָס אַנ׳אָבשאַצונג פון אַ פּערזאָן, וואָס איז פּעראינטערעסירט, און דעריבער אפשר נישט אינגאַנצען אָביעקטיוו. אָבער אויך דער אַנדערער צד וועט דאָך נישט זיין אָביעקטיוו. דער ויכוח וועגען דעם לעגיאָן־געדאַנק האָט זיך נאָך נישט געענדיגט: ער הויבט זיך ערשט אָן. די לופט איז נאָך פול פון פּאַרטיי־האַס און פּערזענליכען פאַנאַטיזם. יענע, וואָס ווילען נישט קיין נייעם גדוד, וועלען נאַטירליך אונטערשעצען אויך דעם אַלטען, און פערקעהרט. אפשר געהער איך אויך צו די פון „פערקעהרט״. אָבער צו פשוט זאָל מען מיין פסיכאָלאָגיע אין אָט דער פראַגע אויך נישט קאָנסטרואירען. ווען אַ מענש איז דורך און דורך סוביעקטיוו, וויל ער קודם־כל בע־ווייזען, אַז ער האָט „געזיעגט״, „אויסגעפיהרט״. איך זאָג דאָס נישט. איך האָב נישט געזיעגט: כ׳האָב געטרוימט פון אַ גרויסער אידישער אַרמעע, נישט פון פינף טויזענד סאָלדאַטען. אָבער אָט די פינף טויזענד— זיי האָבען יאָ „אויסגעפיהרט״; דער גדוד אַליין, אָט אַזוי ווי ער איז געוועזען, האָט יאָ געהאַט אַ היסטאָרישען, אַנ׳ענטשיידענדען אָנטייל אין דער געשיכטע פון ציוניזם. דאָס איז מיין מיינונג; און פונקט ווי איך בין זיכער, אַז די זון וועט מאָרגען אויפגעהן, אַזוי בין איך זיכער אין דעם, אַז אַזוי וועט אויך די צוקונפט אָבשאַצען די ליידען און דעם קרבן פון אידישען גדוד.

זיין מיליטערישע בעדייטונג איז געוועזען די, וואָס עס קאָנען האָבען עטליכע באַטאַליאָנען אין אַ גרויסער אַרמעע. ענגלאַנד וואָלט געקאָנט בעפרייען ארץ־ישראל אויך אָהן אונז, אָבער זי האָט בע־פרייט ארץ־ישראל מיט אונז, און דערביי געשטעלט אונז — יעדער ספּעציאַליסט וועט דאָס אָנערקענען — אויף איינעם פון די שווערסטע פּאָסטענס. ס׳איז נישט פיעל, נישט ווענינ: ס׳איז דאָס, וואָס עס איז. דער גרויסער אַלטער רעגימענט פון די „ראָיאַל־פיוזיליערס״, ווערמענס נאָמען אונזערע דריי באַטאַליאָנען האָבען געטראָגען בשעת דער אָפענסיווע, האָט צוליעב אונז בעקומען דאָס רעכט אויפצושרייבען אויף זיין פאָהן, וואו ס׳שטעהט שוין, אויסגענעהט מיט גאָלדענע אותיות, „קרים״, „אינדיען״, „סודאַן״, „דרום־אפריקא״, אַ נייעם נאָמען: „פּאַלעסטיין״. ס׳איז געוועזען אַ שענע צערעמאָניע, און דער אַלטער

ענגלישער רעגימענט איז שטאָלץ אויף אונזער לייסטונג. פּאַטערסאָן און מאַרגאָלין אויך. איך אויך.

די בעדייטונג פון גדוד אַלס אַ שומר פון דער רוה אין ארץ-ישראל איז אַן אַנדער זאַך. איך האָב דאָס שוין געזאָגט: כל-זמן די 5000 האָבען געהיט ארץ-ישראל — אפילו אין אַ שטורם-צייט, ווען זיי זענען געבליבען היטען כמעט אַליין — איז געווען שטיל. ווי זיי זענען נאָר פערשוואונדען — האָט זיך אָנגעהויבען אַ סעריע פון פּאָגראָמען: ירושלים, יפו, פתח-תקוה, ווידער ירושלים. געגנער וועלען זוכען תירוצים, בעוויזענדיג, אַז „גאָר נישט צוליעב דעם...״ אָבער זיי מעגען זיך שעמען. צי מ׳האָט ליעב אָדער פיינד, אָבער דעם פּאַקטישען פּערדיענסט, וואָס האָט געראַטעוועט, גאָט ווייס וויפיעל אידיש בלוט, טאָר מען ביי די פינף טויזענד אידישע יונגעלייט נישט צונעהמען.

די מאָראַלישע בעדייטונג פון לעגיאָן מוז קלאָר זיין פאַר יעדען, וואָס קאָן דענקען, סיי ער איז אַ פּאַציפיסט, סיי נישט. מלחמות האָבען מיר אַלע פיינד; אָבער אַ פּאַקט איז, אַז מיר האָבען בע-קומען אונזער אָפיציעלעס רעכט אויף ארץ-ישראל אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ מלחמה — דאָס הייסט, פון גרויסע מענשליכע קרבנות. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלען, ווי ס׳וואָלט אויסגעזעהען אונזער מאָראַלישע לאַגע, ווען מ׳וואָלט אונז געקאָנט וואַרפען אין פנים אַריין די פראַגע: וואו זענט איהר געווען? פאַרוואָס איז קיינער פון אייך נישט גע-קומען מיט אַ פּאָדערונג: לאָזט אונז פערגיסען אויך אונזער בלוט, אונז אַלס אידען, פאַר אונזער ארץ-ישראל? — היינט האָבען מיר אַן׳ענטפער: פינף טויזענד; ס׳וואָלט געווען אַ סך מעהר, ווען אייער אייגענע רעגירונג וואָלט נישט אַזוי פערשפּעטיגט מיט איהר הסכמה. און אָט דער מאָראַלישער ווערט פון לעגיאָן-געדאַנק איז עס געווען, וואָס האָט צו איהם געצויגען די סימפּאַטיעס פון אַזעלכע מענשען, ווי דער דרום-אפריקאַנישער פּרעמיער סמוטס, אַליין אַ פּאַציפיסט, וועלכער האָט געזאָגט: „די שענסטע אידעע, וואָס איך האָב געהערט אין מיין לעבען״.

אָבער גרעסער פון אַלץ איז געווען די פּאָליטישע בעדייטונג פון די פינף טויזענד: היסטאָריש און ענטשיידענד. כ׳האָב פון טאָג

צו טאָג געזעהען די אַרבייט פון יענע מענשען, וואָס האָבען פער־אייביגט זייערע נעמען, קריעגענדיג פאַר אונז די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע; זיי ווייסען אַליין, ווי הויך איך שעץ זייער ווערק. און איך פערגעס נישט, פערשטעהט זיך, אַז די אָנשטרענגונגען, וואָס מ'האָט געמאַכט אין די קריעגס־יאָהרען, זענען נאָר אַ קליינער טייל פון יענער אַרבייט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געלייסטעט פאַר ארץ־ישראל נאָך פריהער. די באַלפור־דעקלאַראַציע פערדאַנקען מיר אי הערצל'ן, אי ראָטשילד'ן, אי פינסקער'ן, אי משה העס'ן; נאָך מעהר פערדאַנקען מיר זי דעם ביל"ו און זיינע נאָכפאָלגער — די קאָלאָניסטען, אַרבייטער, לעהרער, פון רוחמה אין דרום ביז מתולה אין צפון. כ'רעד שוין נישט וועגען דעם, וואָס האָט אונז מעהר פון אַלעמען געהאָלפען ביי די פעלקער: פונ'ם בוך, וואָס איז הייליג ביי אונז און ביי זיי. אפשר גאַנצע ניין שריט צום ציעל, אפשר גאַנצע ניין און ניינציג, זענען געמאַכט געוואָרען נאָך פאַר דער מלחמה, נאָר דער צעהנטער, דער לעצטער שריט, — אין דער מלחמה־צייט. אָבער אָט דער לעצטער שריט איז געווען אַ גרויסער; און עס איז נישט גערעכט צו פערגעסען, אַז דאָס איז געווען אויך אַ קאָלעקטיווער פערדיענסט — צו געדענקען נאָר איינצעלנע, ווי הויך זייער זכות זאָל נישט זיין, און פערגעסען פינף טויזענד. און איך זאָג דאָס מיט דער טיעפער און קאַלטער איבערצייגונג פון אַ בעאָבאַכטער—רעדענדיג נאָר פון דער בעגרעניצטער קריעגס־תקופה: — פופציג פראָצענט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע געהערען דעם גדוד. ווייל די וועלט איז נישט הפקר: צו פערזאָנען גיט מען נישט קיין באַלפור־דעקלאַראַציע. מ'גיט זיך נאָר צו אַ בעוועגונג. אין וואָס, וואו, ווען האָט זיך אויסגעדרוקט די ציוניסטישע בעוועגונג אין יענע קריעגס־יאָהרען? זי איז געווען צובראָכען און פאַראַליזירט און איז, לויט איהר גאַנצער נאַטור, געשטאַנען אויסער דעם ענגען געזיכטס־קרייז פון אַ קריעגס־וועלט מיט איהרע קריעגס־רעגירונגען. נאָר איין איינציגע מאַניפעסטאַציע פון ציוניסטישען רצון איז געווען אימשטאַנד דורכצוברעכען די ווענד פון אָט דעם בעגרעניצטען געזיכטס־קרייז; צו בעווייזען, אַז דער ציוניזם לעבט און איז גרייט צו ברענגען קרבנות; צו צווינגען מיניסטאָרען, באָטשאַפטער און — די מעכטיגסטע פון אַלע — זשורנאַליסטען צו בעהאַנדלען די שטרעבונג פון פאָלק

ישראל צו זיין לאנד אלס א זאך פון דרינגענדער אקטואליטעט, א זאך, וואָס מ'קאָן נישט אָפּלעגען אויף משיח'ס צייטען, ווייל היינט מוז מען ענטפערן יאָ אָדער ניין, — דאָס איז געווען די לעגיאָן-בעוועגונג.

דאָס אידישע פאָלק האָט די פינף טויזענד נישט געדאנקט, זיי דארפען נישט קיין דאנק. אָבער אין זייער בעוואוסטזיין לעבט דאָס שטאָלצע געפיהל, וואָס איך האָב דאָ אויסגעדרוקט; און ס'וועט נאָך קומען א צייט, ווען אידישע קינדער וועלען לערנען אָט דעם אמת צוזאמען מיט'ן אלף-בית. און צו יעדען איינצעלנעם פון די פינף טויזענד זאָג איך דאָס, וואָס איך האָב אמאָל געזאָגט צו מיינע „שניידער", געזעגנענדיג זיך מיט זיי אין אונזער לעצטען „לאגער" ביי ראשון: „ווייט, ביי זיך אין דער היים, וועסטו אמאָל לעזען אין א בלאט שענע בשורות פון א פרייען אידישען לעבען אין א פרייען אידישען לאנד — פון פאבריקען און אוניווערזיטעטען, פון דאָרף און טעאטער, אפשר פון דעפוטאטען און מיניסטאָרען. דעמאָלט וועסטו זיך פערטראכטען, און דאָס בלאט וועט ארויספאלען פון דיין האנד; און דו וועסט זיך דערמאָהנען אָן דעם עמק הירדן, אָן דער מדבר ביי רפה, אָן די הרי אפרים ביי אבוצין. אין יענער שעה זאָלסטו אויפשטעהן, צוגעהן צום שפיגעל, און שטאָלץ קוקען אין דיין פנים. דו זאָלסט א שפרונג טהון אויף „הקשב" און זיך אליין סאלוטירען — ווייל דו האָסט דערצו געבראכט".

פאריז, 1926/7.

פעלד־ראַבינער פאַלק

דריי אָבצייכנונגען פון די לעגיאָניסטען